STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00175

AF VAYTE VEGN

David Ignatoff

Permanent preservation of this book was made possible by
Mary Ann Barrows
in memory of
Rose & Isidore Barrows

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַף װײַטע װעגן

פון ווייטע וועגן זיינען אַנטלאָפענע מענטשן פון מזרח מיט מזרח־ווינט
און מזרח־דראַנג געקומען אַריבער דעם ים

אַף ווײַטע וועגן

ראָמאַן

פון דוד איגנאַטאָוו

אין דריי ביכער:

אַנטלאַפענע

דער, וואָס קומט

אויפברויז

פאַרלאַג אַמעריקע
ניו יאָרק

ערשטע אויפלאַגע,
ערשטע טויזנט.

געדרוקט:
גרייזעל פרעס.

פאַדערבלעטער פון
י. טאָפּל.
פאַרלאַג־עמבלעם פון
ב. קאָפּמאַן

Copyright 1932 *by*
FARLAG AMERICA
425 *Lafayette Street*
New York City, N. Y.

בוך איינס:
אַנטפּאָפּענע

אין זעקס טײל:
אָפּגעריסענע בלעטער
דאס ליכט
מיטן לויף פון יאָרן
דער נייער שטראָם
דער גרויסער טורעם
געסט

I

אָפּגעריסענע בלעטער

ערד איז ברוין. ערד האט אין זיך גרויען פעלז און רויטן קיזלשטיין. ערד האט אייזן, האט שווארצן און ווייסן מירמלשטיין, און ווען דער מענטש איז באפאלן די ערד, האט ערד מיט גרויסע, פירעקיקע פלאכן זיך גענומען הויבן פון דער ערד ארויס. שווערע ערדענע און פעלזיקע מאסן האבן זיך גענומען הויבן, האבן גענומען וואקסן, און האבן זיך צעבליט מיט פענצטער און פענצטער אן א שיר. די וואקסנדיקע פלאכן האבן זיך צעשטעלט אין אויפגעשפרונגענע גאסן, און אזוי איז ביים ים — אויף מיילן — א צעבליטע, פענצטערדיקע שטאט געווארן.

א באהאלטענער כוח וואקסט אין דער שטאט איינענעם מיט דער שטאט און הויבט און רייסט די שטאט אלץ העכער; שלאנק־ארויף אירע מויערן מיט אויפגעהויבטע צענדליקע עטאזשן; שלאנק־ארויף מויערן, וואס הויבן זיך צום הימל ווי שארף־אויפגעשטעלטע שפיזן; מויערן, וואס רייסן זיך ווי גרויסע ליכט, און מויערן, וואס לויכטן ווי ריינע און ווייס־געפעלזטע געטלאכע פינגער; מויערן — טיטאנען, מיט קעפ, מיט אויפגעהויבטע העלדזער. מויערן מיט גילדערנע קרוינען און מויערן מיט קאלטע און שטיל־געבראכענע קלוגע פלאכן.

הויכע גאסן און מויערן פון דער שטאט ניו יארק. זיי רייסן און שפאלטן די ניו יארקער לופט און דעם ניו יארקער הימל און די לופט און דער הימל ווערט איבער די מויערן צעטיילט און צעשניטן אף לויטערע, אויסגעהאמערטע, ליכטיקע פארמען.

אט אזוי איז ניו יארק היינט. אזוי איז ניו יארק פאר דעם אלט־געזעסענעם. זיין וואונדערלאכע שטאט פון שטיין און שטאל און אייזן. זיין אויפגעמויערטע, זיין — פון אים אליין — אויסגעשמידטע לעגענדע. זיין פון דער ערד ארויסגעריסענע בליענדיקע שטאט; זיין שטאט — זיין וואונדער פון דער וועלט.

אנדערש אבער איז די שטאט פאר דעם ניי־געקומענעם.

די נייע, פרעמדע מענטשן, וואס קומען פון אריבערן ים אין אט־דער ניט־געדאכטער און ניט־געזעענער שטאט, דערפילן, אז — צו שטארק איז דער שטראם. אט — און ער וועט זיי אומווארפן, אדער

אַפּרייסן, און זיי וועלן מער ניט פֿילן זייערע אייגענע פֿיס אונטער זיך. מיט טייוולשן אימפּעט און ריזיקער קראַפֿט יאָגן זיך איבער די גאַסן באַנען, טראַמווייען און אַטאָמאָבילן. ס'לויפֿן אַן אויפֿהערט אום כוואַליעס איילנדיקע מענטשן, זייערע פּנימער ווערן געטראָגן און געוואָרפֿן, ווי שוים אַף אַ צעווילדטן ים.

די מויערן אַרום זיינען אַזוינע טרוקענע, שטומע און הויכע — קוים מיטן אויג צו דערלאַנגען, און די מענטשן, וואָס קומען אין דער שטאָט פֿון אַריבער ווייטע ימען, קריגן גלייך ברייט־צעעפֿנטע אויגן. זיי דער־פֿילן מיט שרעק די וואַגיקייט פֿון די אַנגעשטעלטע גאַסן. ווילד און ניט־גלויבלאַך איז דאָס אַלץ. צו־שטאַרק איז דער געלאַף אַרום זיי. די ערד האָט דאָ אין דעם לאַנד מיטאַמאָל צעעפֿנט אַ ברוטאַל מויל אַזאַ מיט ציין אַזוינע שווערע, פּלאַכע, און ציין אַזוינע הויכע, שאַרפֿע, וואָס רייסן זיך ווילד אַריבער די נידעריקערע, שווערע, קלעצלדיקע ציין; און מענטשן וואוינען אין די ציין, און מענטשן לויפֿן צווישן די ציין פֿון אָט־דעם שרעקלאַכן, פֿיל־ציינערדיקן מויל, ווי דער רוח וואָלט זיי געטריבן, ווי דער ווינט וואָלט זיי געטראָגן.

בלייבן דידאָזיקע מענטשן שטיין — קוקן זיך אום צעטומלט. און דערזעט איינער פֿון די צעטומלטע ברייט־אויגיקע מענטשן נאָך איינעם. וואָס האָט אויך אַזוינע ברייט־צעעפֿנטע אויגן, ווי ער, העפֿט ער זיך אָן אין אים, כדי זיך צו דערפֿילן שטאַרקער, און אַזוי זוכט זיך אויף אַ דריט־טער און אַ פֿערטער, ביז עס ווערט אַ קרייז פֿון מענטשן, וואָס נעמען לעבן אַ גאַנץ באַזונדער לעבן; אַ קרייז, וואָס הויבט מיט דער צייט אָן באַטראַכטן און פֿאַרשטיין די וועלט אַף אַ גאַנץ באַזונדערן אופֿן — אַפֿט לויט די אידייען פֿון איינעם פֿון דעם קרייז.

און וואָסערע אידייען קאָן דאָס דען אַ מענטש ניט באַרעכטיקן, ווען ער קאָן נאָר רעדן און האָט ווער עס זאָל אים הערן, און באַזיצט נאָך דערצו אַן איבערצייגנדיקן קלאַנג אין זיין קול?

האָבן זיך אַזוי אַרום די אַכציקער יאָרן אין דער שטאָט ניו יאָרק צונויפֿגענומען אַזוינע אָפּגעריסענע און עלנטע מענטשן אין אַ קרייז אַזאַ, און מיט זיי הויבן מיר אָן אונזער בוך.

קאפיטל איינס

די פיינמאנס זיינען געווען דער גרונדשטיין פון דעם פאריין. די כאדאם פיינמאן איז געווען א זינגערן; זי פלעגט אויפטרעטן אף היימישע קאנצערטן אין רוסישע קאסטיומען און זינגען רוסישע לידער. דער עלנט פון רוסישן אימיגראנט איז דעמאלט געווען אזא, אז בלויז א רוסישע סטיינגע, א בענדל, אדער בלויז דאס ווארט „רוסישער קאס־טיום" האט געקאנט צונויפברייגגען אן עולם. האבן זיך אזוי ארום צונויפ־געקליבן נאך א פאר זינגער, א פאר רעדנער, שרייבער, א פאר ראדיקאלע ארבעטער; אלע האבן אין זיך אליין און איינער אין דעם צווייטן אוים־געפונען עכטע רוסישע נשמות.

דאס בייגקען, אדער ווי זיי פלעגן עס רופן „די רוסישע נשמות". פלעגן זיך ביי זיי פאנאנדערשפילן אף אן עכט־רוסישן שטייגער יעדעס מאל, ווען זיי פלעגן זיך צוזאמענקומען. מען פלעגט אפט איינייגעם, אף א קאמוניסטישן אופן, פארהוליען דאס ביסל געלט, וואס פלעגט אריינפאלן פון א גוטן־ברודערס אָרימע פארדינסטן. דערביי פלעגט מען זינגען און דעקלאמירן רוסישע לידער, טאנצן א קאזאצקע און זיך האלדזן און קושן אז א שיר. די מענער און ווייבער פלעגן זיך אויסמישן, ווי נאר דער צופאל האט געוואלט. קיין צוואנגען, קיין באנדן, ווייל אָרים און עלנט זיינען די מענטשן געווען. קיין אפהאלט, קיין אנהאלט, קיין אנזעעוו־דיקע זאך ארום, אז וועלכער מען זאל זיך קאנען אנכאפן, אויסער דעם איי־גענעם און נאנטן לייב. אלץ, וואס איז דא, איז בלויז א לייב אן אייגנס. וואס כאטש נעם און ווארף דאס אין פייער און אין וואסער. אדער לאז דאס גלאט הייגגען אינדערלופט... איז ביי די מענטשן דערפאר דאס לייב געווארן דער צענטער פון אלץ. נאך די היימישע הוליאנקעס פלעגט מען זיך אפט אפן צווייטן טאג אויפכאפן צווישן די ליידיקע פלעשער אפן דיל, אפן טיש און אפט אונטערן טיש.

דעמאלט איז דאס צווישן קרייז אויך געווען לעאן נאבריעל, א

קליין־געוויקסיקער, מיט שוין אַביסל אַ צו־גרויסער נאָז פֿאַר זיין וואוקס, כּיט אויפֿגעשטעלטע, דרעטלדיק־געקרויזטע האָר, מיט אַ שאַרפֿן, גרויען וואָלפֿישן בליק אין די אויגן. קיין אַמעריקע איז ער אַנטלאָפֿן נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַטייליקט אין אַן עקספּראָפּריאַציע און דערשאָסן אַ פּאָליציי־באַאַמטן, וואָס איז אים נאָכגעלאָפֿן. די עקספּראָפּריאַציע איז געווען איינע פֿון די סאַמע ערשטע פֿון דעם מין. מען איז אָנגעפֿאַלן אַף אַ וואָגן מיט רעגירונגס־געלט.

דער קליינגעוויקסיקער גאַבריעל האָט געהאַט אַ גוטע טענאָר־שטימע, פֿלעגט פֿון־צייט־צו־צייט פֿאַרדינען אַ פּאָר דאָלער פֿון זינגען אין אַ שול, אין אַ קלויסטער, צי גאָר פֿון שפּילן טעאַטער. ער איז דאָס געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוגענומען ביי פֿיינמאַנען די מאַדאַם פֿיינמאַן אַף אַ גאַנץ לאַנגער צייט, און האָט טאַקע מיט איר געוואוינט אין פֿיינמאַנס אייגן הויז. זיי האָבן דאָך אָבער אַלע שטאַרק געגלויבט אין אמתער פֿרייהייט, און דער צופֿאַל פֿלעגט דאָך דעמאָלט סיי־ווי־סיי זייער אָפֿט פֿאַרמישן די מענער מיט די פֿרויען, האָט מען אין דעם קיין בייז ניט געזען.

פֿיינמאַן אַליין פֿלעגט נאָך הווקא דעמאָלט, ווי אַן אמתער העלד און ריטער, אָפּהיטן, אַז זיין פֿאַניאַן זאָל חלילה קיין בייז ניט געשען. און טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז פֿיינמאַן האָט זיך איינמאָל נאָך אַ „הוליאַנקע״ אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי מיט דער נאָך־גאָר־יונגער, האַלבנאַקעטער מיס פֿינק אין זיינע אָרעמס, האָט ער זיך פֿון דעם דערפֿילט אַזוי שולדיק קעגן זיין פֿאַניטשקען, אַז ער האָט איר מער ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און האָט נאָך דעם אַפֿילו פֿאַרלאָזן דאָס הויז אַף עטלאַכע וואָכן.

אמת, פֿיינמאַן האָט טאַקע דידאָזיקע עטלאַכע וואָכען געוואוינט מיט דער מיס פֿינק, אָבער דאָס איז דאָך געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך שוין פּשוט ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן, און דערצו האָט ער זיך געהאַט באַרעכנט, אַז פֿאַר פֿאַניעטשקען איז דאָס אפֿשר אויך בעסער. ווארים גאַבריעל איז בכלל ניט געווען געוואוינט צו זיין אַזוי לאַנג אָנגעבונדן אָן איין פֿרוי און די יונגע מיס פֿינק האָט גענומען ווערן אַ געפֿאַר פֿאַר זיין פֿאַניעס גליק. און פֿאַניעס גליק איז דעמאָלט ווירקלאַך געווען זייער

גרוים. איר גליק פלעגט בכלל ווערן זייער גרוים מיט יעדן נייעם גע־ליבטן און דערצו נאָך מיט גאַבריעלן, וואָס איז געווען אַ גוטער זינגער, אַ גוטער אַקטיאָר און צו יענער צייט אויך דער אידייען־טראַגער פון דעם גאַנצן קרייז.

— „פאַר דער אידיאַטישער מענטשהייט — פלעגט גאַבריעל טענהן — איז געגעבן געוואָרן נאָר איין גוטע זאַך: דער פלאַדן — וויין. ווייב און געזאַנג. און אַזוי ווי אין יעדן פלאַדן איז דאָס מיטלסטע דאָס באַ־טעמ׳סטע, אַזוי איז אויך מיטן וועלט־פלאַדן: אַך, דאָס זיסע ווייב!״ און ער פלעגט זיך אויפשטעלן און מיט געזאַנג, באַוועגונגען און ווער־טער אויסשפּרייטן אויפן טיש די כלומרשטדיקע ערשטע בלאַט פון פלאַדן. נאָכדעם פלעגט ער זיך נעמען רעדן צום כלומרשטן זיסן ווייב, וואָס ער פלעגט זיך אויסמאָלן אינדערלופטן, אַז זי זאָל זיך אויסטאָן. זי זאָל זיך אַנטפּלעקן אין איר זיסער ליבטיקייט, און זאָל זיך גיין לייגן אַפן פלאַדן־בלעטל, דערביי פלעגט ער נאָכמאַכן ווי אַזוי זי הנדלט זיך, רויטלט זיך, פלעגט נאָכמאַכן איר גיריק און אויפגערעגט ווייבעריש קול און פלעגט זיך נעמען איר העלפן אויסטאָן, און באַזינגען יעדן טייל פון איר אַנטבלויזט לייב און פירן זיינע הענט איבער איר, פּונקט ווי פאַר אים וואָלט באמת געשטאַנען אַ נאַקעטע פרוי. נאָכדעם פלעגט ער זי כלומרשט אויפהויבן אַף זיינע הענט און צוטראָגן צום בלאַט, פלעגט זי באַשפּריצן מיט וויין, ווי מיט הייליק וואַסער און פלעגט מיט צע־שפּרייטע נאָזלעכער שמעקן דעם כלומרשט אויפגייענדיקן אַראָמאַט פון וויין, ווייב און געזאַנג און פלעגט ווערן נאָך שיכורער, ווי ער איז געווען, און נאָכדעם אַ פאַל טאָן אַף די קני פאַרן טיש און אָנהויבן נאַשן דעם פלאַדן, אַראָפּגליטשנדיק אים צו זיך פון טיש ביסלאַכווייז, וואָרים אויפ־הויבן אַזאַ שווערן פלאַדן אין די הענט האָט ער דאָך ניט געקאָנט. און די באַמערקונגען און די העוויות זיינע זיינען דערביי געווען אַזוינע, אַז דער עולם האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן ביי די זייטן פון די אָנ־אויפהער אויפפלאַמענדיקע געלעכטער־ספּאַזמען, וואָס פלעגן זיך ביי זיי נעמען רייסן, ווי פון די גערדערים אַרויס.

אַלע אַזוינע און ענלאַכע שפּילן פלעגן זיך ענדיקן מיט פאַנאַנ־דערגערייצטע און אומגעצוימטע אָרגיעס.

גאַבריעל האָט געפּריידיקט און אַלע האָבן געגלויבט, אַז אַלע אמתן

אױף דער װעלט זײַנען אידיאָטיש און ליגנעריש, אױסער דעם אײן־און־אײנציקן אמת — געשלעכט. אַלץ, װאָס מען דאַרף טאָן כּדי צו באַפֿרײַען די אומגליקלאַכע מענטשהײט, איז צו באַפֿרײַען זײ פֿון די געשלעכט־צאַמען.

קאפיטל צוויי

איידער גאבריעל האט זיך באוויזן, איז פאר א צייט דער אידייען־טראגער פון פאריין און אויך דער פרעטענדענט אף פאניא פיינמאנס ליבע געווען א גרויסער, שווערער רוס מיטן נאמען שליאפניקאוו.

שליאפניקאוו האט ליב געהאט מוזיק, פלעגט ניט שלעכט שפילן פיאנע און אף דעם ארגל און פלעגט אין אלץ זען מוזיק. ער האט ליב געהאט פאעזיע, ווייל דאס איז מוזיק. ער האט ליב געהאט מענטשן, ווייל דאס זיינען גייענדיקע מוזיקאלישע צייכנס אזוינע. מענטשן שטייען, גייען, גרופירן זיך, ווי נאטן אף א מוזיק־בלאט, פלעגט ער טענה'ן. זיי זיצן, זיי ליגן אפילו ווי נאטן. ער האט אויך אזוי ליב געהאט חיות; אין זייער שווייגן אפילו איז דא די מעגלאכקייט פון גרויסער מוזיקאלישער טאנירונג. באשעפענישן און זאכן זיינען ווי גוט־געטאנטע אינסטרו־מענטן, וואס גיבן אומענדלאכע מעגלאכקייטן פאר דער האנט פון דעם מייסטער.

די הייזלאך און די דערפלאך פון זיין היים אין רוסלאנד האבן אים אויסגעזען ווי בלעטער מוזיק. זיין אייגן גוט, וואס די דעמאלטדיקע רוסישע רעגירונג האט פון אים צוגענומען נאכדעם, ווי מען האט אים פאר־שיקט קיין סיביר, פון וואנען ער איז נאכדעם אנטלאפן, איז געווען אן אייגן בלאט מוזיק אזא, אף וועלכן זיין געדאנק האט אזוי אינטים געשפילט און דאס אנגעהעפט מיט אלע אנדערע גיטער, דערפער און פעלדער פון זיין היים, פון זיין לאנד, פון זיין מאמע־רוסלאנד. ניו יארקער גלייכע גאסן זיינען געווען, ווי א גלייך־לינירטע מוזיק־בלאט, אבער שוין אביסל צו־גלייך, צו־טרוקן. שליאפניקאוו איז געווען אן ערנסטער ארכיטעקט און פלעגט אין ארכיטעקטור אויך זען מוזיק. ער האט געשטאמט פון רוסישן אדל, און זיין פרוי, וואס איז אריבערגעקומען קיין אמעריקע גלייך נאך זיין אנקומען, איז אויך געווען אן אריסטאקראטקע. שליאפ־ניקאוו אבער האט מיט זיין וואנדערן מיטן עטאפ קיין סיביר איניינעם מיט פארברעכער און מיט פשוטע ארימע פויערים, וועלכע די רעגירונג

האָט געהאַלטן פֿאַר פֿאַרברעכער, זיך אױסגעלערנט אַסאַך פֿון זײער פּשוטקײט און גענומען גלױבן, אַז בלױז דורך אַזאַ פּױערישער פּשוטקײט ברײנגט דער מענטש אַרױס זײַן פֿולן און אמתן קלאַנג. ער האָט געגלױבט, אַז די אַריסטאָקראַטישקײט און לוקסוס־אײַנגעשאַפֿט פֿון מענטשן איז דאָס די צרה און די סיבה פֿון דעם, װאָס עס שאַפֿט זיך אַ קלאַס אױף אַ קלאַס און װאָס דריקט און שטיקט די מענטשהײט. האָט ער דערפֿאַר געפֿאָדערט פֿון זײַן װײַב, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון אירע אײַנגעװאָרצל־טע געװאױנהײטן, זאָל זיך קלײדן פּראָסט, לעבן פּראָסט און עסן פּראָסט.

די יונגע אַריסטאָקראַטקע האָט אים, װײַזט אױס, זײער שטאַרק ליב געהאַט, האָט זיך מיט אים געמוטשעט אַ שטיק צײַט, אָבער צום סוף האָט זי אים פֿאַרלאָזן. האָט זיך אָנגעטאָן צוריק אין אירע אַריסטאָקראַ־טישע קלײדער, זיך צעקושט מיט אים און געזאָגט — װילסט מיך באַ־גלײטן צום שיף? — און דאָרטן בײַם שיף זיך מיט אים נאָכאַמאָל צע־קושט. נאָכדעם האָט זיך די שיף אָפּגעטײלט פֿון ברעג און איז אַװעק אינײנעם מיט איר.

אַ צײַט האָט זיך שליאַפּניקאָװ נאָכדעם אַזױ אַרומגעדרײט אַ פֿאַר־לאָרענער, אַ פֿאַרמוטשעטער פֿון בענקען, ביז ער האָט זיך דערקליבן און אָנגעשלאָסן אָן דער גרופּע מענטשן, װאָס האָבן זיך אױפֿגעהאַלטן אַרום און אין פֿײַנמאַנס הױז. דאָרט האָבן זײַנע געדאַנקען פֿון אָנהױב גע־קראָגן אַ גאָר נישקשהדיקע נאָכפֿאָלגערשאַפֿט. אַסאַך פֿון דער גרופּע, למשל, האָבן גענומען װאַשן זײערע אײגענע װעש און אַפֿילו פֿאַרריכטן זײערע אײגענע שיך, און פֿלעגן נאָכדעם מיט אַ פֿרײד צוגעבן, אַז אַ העמד, װאָס מען האָט אַלײן געװאַשן, טראָגט זיך אָפּן לײַב מיט אַ גאַנץ אַנדער טעם. דאָס העמד נעמט דיר דעמאָלט כּמעט זינגען אױף דײַן לײַב און דײַנע פֿיס נעמען ניט נאָר גײן לײַכטער, נאָר יעדער טראָט דײַנער באַקומט ממש עפּעס אַ גוטן טעם אַזאַ און הילכט צו דיר מיט אַ גאַנץ אַנדער קלאַנג, אַ גוטן. דאָס אַלץ קומט פֿונם באַװאָוסטזײַן, װאָס דו װײסט, אַז דו האָסט קײנעם ניט עקספּלואַטירט, אַז דו האָסט זיך אַלײן געהאָלפֿן, און דורך דעם נאָך גרעסערן באַװאָוסטזײַן, אַז דאָס איז דער בעסטער װעג, װי אַזױ אומצוברײנגען די רױבערישע, קאַפּיטאַליס־טישע סיסטעם און אױך דער בעסטער װעג, װי אַזױ צוצוגעװױנען דעם מענטשן צו לעבן אַ קאָמונאַלן לעבן.

שליאַפּניקאָוו פּלעגט ניט שלעכט פאַרדינען פון ארכיטעקטאַרישע באַשטעלונגען, וואָס פּלעגן אים אַריינפאַלן פון צייט צו צייט. ער פּלעגט אַלע זיינע פאַרדינסטן איבערגעבן דער גרופּע. די גרופּע איז נאָך דע־מאָלט געווען גאַנץ און אַלע אין דער גרופּע פּלעגן אַזוי טאָן. זיי האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט אַלע געוואוינט אין איין הויז, אין פיינמאַנס גרויס הויז.

נאָכדעם האָט אָבער שליאַפּניקאָוו גענומען קוקן קרום אַף די באַ־שטעלונגען, וועלכע מען פּלעגט אים פאַרשלאָגן. אין יענע יאָרן איז די ארכיטעקטור אין אַמעריקע געשטאַנען זייער נידעריק. „אַלץ גיב זיי פּלאַכע קאַסטנס" — פּלעגט ער טענהן — „אַפילו קיין לייטישע אָרנאַמענטיק לאָזן זיי ניט מאַכן. אַזאַ ארכיטעקטור האָט ניט קיין פונק מוזיק. אַזאַ ארכיטעקטור פאַראַרימט און פאַרפּלאַכט דעם מענטשלאַכן געדאַנק. אַזאַ ארכיטעקטור מיינט טויט פאַרן מענטשלאַכן געפיל". און טאָמער האָט זיך אַמאָל יאָ געמאַכט אַ לייטישע באַשטעלונג, איז דאָס געווען אַ ווילע פאַר אַן איבערגעפרעסענעם בורזשוי, און ער וועט זיינע הענט אין אַזאַ באַשטעלונג ניט פאַרשמירן. שליאַפּניקאָוו האָט אויפגעהערט צו קאָנען פאַרטראָגן די שטאָט און ער האָט גענומען פריידיקן, אַז די גאַנצע קאָמונע זאָל זיך פאָרן ערגעץ באַזעצן אַף לאַנד און ווערן ערד־אַרבעטער. „די ערד האָט איר קלאַנג, דער הימל האָט זיין קלאַנג. אַ מענטש, אַ גאַנ־צער מענטש, דאַרף נויגן זיין אויער צו דער ערד און צו דעם הימל. די טייכן רעדן, די בערג און די וועלדער טראָגן אָטעם און בויענדיקן גע־דאַנק, וואָס דאָס אויג קאָן זען און דאָס אויער קאָן פאַרנעמען. דאָס גיט אימפּעט דעם געפיל און פליגלען דעם פאַרלאַנג. דאָרטן קאָן דער מענטש פאַר זיך אַליין זייען און בויען און שניידן די פרוכט פון זיינע הענט".

דער עולם האָט זיך גענומען שטאַרק צוהערן צו זיינע רייד. מען האָט שוין גענומען אַפילו מאַכן פּלענער; האָט זיך אָבער אינמיטן דערוי־נען אַריינגעריסן אָט־דער גאַבריעל און האָט גאַנץ פּשוט גענומען לאַכן פון דער גאַנצער „זאַטעיע". ערשטנס דאַרף מען זיין משוגע זיך אָפּצוזאָגן פון אָט־די אַלע פרוכטן פון דער ציוויליזירטער שטאָט מיט אירע גרויסע דערגרייכונגען און מעגלאַכקייטן. „פאַר וועמען, למשל, וועלן מיר דאָרט נעבן קאָנצערטן און ווען וועלן מיר דאָרט אַליין קאָנען הערן אַ לייטישן קאָנצערט צי אַן אָפּערע?"

שליאַפּניקאָווס טענות, אַז די ערד זינגט, דער הימל זינגט, און אַז יעדע לעבעדיקע חיה איז אַ גוט־געטאַנטער מוזיקאַלישער אינסטרומענט, האָט גאַבריעל אָפּגעשטופּט מיט אַ פֿאַרניכטנדיקן זאָג: „פּאָעזיע, ברודערל, פּאָעזיע". אָדער גאָר: „געפּילאַכץ, ברודערל, געפּילאַכץ, אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט איז טאַקע נאָר בלויז דער, אויף וועלכן אַ מענטש קאָן אַף אַן אמת אַרויפֿלייגן זיינע הענט און שפּילן. לייג אָבער דיינע הענט פֿון היינט ביז מאָרגן אַף דער ערד, צי אַף דער בהמה; קיין מוזיקאַלישע קלאַנגען וועלן שוין פֿון דעם ניט אַרויסקומען".

— דיר פֿעלט פֿיינער געפֿיל פֿון באַרירונג, פֿיינער פֿאַרנעם פֿון מוזיק, וואָס גייט־אויף פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן און פֿון קעגנשטאַנדן; דיר פֿעלט דער גרויסער פֿאַרלאַנג איינצופֿירן סאָציאַליזם דורך זיך אַליין. דו פֿוילסט זיך אַף דיינע אייגענע פּלייצעס צו באַווייזן, אַז דו ביסט אַ סאָציאַליסט, דיך ציט דער פֿאַרדאַרבנדיקער לוקסוס פֿון דער ציוויליזאַציע — האָט שליאַפּניקאָוו גוטברודעריש געטענהט.

— און דיר, ברודער, פֿעלט אַביסל פּראַקטישער שכל — האָט גאַבריעל געענטפֿערט — איך גלויב ניט, אַז מען קאָן איינפֿירן סאָציאַליזם פֿאַר בלויז אַ קליינער גרופּע מענטשן. און ווער דאַרף דאָס איבערהויפּט! אויב ניט קיין סאָציאַליזם פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, איז ברענט די מענטשהייט אָפּן פֿייער. און, ברודער, איך גלויב, אַז אויב אַ זיידענע העמד אַף דעם לייב פֿון אַ פֿרוי גיט איר צו מער שלאַנגיש־ווייבערישן רייץ, טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך וועלן, זי זאָל דווקא טראָגן אַ גראָבע לייוונטענע העמד? איך האָב אויך, ווי דו זעסט, אַ געפֿיל פֿאַר פֿיינער באַרירונג.

שליאַפּניקאָוו האָט וועגן געשלעבט אַזוי אָפּן קיינמאָל ניט געקאָנט רעדן און ווען גאַבריעל פֿלעגט אַ וואָרף טאָן מיט אַזאַ אָפּנקייט, פֿלעגט דאָס אָפּט אַ פֿאַל טאָן אַף שליאַפּניקאָוון ווי אַ פּאַטש אין פּנים פֿאַר אַלעמען אין די אויגן...

צווישן שליאַפּניקאָוון און גאַבריעלן, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אַביסל שפּעטער פֿון שליאַפּניקאָוון, איז געווען אַ פֿאַרשיידנקייט פֿון מיינונגען אַפֿילו וועגן דער טאַקטיק פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". גאַבריעל האָט אין אַ געשפּרעך אַ זאָג געטאָן צו שליאַפּניקאָוון, אַז ער גלויבט, אַז די פֿינף מענטשן, וואָס זיינען אויפֿגעהאַנגען געוואָרן פֿאַרן טויט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָבן געקאָנט אויפֿטאָן מער פֿאַר

דער רוסישער רעוואלוציע, ווי אויסבייטן אלעקסאנדער דעם צווייטן אף אלעקסאנדער דעם דריטן.

— וואס, למשל? — האט שליאפניקאוו געפרעגט.

— זיי וואלטן מיט זייערע גרויסע ארגאניזאציע־פיאיקייטן גע־דארפט צוגעוואוינען דאס פאלק צו מארדן און רויבן בכלל — האט גאב־ריעל געזאגט.

— וואס מיינסטו? — האט אלץ שליאפניקאוו געפרעגט.

— זיי האבן בארארפט אויפרייצן דאס פאלק צו מאכן מאסן־פאג־ראמען אף אידן, למשל. אף אויסהרגענען די אידן וואלט מען אפשר געקאנט אויפרייצן און ארגאניזירן מיליאנען פויערים איבערן לאנד.

— פארוואס אף אידן? — האט שליאפניקאוו מיט אלץ פאר־גרעסערטן שטוינען געפרעגט.

— ווייל אף אידן איז דאס גרינגער דורכצופירן.

— איז וואס איז, אז עס איז גרינגער? און וואס וואלט שוין גע־ווען? וואס וואלט מען געוואונען פון דעם?

— מען וואלט געוואונען — האט גאבריעל געענטפערט — דאס, וואס מען וואלט אויסגעלערנט דאס רוסישע פאלק צו הרגענען אף אן ארגאניזירטן אופן, און ווי נאר דאס פאלק וואלט זיך נאר א באוועג גע־טאן אף אט־דער ליניע, וואלט שוין נאכדעם געווען זייער גרינג דאס א שטופ טאן אויסצוהרגענען דעם גאנצן דעספאטיזם.

שליאפניקאוו האט שטארק אנגעקוקט דעם קליינגעוויקסיקן גאב־ריעלן; די רעכטע האנט האט ביי אים א צוק געטאן, ווי זי וואלט זיך וועלן אויפהויבן אף איבערצלמען זיך אדער גאר אף צו דערלאנגען גאב־ריעלן א שטארקן פאטש אין פנים.

— און דאס איז נאך א איד — האט שליאפניקאוו א טראכט גע־טאן.

איינמאל, ווען שליאפניקאוו איז שטארק צוגעשטאנען מיט זיין רופן אף לאנד, האט צו אים גאבריעל געזאגט:

— הער נאר אויס, שליאפניקאוו, ביי מיר איז רעכט, אז די גאנצע מעשה נעמט זיך ביי דיר נאר פון דיין אייגענעם שטארקן סענטימענ־טאלן בייגקען אהיים, נאך דיין גוט, נאך דיינע פעלדער. דו מיינסט, אז ווען דו וועסט זיך דא ערגעץ אוועקזעצן אף לאנד, וועסטו זיך פילן פונקט

ווי אינדערהיים, אף דיין אייגן גוט, און וועסט זיך דאָרט קאָנען טראַכטן פון דיין מאַזעפּען, קאָטשובעיען און דיינע אַנדערע קאָזאַקישע העלדן־מעשות, פון דיין אוקראַינע, וועגן וועלכער דו האָסט אַזוי אָפט ליב צו דעקלאַמירן?

אָט־די באַשולדיקונג האָט שליאַפּניקאָוון געטראָפן שווערער פון אַלץ. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר איז עס טאַקע אַזוי. דאָס האָט ביי אים אָפּגענומען דעם מוט ווייטער צו פּריידיקן זיין אידייע. שליאַפּ־ניקאָוו האָט זייער ערנסט געגלויבט, אַז ער וועט פירן די גרופּע צו ריי־נער מענטשלאַכער דערהויבונג און אויפשטעלן פון איר אַ ביישפּיל פאַר מענטשן. ער האָט אָבער געהאַט אין זיך אַן איינגעבאָרענעם גלויבן, אַז צו אַזאַ מין פירערשאַפט מוז אַ מענטש אינגאַנצן זיין ריין. נאָך פון זיין פריער קינדהייט האָט זיך אין אים שאַרף און איינגעגלויבט איינ־געשניטן אַ ליד, וואָס כאָמיאַקאָוו האָט אָנגעשריבן אויף דעם קאַפּיטל תהלים:

„ווער קאָן זיך דערהויבן צו דיינע הויכן, גאָט?
„דער, ביי וועמען די הענט זיינען ריין,
„ביי וועמען לויטער איז דאָס האַרץ,
„ביי וועמען ניט אונטערגעקויפט איז דער לויכטנדיקער געדאַנק".

— אָבער אויב אָט־דער הינטישער זון, אָט־דער גאַבריעל איז גע־רעכט — האָט שליאַפּניקאָוו געטראַכט — זיינען דאָך מיינע הענט ניט גענוג ריין, מיין האַרץ איז ניט גענוג לויטער און אַן אונטערגעקויפטער איז מיין געדאַנק; טאַ ווי אַזוי קאָן איך, שליאַפּניקאָוו — — —

און גאַבריעל איז מיט דער צייט געוואָרן דער איינציקער אידייען־טראַגער און ממילא אויך דער איינציקער געליבטער פון פאַניאַ פיינמאַן. שליאַפּניקאָוו און נאָך אַ פּאָר האָבן זיך כמעט צוריקגעצויגן פון דער גרופּע. עס האָט געהייסן — די אוטאָפּיע האָט נאָכגעלאָזט און דער גע־דאַנק, אַז „אַלץ, וואָס ס'איז דאָ אף דער וועלט, איז בלויז אַ לייב אַן אייגנס", האָט געזיגט.

די מענטשן זיינען נאָך אָבער פאַרט אַף אַ געוויסן אופן אַלע געווען פאַרבונדן צווישן זיך; די אַרומיקע פרעמדקייט און זייער עלנט האָבן זיי געהאַלטן צוזאַמען. קיין נאָמען אָבער האָט די גרופּע ניט געהאַט און ניט געטראַכט פון קיין נאָמען, ביז פרענקל איז אַהער אריבערגעקומען.

קאפיטל דריי

פרענקל איז געקומען קיין ניו־יארק א נאר־וואס אנטלאפענער פון סיביר. ביי זיין אנקומען האבן זיינע חברים, וואס האבן אים פונדערהיים געקאנט, אלס דעם פירער פון זייער „ביבלישער ברודערשאפט", פאר אים געהאט אראנזשירט א באגריסונג־אוונט. א באגריסונג־אוונט פאר א חבר האט מען זיך דעמאלט גארניט געקאנט פארשטעלן אן דער מאדאם פיינמאנס רוסישע לידער. די מאדאם פיינמאן אין אירע רוסישע קאסטיר־מען איז פאר זיי געווען זייער גליענדיקער, פייערדיקער שטערן אין דער מדבר און ממילא איז שוין אויך גאבריעל און איר מאן, דער פיאניסט און בעסי פינק געגאנגען, און אז זיי זיינען געגאנגען, זיינען שוין „אלע" מיטגעגאנגען.

פרענקל איז געווען א מענטש אן ענטוזיאסט און א גריבלער; זאכן האבן ביי אים געדארפט האבן א נאמען און א לאגישע דערקלערונג.

פרענקל איז שטארק גערירט געווארן, ווען ער האט דא, אין דער ווילד־גרויסער ים־שטאט פון דער משונהדיק־קאפיטאליסטישער אמעריקע, געטראפן אזוינע גוטע, היימישע אידעאליסטישע מענטשן, וואס האבן זיך אזוי הארציק ליב און פארשטייען זיך אזוי גוט; מענטשן, פאר וועמען עס זיינען גארניט נויטיק די אלע אנגענומענע אמתן; דערצו נאך מענטשן, וואס לעבן ווי עכטע קאמוניסטן מיט זייער גאנצן „האב־און־גוטס". און זיי האבן גאר קיין נאמען ניט — האט פרענקל זיך גלייך געכאפט און א טראכט געטאן — דאס אלץ מוז האבן א נאמען, מען דארף זיי א נאמען געבן...

פרענקל האט זיי ליב געקראגן, ווי נאר ער האט דעם ערשטן שבת נאך זיין קומען דערזען, ווי די צוויי חברים בערנשטיין און קאלמאנאוויטש זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער, זייערע חברטעס, צו די פיינמאנס און האבן זיך הארציק צעקושט מיט יעדן אין הויז, און האבן מיט פרייד ארויסגעלייגט אויפן טיש, וואס זיי און זייערע חברטעס האבן פארדינט

פאַר דער וואָך אין די „סוועט״־שעפער, כדי אַלע אינײנעם זאָלן קאָנען א לעב טאָן. פרענקל האָט דערויף געקוקט מיט אַן אַנגעוואָרימט האַרץ און צעשטראַלטע בליקן:

— סאַרא דעמאָקראַטישקייט, סאַרא פרייקייט!

דער אַרבעטער, חבר בערנשטיין, האָט אַרױפגעזעצט צו זיך אַף די קני די שטאַלצע מאַדאַם פיינמאַן מיט אַזאַ שײנער און וואַרימער פרייד, אַז עס איז געווען שיין צו קוקן אַף דעם. די בײדע פרויען, די חבר־טעס זײערע, זײנען צוגעלאָפן צו אים, צו פרענקלען, און זיך מיט אים א וואָרף געטאָן אַף דער סאָפע און מיט אַן־אַ־שיר איבערגעגעבענע צערט־לאַכקייטן אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל זיי דערציילן, וואָס עס הערט זיך דאָרט מיט די חברים אין סיביר; ווי עס לעבט זיך זיי דאָרטן, ווי עס חלומט זיך, זײנען זיי נאָך ניט פאַרצווייפלט? איז ביי זיי ניט אָפּגע־שוואַכט די האָפנונג, די דערוואַרטונג פאַר דעם גרויסן טאָג?

— ניין! — האָט פרענקל געענטפערט מיט האַרץ און מיט פרייד און זיי האָבן ווייטער געפרעגט:

— נאָר עס בײנקט זיך מן הסתם אַהיים?... צו דער אַרבעט?... — און טרערן האָבן דערביי אויפגעגלאַנצט אין זײערע אויגן, טרערן פון אײגענעם שווערן בײנקען... און גערעדט און געפרעגט איז עס אַלץ געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, וואָרים קיין האַרציקערע, קיין הייליקערע שפּראַך ווי די רוסישע איז פאַר די מענטשן גאָר אַף דער וועלט ניט געווען.

נאָכדעם איז אָנגעקומען די מיס פינק און האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט דעם גרויסן, שווערן שליאַפּניקאָוון. אַלס צוגאָב צו זיין גרויס איז ער נאָך געווען באַלאָדן מיט אַסאַך פּעקלאַך.

דער גרויסער, שווערער מענטש האָט אָפּן וועג, ווייזט אויס, אײנ־געהאַנדלט אַלץ, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען: פּרוכט, בלומען, ביר, פאַרשידענע דעליקאַטעסן, וויין, שנאַפּס, ניס, קאָנפעקטן. ער האָט זיך אַזוי מיט די אַלע פּעקלאַך קוים געקאָנט דורכשטופּן דורך דער טיר. און אַז ער איז שוין אַריין, איז ער אַזוי געבליבן שטיין מיט די אַלע פּעק־לאַך אינמיטן זאַל. אַלע האָבן זיך אַ הויב געטאָן און זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים:

— העלאָ, שליאַפּניקאָוו!

— וואו געווען?

— ווי גייט׳ס?

— שוין מער ניט געקאָנט פארטראָגן?

ער אָבער האָט זיך לאַנגזאַם און ערנסט אומגעקוקט אף אַלעמען. ניט אַפּלאַזנדיק די פּעקלאַך פון האַנט און צום סוף געפרעגט:

— און וואו איז דאָס מאַמעלע?

און דערזעענדיק די מאַדאַם פיינמאַן אין טיר מיט נאָך עטלאַכע געסט האָט ער זיך אָנגערופן:

— אָט איז זי... נאַ, טייבעלע, אָט־די בלומען נעם פאַר זיך און פון אָט־די פּעקלאַך וועסטו אונז געבן עפּעס עסן, מאַמעלע טייערע.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט ווי אַ שטאָלצע קעניגן ביי אים צוגענומען די בלומען און די פּעקלאַך, זיך מיט אים נאָכדעם צעקושט ווי עס דאַרף צו זיין, דערביי אָנגעמענדיק מיט אירע ביידע שיינע הענט זיינע באַקן און זיין ברייטע באָרד. און ערשט נאָך דעם האָט ער זיך דערפילט אַ באַפרייטער און זיך גענומען האַלדזן און קושן מיט יעדן צו צוויי־דריי מאָל, גענומען טרינקען און פריילאַך ווערן.

— האַ־אַ! פרענקל! נו, „סאָקאָל" מיינער טייערער, פון וואַסער געגנט אין סיביר? זיך באַגעגנט דאָרט מיט... מיטן ווינטער? אַ? אָט־דאָס הייסט אַ ווינטער! סאָראָ טייוולשע שיינקייט, אַ? דו ביסט דאָך, מן הסתם, אויך אַנטלאָפן מיטן טייך, אַ? באַנאַכט, אַלץ אין שניי, די גאַנצע וויסטע, דער איינגעשמידטער טייך און די אָנגעהויפטע מאַלערישע שניי־בערג — וויים, בלוי, און שטערן פאַר די אויגן. וואָס איז דאָס? ערד? און ווי זעט שוין דער הימל אויס, אויב דאָס איז ערד?

— עך, רוסלאַנד, ר ו ס ל אַ נ ד!...

פרענקל איז שוין אַזוי אויך געווען אַ צעוואָרימטער, און שליאַפּניקאָווס עטלאַכע ווערטער וועגן סיביר האָבן אין אים אויפגעשלאָגן אַ גאַנצן, ניט־אָפּהאַלטנדיקן שטראָם רייד:

—אַך, חבר, ביי דיר זעט עס שוין אויס צו זיין דערינערונגען — ביי מיר איז עס נאָך אָט־דאָ... אָט איז דאָס קליין פּערדל, דאָס שליטל, זיך, דוכט זיך, נאָר־וואָס געזעגנט מיט חברים און חברטעס אינם נידעריקן הייזל, און דאָ שוין קיין פלעק פון קיין מענטשלאַכן ישוב אינערגעץ ניט צו זען. קיינער יאָגט דיך ניט נאָך, קיינער איז דאָ קיינמאָל ניט געווען.

בלויז דו און די נעמין — פּ ר יי ה יי ט , אַ זיכערע, אַ צופרידענע, מיט אַ קרוין פון שטערן אַף איר קאָפּ. אַט־דאָרט ענדיקט זיך די ווייסע וועלט און — ווי נאָר דו וועסט צוקומען אַהין, וועט זיך דאָס פערד מיטן שליטן איניינעם מיט דיר און מיט איר אָפּרייסן פונם ווייסן ברעג און איר וועט „סטרעמגלאָוו״ אַ פלי טאָן אַראָפּ, אַראָפּ...

דאָס האַרץ רייסט זיך כמעט אָפּ ביים געדאַנק, אַז אָט־אָט און דו פליסט...

פרענקל שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע און כאַפּט זיך באַלד ווידער:

— און אָט נעמט זיך דיר דאַכטן, אַז דאָס פערדל מאַכט בלויז אַן אָנשטעל, אַז עס פאָרט, אָבער אין דער אמתן שטייט דאָס גאָר אַף איין אָרט. די האָר גיבן זיך דיר אַ פּראָסטיקן, שטעכיקן שטעל־אויף אַפן קאָפּ — וואָס איז דאָס? !... וואָס איז דאָס פאַר אַ קונץ? ! איך נעם שמייסן און יאָגן דאָס פערדל מיט אַלע מיינע כחות, ביז איך ווער מיד. איך שלאָג זיך אַרויס פון די כחות; דאָס פערדל אָבער איז, דאַכט זיך, פאַרעקשנט: עס פאָרט און פאָרט ניט!...

— וואָס גייט דאָ זיין? ווייסע זילבער־פונקען נעמען אַזש פליען פון די אויגן... און אָט — זילבערנע פּאַלאַצן. ס'פלאַטערן פאָנען און צווישן די פּאַלאַצן פּשוטע, ווייסע, ליימענע הייזלאַך, מיט דיקע שטרויענע דעכער. מענטשן גייען אַריין און אַרויס. ברייטע וועגן, שליטנס, פערד, היי און האָבער. פאַרשנייטע ביימער, וואַלד. סאָלדאַטן, קאָמאַנדעס... איך הויב אָן פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ מיראַזש, איך נעם און גיב זיך אַ וואָרף מיטן קאָפּ אָן שליטן. זאָל זיין וואָס עס וויל, און טראַכט פונדעסטוועגן: נאָר ניט פאַרפרוירן ווערן אָט־אַזוי־אַ אין מיטן וועג און נאָכדעם פאַרדעקט ווערן מיט שניי... און אַף־צו־מאָרגן כאַפּ איך זיך אויף פון אַ פלוצלונגדיקן טרייסל. איך עפן אויף די אויגן און דערזע אין דער ערשטער מינוט מיט שרעק, אַז דאָס פערד האָט מיך געבראַכט צוריק צום דאָרף; ס'האָט זיך מן הסתם אָפּן וועג אַליין אויסגעדרייט, אָדער איך האָב דאָס אפשר שלאָגנדיק אָוועקגעטריבן אויפצוריקוועגס, אַליין ניט ווייסנדיק וואָס איך טו. און איצט!... און אָט גייט מיר שוין אַנטקעגן אַ פויער. ער וועט מן הסתם באַלד געבן אַ סיגנאַל. זשאַנדאַרמען וועלן נעמען לויפן מיט ביקסן גרייט צו שיסן...

—צום סוף לאָזט זיך גאָר אויס, אַז דאָס איז אַ ווייט און פרעמד דאָרף. מענטשן נעמען מיך אַריין אין אַ הויז, דערוואַרימען מיך, גיבן אָפּצועסן, נעמען אויך אַריין דאָס פערד אין שטאַל, שיטן אויס האָבער. געזעגענען זיך מיט מיר נאָכדעם שיין און פיין, באַזאָרגן מיך מיט אַ פלאַש שנאַפּס, באַגלייטן מיך אַרויס אַ דערפרישטן ; גיבן אינסטרוקציעס. גוטע, רוסישע נשמות. זיינען אין גאַרניט חושד — אַ מענטש פאָרט אַליין אין אַזאַ צייט —מן הסתם זייער אַ וויכטיקער עסק און גוטע מענטשן דאַר־פען אים העלפן. דאָס אויסגערוטע פערדל רירט זיך פון אָרט גאַנץ נישקשה־דיק און פירט מיך באַלד ווידער אַריין אײנעם אַליין אין אַ ווילדער, ווייטער וועלט, אין אַ וועלט פון שניי און נאַכט. איך נעם די פלאַש צום מויל. טרינקט פון בראָווקייט־וועגן. דער האָריזאָנט ווערט ברייטער, דער שניי ווערט ווייסער, ליכטיקער. און אָט נעמט דער שניי שיסן אינדערלופט מיט שפּראָצנדיקע, דינע שטראַלן. לופט און הימל גליען זיך פאַנאַנדער. אַלץ איז, דאַכט זיך, גוט און וואויל אַזוי, נאָר אַ מאָדנער געפיל זעצט זיך אין מיר אַריין, אַז די היים, רוסלאַנד, וואוהין איך וויל און קאָן ניט קומען, איז ערגעץ צו מיין רעכטער האַנט, און אַמעריקע, וואוהין ס'איז אָפּגעמאַכט צו לויפן, איז פונקט דאָרטן צו לינקס פון מיר, און איך פאָר מיר איצט אָן אַ ציל אין דער גלאַטער וועלט אַריין... און דאָרטן, הינטן, זיינען געבליבן חברים, געפאַנגענע, באַליידיקטע. און איך לויף וואוהין די אויגן טראָגן. טראָג זיך ווי אַן אָפּגעריסענע בלאַט פון בוים. און וואָס ? ! און ס'פאַלט מיר גאַנץ ערנסט איין : אפשר זיך גאָר אומקערן צוריק ? און עס נעמט זיך גלייך דאַכטן, אַז איך פאָר דאָס טאַקע אייגנטלאַך צוריק, די גאַנצע צייט צוריק... דער גאַנצער וועג מיט פערד און שליטן האָבן זיך אײנײנעם מיט מיר אויסגעדרייט... און די חברים וועלן נאָכדעם לאַכן, פאַראַכטן : ביסט אַנטלאָפן, האָסטו געדאַרפט לויפן, און ניט קומען צוריק ווי אַ אינגל. צוגעזאָגט צו שיקן ביכער און זשורנאַלן, מיר האָבן דערויף גע־האָפט, מיר האָבן דיר דערפאַר אַלע געהאָלפן צו אַנטלויפן — וואָס וועסטו דאָ איצט טאָן צווישן אונז ?

אַלע האָבן די גאַנצע צייט געקוקט אַף פרענקלען און געשלונגען יעדן וואָרט. דער איינציקער אומרואיקער און אומגעדולדיקער איז געווען נאָבריעל. ביז צום סוף האָט ער טאַקע ניט אויסגעהאַלטן און אויסגע־שריען :

— הער נאָר אױס, פֿרענקל, װאָס האָסטו זיך דאָ אַזױ פֿאַנאַנדערגע־פּאַטעװעט? די נאַכט קען דאָך אַזױ אַװעקגײן. די פּאָעזיע פֿון װאָרט, ברודער, איז ניט װערט אַן אױסגעבלאָזן אײ. ס'זיצן לעבן דיר אַזױפֿיל גיריקע פֿרױען און שלינגען דיך מיט די אױגן און דו װאַרפֿסט פֿאַר זײ אױסגעבלאָזענע אײער.

פֿרענקל האָט זיך פֿאַררױטלט, זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך טאַקע אַביסל פֿאַררעדט, און ער האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון אָרט, אױסרופֿנדיק:

— גערעכט. ניט קײן פּאָעזיע, נאָר טאַטן דאַרף מען. און אַנטשול־דיקנדיק זיך האָט ער צוגעלײגט:

— נאָר די אײַנדרוקן זײַנען נאָך אַביסל צו פֿריש. אַנטשולדיקט.

דער עולם, איבערהױפּט די פֿרױען, האָבן זיך אױפֿגעהױבן און זיך גענומען בעטן: אדרבה, דערצײלט נאָך. עס איז אַזױ אינטערעסאַנט. און דער אַרבעטער בערנשטײן האָט זיך מיט זײַן גאַנצן געזונטן גוף טרוקן אָנגערופֿן:

—גאַבריעל איז איפּערזיכטיק!

דאָס האָט אַ שמיץ געטאָן, װי אַ בײַטש. די פֿרױען און אַפֿילו אױך די מענער האָבן זיך פֿון דעם מאָדנע צעלאַכט. גאַבריעל, װאָס האָט גע־קוקט אױף אַלע אָנװעזנדיקע פֿרױען, װי אױף זײַן האַרעם, און אױף די מענער, װי אױף זײַנע יעװנוכן, האָט בײַזלאַך אַ שמעק געטאָן די לופֿט און זיך מיט פֿאַראַכטונג אָפּגערופֿן:

— נו, מײַנע הערשאַפֿטן, איך האָב מורא, אַז פֿרענקל האָט שױן פֿון אײך געמאַכט אַ לעמעשקע מיט זײַן פּאָעזיע.

— לעאָן, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ װעג צו רעדן? — האָט זיך שױן די מאַדאַם פֿײַנמאַן אָנגערופֿן צו גאַבריעלן, פּראָטעסטירנדיק.

פֿרענקל אַלײן אָבער איז צוגעגאַנגען און געגעבן גאַבריעלן די האַנט:

— חבר, איך האַלט מיט דיר. ניט קײן פּאָעזיע, נאָר לעבן. אָט־דאָס לעבן, װאָס איר פֿירט דאָ צװישן זיך, איז אַסאַך טײַערער און בעסער פֿון פּאָעזיע. דאָס הײסט, נעמען די װעלט אין די אײגענע הענט אַרײַן און זי איבערבױען אױף די אײגענע פּלײצעס. צעברעכן די אַלע אָנגענו־מענע אמתן אַן שום ריקזיכט איז פֿון גרױסן װערט. דאָס ברײנגט די רעװאָלוציע גלײַך אָפּן אָרט.

שליאַפּניקאָוו, וועלכער איז געבליבן זיצן אויף אַן אָרט, כאָטש אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן איניינעם מיט פרענקלען, האָט אַ טראַכט געטאָן:

— ניט מיט ווערטער בויט מען איבער דאָס אַנגענומענע אויף די אייגענע פּלייצעס, און ניט מיט אַזוינע האַנדלונגען, דאָס זיינען טייוולישע ווערטער און טייוולישע שטיק. נאָר אפשר... אָבער פּאָעזיע — וואָס וויל ער פון פּאָעזיע?

און ער האָט זיך דאָ אָנגערופן צו גאַבריעלן:

— נו, ברודערל, הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן: דאָס מאָל ביסטו אַריינגעפאַלן „צו די נאַרן" — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן פאַר פּאָעזיע? פּאָעזיע, ברודערל מיינער, פּאָעזיע, דאָס איז אַ זאַך אַזאַ. און ווי וואָלסטו געגליכן צו זיין אַליין אין דער וויסטעניש אינמיטן אַ סיבירער ווינטערנאַכט, און דאָס פערדל בלייבט דיר אינמיטן דרינען שטיין מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ צום שניי און וויל זיך מער פון אָרט ניט רירן, און גלייך דערויף דערהערט זיך מיטאַמאָל אַ וואָיען פון הונגעריקע וועלף, און די זאַווערוכע פאַרדרייט דיר דעם קאָפּ — דו ווייסט ניט פון וואַסער זייט דאָס וואָיען קומט און קיין ביקס האָסטו ניט. און דו נעמסט אַרויס אַ דריינגל פון שליטן און שטעלסט זיך אַוועק און וואַרטסט: זאָלן זיי קומען די וועלף, די הינטישע זין. און דו שטייסט אַזוי אָפּ אַ גאַנצע נאַכט און קיין וועלף קומען ניט... אַ? ווי וואָלסטו דאָס געגליכן? און דו דרייסט נאָכדעם אויס דאָס דריינגל צום אָרימען פערדל: דו הינטישע פעל, פּאָר, אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין! פּאָר, אַניט ווערסטו דאָ געהרגעט אויף טויט, דו פאַרשאָלטענע נשמה!

— אָ, פּאָעזיע?! און וואָס, אַז פּאָעזיע?! אַסאַך האָסטו דערלייגט צו פּאָעזיע! נאַ, נעם נאָך אַ גלעזל בראָנפן און בעט זיך איבער. צעקוש זיך מיט דער שענסטער מיידל און זאָג, אַז פּאָעזיע, דאָס איז אַ זאַך, אַט ווי...

— בראַוואָ, בראַוואָ! זאָל לעבן די פּאָעזיע! — האָבן זיך עטלאַכע מיטאַמאָל אָנגערופן און זיך פריילאַך צעלאַכט.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט זיך אויך גאַבריעל אָנגערופן, צונעמענדיק דאָס ביסל בראָנפן — בראַוואָ פאַר דעם ביסל בראָנפן! בראַוואָ פאַר דעם קוש פון אַ מיידל! וואָרים דאָס לעבן איז ניט קיין פּאָעזיע. פּאָעזיע איז טויט. פּאָעזיע מיינט נעכטן, אייערנעכטן, מאָרגן, און האָט

שוין געגוג מענטשן די קעפּ פֿאַרדרייט, און האָט שוין גענוג דורות אומ־גליקלאַך געמאַכט. נידער מיט דער פּאָעזיע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! וועל־כער טיוול האָט זי אויסגעטראַכט?!

דער עולם האָט זיך געשעמט נאָכאַמאָל פּאַטשן בראַוואָ, אָבער דער קליינגעוויקסיקער גאַבריעל איז דאָ פּאָרט מיטאַמאָל פֿאַר אַלעמען אויסגעוואַקסן דער זיגער און טרעגער פֿון נייעם וואָרט, פֿון אמתן וואָרט.

שליאַפּניקאָוו האָט זיך אָנגערופֿן:

— נו, יאָ, דו ביסט אַ טיוול, און טאַקע אין דער אמתן אַ טיוול.

פֿרענקל אָבער האָט זיך דאָ אָנגערופֿן אַ באַגייסטערטער:

— חברים, מיר געפֿעלט דאָס אַלץ זייער שטאַרק. דאָס זיינען ווער־טער, וואָס פֿירן צו האַנדלונג. לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר אָט־די גאָלדענע ווערטער.

— הורא—אַ!

— בראַוואָ־אָ! — האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריען.

און מען האָט ווידער געטרונקען, זיך צעקושט מיט די גלעזער אין די הענט און אויסגעטרונקען אַף פֿולער פֿרייד.

קאַפּיטל פיר

שפּעטער איז אָנגעקומען אַנטאָן ניקיפאָראָוויטש בולאַק, דער קיר־גיז, מיט די צוויי בוינגאַרטיק־אויסגערונדיקטע, עטוואָס־קניענדיקע פיס. איבער זיין גאַנג און איבער די אויסגעבויגענע פיס פלעגט בולאַק אויסזען, ווי ער וואָלט שטענדיג געהאַלטן אַ רייטנדיק פערד אונטער זיך. ער איז געווען אַ בריה אַ רייטער, פלעגט אויפטרעטן אין אַ היגן צירק אַלס אַ רוסישער קאָזאַק. האָט מען זיך ווידער גענומען קושן און איבער־קושן פונדאַסניי. נאָכדעם איז אָנגעקומען דאָס מיידל אַניוטקאַ מיט איר קליין קינד אויף די הענט, האָט מען זיך ווידער געקושט. אַניוטקאַ האָט זיך דאָרט אינדערהיים, אין דער באַוועגונג, פאַרליבט אין אַן אָפיציר. ווען אירע קרובים האָבן זיך געכאַפּט, וואָס פאַר אַ צרה סע גייט דאָ קומען אויף זייערע קעפּ, האָבן זיי זי אויף גיך און איבערגוואַלד אַרויסבאַגלייט קיין אַמעריקע. דאָ איז איר ביי די היגע קרובים אויך געווען ניט זייער היימ־לאַך, ביז זי האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אָט־דעם קרייז. קאַלמאַנאָ־וויטש האָט זי גלייך אַריינגענומען צו זיך און איר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער. דאָ איז זי מיט דער צייט אַנטבונדן געוואָרן. קאַלמאַנאָוויטשעס ווייב און דער גאַנצער קרייז האָבן זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ הייליקער, און דאָס קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן פערדינאַנד, אויף דעם נאָמען פון פערדינאַנד לאַסאַל. און איצט, ווען זי איז געקומען מיטן קינד, האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט אַרום איר און דעם קינד מיט פריידיקע בליקן און מיט צערטלאַכע ווערטער.

דאָס קינד האָט באַלד גענומען גיין פון האַנט צו האַנט און האָט פון יעדן געקראָגן וואַרימע שמייכלען און אַלע האָבן גלייך עדות געזאָגט, אַז דאָס וועט אויסוואַקסן אַ רעוואָלוציאָנער, אוי וועט עס אויסוואַקסן אַ רעוואָלוציאָנער! און אַנטאָן ניקיפאָראָוויטש האָט געזאָגט: ווייסט גאָר וואָס, אַניוטקאַ, גיב אים מיר. איך נעם אים גלייך אין צירק און גיב אים דאָרט באַלד אַ פערד צו רייטן. מיין „באָס" וועט אים

זיכער גלייך אָנשטעלן. עי, דו כוואַטסקער יונג, קום, דו גייסט ?
— און ער האָט זיך גלייך געלאָזט מיטן קינד צום טיר. האָט זיך אַניוטקאַ אים געשטעלט אין וועג און מיט אַ טיף־פאַרשמייכלטן, מוטערלאַכן שטאַלץ אַפן פּנים געזאָגט:

— לאָז נאָר, לויף נאָר ניט אַזוי, דו אומגעלומפּערטער. ער וועט דאָך נאָך באַלד ביי דיר פון די הענט אַרויספאַלן.

איז אַנטאָן ניקיפּאָראָוויטש פאַר איר אַזוי געבליבן שטיין אף זיינע צעשפּרייטע, אויסגעבויגענע פיס מיטן קינד אף זיינע הענט, זי אָנגע־קוקט אַ ווײַלע, זיך מיט איר צעקושט אין די ליפּן און איר ערשט נאָכ־דעם איבערגעגעבן דאָס קינד.

— נו, און איר, גאַבריעל, ווילט גאָרניט אָנקוקן מיין פּערדין ? — האָט זיך אַניוטקאַ אַ ווענד געטאָן צו גאַבריעלן, וואָס איז געווען דער איינציקער גלייכגילטיקער צווישן עולם.

— אַ, ניין, בעסטן דאַנק. איך האָב ניט ליב אָט־די קליינע חברה־לייט, איבערהויפּט נאָך, ווען זיי זיינען אינגלאַך.

— ? !

—וויבער דאַרפן געבערן וויבער — האָט גאַבריעל צוגעלייגט.

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר אַניוטקאַן און האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ דערשראָקענעם שמייכל:

— וואָס הייסט ? און ווער וועט געבערן מענער ?

— די זאַך דאַרף שוין איבערגעלאָזט ווערן צו די מענער — האָט גאַבריעל געענטפערט.

— ? ! ...

— אַ, אים איז פּשוט קאַרג די וועלט — האָט בערנשטיין זיך דאַ טרוקן אָנגערופן — ער וואָלט זיך פּשוט וועלן באַוואָרענען קעגן קאָנ־קורענץ.

— פאַרוואָס זיך ניט באַוואָרענען ?... — האָט גאַבריעל געפרעגט. דער עולם האָט זיך צעלאַכט.

— יאָ. אָבער עס איז דאָך די נאַטור פון פרויען בלויז צו געבערן. און מיר קאָנען דאָך קעגן דעם גאָרניט טאָן ? — האָט קאַלמאַנאָוויטש מיט אַ זייער ערנסט פּנים געשטעלט די שאלה.

— נו, אז דו קאנסט קעגן דער נאטור גארניט טאן, טא שעלט זי כאטש אין טאטן אריין — האט גאבריעל געענטפערט.

— גערעכט! — האט זיך פרענקל אנגערופן — מען מעג אויס־דריקן פראטעסט אפילו קעגן דער נאטור. פראטעסטירן, פראטעסטירן, אימער פראטעסטירן!

נאכדעם, ווען מען איז שוין אלע געזעסן ביים טיש און געגעסן, גע־טרונקען און גערעדט הילכיק און ווידער געטרונקען, האט זיך דער באַ־גייסטערטער פרענקל אויפגעהויבן און געזאגט:

— מיינע פריינט! ערשטנס וויל איך אייך דא איצט איבערגעבן אן אפיציעלן גרוס פון אונזערע חברים און חברטעס, וואס שמאכטן דארט אין דעם ווייטן און קאלטן סיביר. ברידער און שוועסטער! — האט ער אויס־געשריען און טרערן האבן זיך אים געשטעלט אין האלדז און אים אויפ־געטויכט אין די אויגן... — ברי... לאמיר — — שווערן — — פארגעסן זאל ווערן אונזער רעכטע האנט, אויב מיר וועלן פארגעסן אן זיי... זאל צוגעטריקנט ווערן אונזער צונג צום גומען... ברידער, איך וויל זיך ניט ארייַנלאזן אין פאעזיע... אבער הערט: דער עלנט איז דארט אזוי גרויס, אז א בוך, אדער אפילו אן אלטע צעריבענע צייטונג, א בלעטל, איז דארט ווי דער הימלישער מן, ווי אן אאזיס פאר דעם שמאכטנדיקן. איך האב זיי צוגעזאגט, אז אויב מיר וועט נאר געלינגען ארויסקומען א לעבעדי־קער פון מיין געפערלאכער רייזע, וועט מיין ערשטע אויפגאבע זיין צו זאמלען פאר זיי געלט פאר ביכער. און גלייבט מיר, אפשר וועט עס אייך דא אויסקוקן מאדנע, אבער, ווען איך בין א מידער אף דעם פערטן טאג פון מיין לויפן פלוצלונג פארכאפט געווארן פון א ווילדן שניי־שטו־רעם און בין געבליבן שטיין פארשטעקט אין שניי, אן דער קלענסטער האפענונג זיך ארויסצורייסן — אט און איך וועל איינגאנצן פארשאטן — איז דאס איינציקע, וואס האט מיר שטארקער פון אלץ גענומען ענגבערן דעם מוח געווען — די ביכער!... וואס וועט זיין וועגן ביכער?... איך האב זיי דאך דאס אזוי צוגעזאגט... זיי ווארטן דאך דערויף... זיי האפן... און איך האב זיך צוגעבויגן צום פערדס אויער און האב צו אים געזאגט, ווי צו א מענטשן: ברודער מיינער, ביכער, ביכער! און איך האב אראפגענו־מען דעם שטריק, מיט וואס איך בין געווען פארגארטלט, און האב זיך מיט

אים צוגעשפּאַנט צום פֿערד און האָב מיט אים אײַנײַנעם גענומען מיט גרױס כּי הױבן אונזערע פֿיס פֿון טיפֿן שנײ אַרױס און שלעפּן דעם לײדיקן שליטן. און צום געדיכטן שנײ־שטורעם, װאָס האָט געהאַלטן אין אײן װעלן פֿאַר־קלעפּן די אױגן אי מיר, אי מײַן פֿערד, האָב איך מיט פֿאַרמאַכטע פֿױסטן אױסגעשריען: — װאַרט, דו װײַסער טײַװל, דו קודלאַטער הונט. ביכער! דיר אַפּצולאָכעס. ביכער, ב י כ ע ר!

פֿרענקל איז געבליבן שטיל, זיך אומגעקוקט, געכאַפּט דעם אָטעם און זיך נאָכדעם מיט אױסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט אָנגערופֿן:

— חברים, ביכער! נעמס אױף זיך די פֿליכט צו זאַמלען אַ ביכער־פֿאָנד. ביכער פֿאַר אונזערע קאָלעגן אין סיביר זײַנען ניט קײן פֿאַנטאַזיע, נאָר אַ לעבנס־נױטװענדיקײט.

— פּאַר, פּאַר! — האָט גאַבריעל אױסגעשריען מיט אַ שמײכל — דאַרפֿסט זיך ניט פֿאַרענטפֿערן. אַז זײ װאָלטן דאָרט װעלן אַפּיום, װאָלט מען דאָס אפֿשר אױך געדאַרפֿט שיקן.

— אָט אַ שעלמע! — האָט זיך שליאַפּניקאָװ אָנגערופֿן װעגן גאַבריעלן מיט אַ שמײכל.

— איך פֿאַרשטײ דיך, גאַבריעל — האָט פֿרענקל פֿאַרענדיקט — דו ביסט אפֿשר גערעכט. מיר מוזן יעדנפֿאַלס פֿון אַרגומענט־װעגן אָננעמען אַז דו ביסט גערעכט. אָבער לאָמיר זיך נעמען טאָן אונזער פֿליכט.

— און איך זאָג אַזױ — האָט זיך דער אַרבעטער בערנשטײן אָנגע־רופֿן — מען זאָל מאַכן אַ גרױסע אונטערנעמונג אין דעם גרױסן „איגל האָל" לכּבֿוד אונזער גאַסט, װאָס איז נאָר־װאָס געקומען פֿון סיביר. כ'מײן, מ'זאָל דאָס טאָקע אַזױ אָנאָנסירן. מען זאָל אָפּדרוקן גרױסע אַפֿישן. מיר אַלע זאָלן פֿאַנאַנדערקלעפּן און פֿאַנאַנדערטײלן די־דאָזיקע אַפֿישן איבער אַלע גאַסן, און אױף די אַפֿישן זאָל טאָקע זײַן אָפּגעדרוקט, אַז די גאַנצע רײנע אײַננאַמע גײט פֿאַר ביכער פֿאַר די פֿאַרשיקטע רעװאָלוציאָנערן, פֿאַר די חברים אונזערע, װאָס שמאַכטן אין סיביר. און דערצו נאָך װעלן מיר טאָקע אױסשטעלן אַ גוטן פּראָגראַם: פֿאַניא װעט זינגען רוסישע לידער, מיס פֿינק װעט דעקלאַמירן די קאָסטיומען װעלן זײַן רוסישע, פֿײנמאַן װעט שפּילן אױף דער פּיאַנע רוסישע זאַכן. גאַבריעל װעט זינגען פֿון דער אָפּערע; רעדעס װעלן געהאַלטן װערן. און טאָקע דער גאַסט אַלײן װעט דערצײלן פֿון זײַן אַנטלױפֿן און פֿון דער לאַגע פֿון די פּאָליטישע פֿאַרשיק־

טע, וואָס שמאַכטן אַף דעם באַפעל פון דער רוסישער גאַרילע, דעם צאַר און זיינע לאַקייען, די קאַפּיטאַליסטישע רויבער און בלוטזויגער! איך זאָג אייך, אַז כאָטש מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט געהאַט קיין איין אונטערנעמונג אין „איגל האָל", מעגן מיר דאָס איצט טאָן. דער האָל וועט זיין געפּאַקט. דאָס אַליין וועט דאָך שוין אַריינברענגען אַ שיינע סומע געלט. היינט, ווען אונזער גאַסט וועט נאָך דאָרט נאָך זיין רעדע מאַכן אַן אַפּיל פאַר געלט, וועט דער עולם נעמען ליידיקן די קעשענעס, אַז אַ רויך וועט גיין! דעריבער שלאָג איך פאָר אַן אונטערנעמונג. און אַ גרויסע! מיר דאַרפן נאָר זען צונויפשלעפן די ערשטע עטלאַכע דאָלאַר אַף אָנהויבן די אַרבעט.

אַפגעזאָגט האָט דאָס בערנשטיין מיט אַ היץ, באַלד אַליין געוואָרן באַגייסטערט פון דעם, וואָס דער פּלאַן איז ביי אים שוין געוועזן מיט איינצלהייטן, איז רויט געוואָרן, ווען ער האָט געזאָגט, אַז די מאַדאַם פיינמאַן זאָל זינגען רוסישע לידער און גאַבריעל — פון דער אָפּערע. „פון דער אָפּערע" האָבן ביי אים געהייסן אַלע די לידער, פאַר וועלכע מען קריגט ניט קיין גרויסע אַפּלאָדיסמענטן. הייסט דאָס ממילא, אַז פאַניע וועט זינגען די רוסישע לידער, וועט זי אַליין זיין דער אמתער שטערן פון אָוונט...

דער עולם האָט אַפּלאָדירט. דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן. מען האָט באַוואונדערט (און שוין ניט צום ערשטן מאָל) ,וואָס ער, בערנשטיין, האָט אַזאַ קלאָרן און אויסגערעכנטן קאָפּ.

אַנטאָן ניקיפאָראָוויטש האָט גלייך איבערגעקערט זיינע קעשענעס, דערביי אויסליידיקנדיק זיין געהאַלט פאַר דער וואָך, און האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אויך זיין געהאַלט פון דער קומענדיקער וואָך. דער איבעריקער עולם האָט אויך גענומען טרייסלען די קעשענעס. שליאַפּניקאָוו איז דערביי אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט. געטאַפּט אין די קעשענעס, געטאַפּט, געטאַפּט און קיין געלט אַלץ ניט אויסגעטאַפּט, זיך גענומען קראַצן אין קאָפּ און נאָכדעם זיך געכאַפּט?

— אָך, יאָ, דאָרט אין דער דעליקאַטעסן־קראָם האָב איך דאָך דאָס לעצטע געלט אוועקגעגעבן. אָ, יאָ, יאָ, אָט אַ זאַך... נאָר וואַרט, שאַ, ווייסט איר וואָס? ! — האָט ער מיטאַמאָל אינדערהויך אויסגעשריען — איך וועל גיין אויסקלעפּן די אַפישן! איך וועל נעמען אַן עמער מיט אַ

בארשט, איך וועל אליין מאכן דעם פּאַפּ און וועל מיר אליין אויסקלעפּן די אַפּישן. איבעראל. אָט וועט איר זען — האָט ער מיט באַגייסטערונג פארענדיקט.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט:

— בראַוואָ, בראַוואָ, שליאַפּניקאָוו! מיר וועלן אַלע מיט דיר גיין קלעפּן. דו וועסט זיין אונזער אַפּיצער און מיר — דיינע סאָלדאַטן.

— אַלזאָ, מיינע פריינט — האָט זיך פרענקל ווידער אַנגערופן — עס איז גוט און וואויל. נאָר נאָך איין פראַגע: ווער וועט מאַכן די אונ־טערנעמונג?

— וואָס הייסט ווער? — האָט זיך בערנשטיין דער ערשטער אָנ־גערופן — מ י ר וועלן מאַכן.

— „מיר" טויג ניט. „מיר" איז קיין נאָמען ניט. מיר ווערן אָבער יאָ עפּעס, אויב מיר וועלן זיך אַ נאָמען געבן. און אָט הערט, וואָס מיר איז דאָ פּלוצלונג איינגעפאַלן: מיר זיינען דאָ אַלע, ווי אָפּגעריסענע בלעטער. ווי דער ווינט טראָגט אָפּגעריסענע בלעטער, אַזוי האָט אונז דער בייזער שיקזאַל אויסגעריסן פון אונזער ליב פאָטערלאַנד, פון אונזער הייליקער מוטער־רוסלאַנד און האָט אונז אהערצו פארטראָגן. אָבער — זיינען מיר דען געבראַכט געוואָרן אהער כדי דאָ צו פארלוירן ווערן אין דעם ווילדן רויש פון די הויכע גאַסן?... דאָס, וואָס מיר איז דאָ ביז איצט אויסגעקומען צו זען צווישן אייך, באַווייזט, אַז מיר, די אָפּגעריסענע בלעטער, זיינען דאָ ניט כדי מיר זאָלן פארלאָרן גיין, ניין, נאָר כדי מיר, די אָפּגעריסענע, זאָלן זיך דאָ קאָנען זאַרגן פאַר יענע דאָרט, און אפשר אויך דערפאַר, כדי מיר דאָ זאָלן לייכטער טראָגן די נייע אידעאַלן פון דער נייער מענטשהייט כדי מיר זאָלן מיט זיך אַליין קאָנען באַווייזן, וואָס עס מיינט אַ געמיינזאַמער, ברידערלאַכער לעבן; וואָס עס מיינט קאָמוניזם; וואָס עס מיינט אמתע פרייע ליבע — סיי צווישן מאַן און פרוי, סיי צווישן מענטש און מענטש. דאָס שלעכטע, צו זיין פארוואָרפן פון אונזער היים, האָט מיט זיך געבראַכט דאָס גוטע. מיר האָבן זיך מיטאמאָל ארויס־געריסן און באפרייט פון אַלטע טראַדיציעס, וואָס ליגן אויף די איינגע־זעסענע, ווי מילשטיינער אויף די העלדזער. ווער ווייסט, ווי גרויס אונזער איינפלוס וועט נאָך זיין מיט דער צייט, וואָרים אַזוינע אָפּגעריסענע בלע־טער, ווי מיר, זיינען דאָך דאָ אין לאַנד געוויס פאַראַן אין די הונדערטער

און אפשר גאָר טויזנטער, וועלן מיר זיי מיט דער צייט צונויפנעמען און וועלן נאָכדעם אַלע אייניינעם נעמען טראָגן דערפרישונג און גליק פאַרן מענטשלאכן לעבן. אַן אַ נאָמען זיינען מיר נאָך אָבער גאָרנישט. אַ נאָמען איז אַ פּאַן, און מיר, אַפּגעריסענע בלעטער, האָבן נאָך קיין פּאַן נים. מיר זיינען אַפּגעריסענע בלעטער און איך זאָג דעריבער, אַז „אַפּגעריסענע בלעטער" איז אַ פּאַסיקער נאָמען פאַר אונז; איך שלאָג פאָר. אַז מיר זאָלן זיך אַ נאָמען געבן „אַפּגעריסענע בלעטער" און עס זאָל טאַקע גלייך נאָכדעם הייסן, אַז די אונטערנעמונג אין „איגל האָל" איז אָרגאַניזירט פון דעם פאַריין „אַפּגעריסענע בלעטער".

קאַפּיטל פֿינף

דער אװנט, װען פֿרענקל האָט זיי דערװיזן, אַז זיי דאַרפֿן האָבן אַ נאָמען, איז פֿאַר דעם קרײַז פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַן אָװנט פֿון אַמתער גרױסער געשעעניש און אַמתער גרױסער פֿרייד. אַלע האָבן נאָכדעם געפֿונען, אַז דער נאָמען איז אָריגינעל און אַז די אידייע איז אַ גלענצנדיקע. דער מאַדאַם פֿײַנמאַן איז דאָס אַזױ שטאַרק געפֿעלן געװאָרן, אַז זי האָט די ערשטע פֿאַרװאָרפֿן די הענט אַרום פֿרענקלס האַלדז און האָט זיך מיט אים צעקושט. און נאָכדעם האָט זיך אָנגעהױבן אַ קושעניש, אײ מיט אים, אי צװישן זיך, װאָרים זיי האָבן דאָך שױן אַ נאָמען. מען האָט זיי דאָך נאָר־װאָס אַ נאָמען געגעבן! מען האָט געכאַפּט פֿרענקלען אױף די הענט, מען האָט געשריען, מען האָט גענומען זינגען און טאַנצן — רוסלאַנד, סיביר און דער ים האָבן זיי אַ פֿרענקל געשיקט און פֿרענקל האָט זיי אַ נאָמען געבראַכט.

מען האָט אַרײַנגעבראַכט נאָך ביר און בראָנפֿן און מען האָט פֿונדאַסניי גענומען טרינקען. אַנטאָן ניקיפֿאָראָװיטש האָט באַװיזן אַ קונץ: האָט אַרײַנגענומען די העלדזלאַך פֿון צװיי אָפּגעקאָרקטע פֿלעשער ביר אין זײַן מױל, האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ און אַזױ אַז אַן אָפּהאַלט אױס־געטרונקען ביידע פֿלעשער ביר, ניט פֿאַרגיסנדיק קיין טראָפּן. אָבער ביז ער איז ניט פֿאַרטיק געװאָרן האָט זיך דער עולם געהאַלטן ביי די זײַטן און געמיינט, אַז אָט, אָט און דער מענטש פּלאַצט.

אָנגעלאָכטע און אָנגעפּרײדיקטע איז מען נאָכדעם אַרײַנגעפֿאַלן אין אומעטיקע רוסישע לידער, װאָס זײַנען געװאָרן אַן אַ שיר אומעטיקער דורך דעם אָנגעפּלאַצטן, שטענדיק־ציטערדיקן בענקען פֿון די אַלע מענטשן... ערגעץ איז דאָ אַ היים, אַ רעװאָלוציאָנערע אַרבעט, טורמעס, סיביר, קאַטאָרגע, תּליות. אַלץ אַזױ נאָענט און אײגן, און מיר זײַנען אַזױ װײַט, אין אַ װײַטער פֿרעמד. צי געדאַרפֿט אַנטלױפֿן פֿון טורמע? און צי איז דען אַזױ שלעכט די שײנע, װילדע סיביר? אױ, שלעכט, אױ, שלעכט!

צי קומען מיר װען צוריק, צי זעען מיר דאָס אַלץ פּונדאָסניי? אוי יאָ, אוי ניין, אוי ניין!...

מיטאָמאָל אָבער איז אַניוטקאַ אַרײַנגעקומען פון איר קינד, װאָס זי האָט איינגעשלעפערט; קאַלמאַנאָװיטש איז אַ באַזויפּענער איר נאָכגע־גאַנגען און האָט פריילאך צוגעפּאַטשט מיט די הענט:

— דער רעװאָלוציאָנער שלאָפט שוין! חנהלעס רעװאָלוציאָנער! לאָ־כאַל! — און האָט גענומען פּליעסקען און טאַנצן:

„העי, האָפּ מאָיע הרעטשאַניקי, האָפּ מאָיע מילי,

„זאַטשטאָ מאָיע הרעטשאַניקי ראַנשע ני פּאַספּילי!"

איז דאָס אַלעמען געפעלן געװאָרן. מען האָט זיך אױסגעשטעלט אין אַ ראָד אַרום דעם האַלב־זיך־װאַקלענדיקן, זינגענדיקן און טאַנצנדיקן קאַלמאַנאָװיטשן און מען האָט גענומען זינגען דאָס פריילכע לידל און אים צופּליעסקען צום טאַקט.

נאָכדעם האָט אַנטאָן ניקיפאָראָװיטש אױסגעשריען:

— און װער װעט מיט מיר טאַנצן אַ טראָפּאַקאַ?

געמיינט האָט ער, אַז אַניוטקאַ װעט זיך אױף דעם אָפּרופן, װאָרים זי האָט אױסגעזען צו זיין אַזױ אױפגעלייגט... איז אָבער די געזונטע און שטאַרק־געבױטע בעלאַ, בערנשטיינס חברטע, אױפגעשפּרונגען. ניט חלילה דערפאַר, װאָס איר חבר, איר מאַן, האָט זיך דעם גאַנצן אָװנט צופיל גע־דרייט אַרום דער מאַדאַם פיינמאַן. ניין. נאָר גלאַט אַזױ... איר האָט זיך אינמיטן דערינען פאַרװאָלט אױפטאַנצן מיט אירע אַקסלען, מיט אירע היפטן, מיט דעם גאַנצן פולן און גיריקן לייב. און זי האָט פאַרנו־מען איר קלייד אױף אַ זייט און זיך אַ פאַרפלאַמטע און צופרידענע אװעק־געשטעלט קעגן דעם קליינעם, צעקרימטן קירגיז און אױסגעשריען:

— בראַװאָ, אַנטאָן ניקיפאָראָװיטש! איך בין היינט דיין פּאָר. פיינ־מאַן, שפּיל, פאַר אונז.

און אַזױ איז אַװעק אַ טאַנץ, אַ טאַנץ אױף פרייד און אױף געלעכטער.

נאָך זיי האָט גאַבריעל געטאַנצט אַ קאַזאַצקע מיט דער מיס פינק. אירע יונגע, דינע פיס און איר װייסער און ציטעריק־פאַרשייטער קערפּער איז פון מאָל צו מאָל אױפגעשפּרונגען פון דיל, װי אַ לייכטער באַל. גאַב־ריעל האָט איר אַנטקעגנגעטאַנצט, קליין, שפּרוזשינעדיק און שאַרף, און אױף קיין איין מינוט ניט אַרונטערגענומען זיינע אױגן פון איר.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט דאָס געזען, געפילט אַז די ערד ברעכט זיך אונטער איר, דאָס בלוט נעמט קילן און גליווערן אין די אָדערן. נאָר פונדעסטוועגן האָט זי שטאַלץ און אויסגעהאַלטן געשמייכלט.

איבערגעריסן האָט דעם טאַנץ דער שיכורער קאַלמאַנאָוויטש. ער האָט זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אָנגענומען איין עק פון זיין פּאָלע און גענומען דרייען ווי אַ רוסישע בעטלערישע לירע און גענומען נאָכמאַכן און נאָכזינגען אַ בלינדן רוסישן בעטלער:

„פּאָדאַיטיע, כריסטאַ ראַדי, פּאָדאַיטיע!

„זאַנגע־זינג־זינגעלינג! דינג־אינג, אוי, אוי!"

און אַזוי אָן אַן אָפּהאַלט.

קיינער האָט אים נאָכדעם ניט געקאָנט אויפהויבן פון דיל. ערשט, ווען אַניוטקאַ איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט אויפהויבן. דערפאַר אָבער האָט ער זי שוין ניט אָפּגעלאָזט:

— אַ, חנהקעלע טייערע, נעם מיך צו לאַסאַלן, דיין זון דעם רעוואָלוציאָנער! פּאָדאַיטיע, כריסטאַ ראַדי, פּאָדאַיטיע־ע־ע... ע־ע־ע...

דאָרטן, אין צימער, האָט קאַלמאַנאָוויטשעס ווייב איבערגעטראָגן דאָס קינד צו איין זייט בעט און אַניוטקאַ האָט אים געהאָלפן זיך אוועקלייגן איבער דער ברייט פון בעט. ער האָט אָבער אַניוטקען אַלץ ניט אָפּגעלאָזן און זי האָט זיך געמוזט אוועקלייגן מיט אים. איז די מיסעס קאַלמאַנאָוויטש געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַ פאַרשטיינערטע, געטראַכט, אַז זי וויל ניט בלייבן קיין רעאַקציאָנערקע, געטראַכט פון אירע צוויי קינדער אינדערהיים, געטראַכט, אַז ס׳איז בעסער זיך דאָ אוועקלייגן לעבן זיי, און זי האָט אַזוי געטאָן.

קאַפּיטל זעקס

אין די פאַרדרשטע צימערן פון די פיינמאַנס איז נאָך יענעם אוונט לאַנג אָנגעגאַנגען די „הוליאַנקע".

גאַבריעל האָט דאָרט אויף אַלעמענס פאַרלאַנג געמאַכט זיין באַרימטן פלאַדן, אים דאָס מאָל געמאַכט אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער: זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, זיך געוואָרפן, זיך אויסגעצויגן און אויפגעהויבן פון דיל, געבראַכט דעם עולם צו נייע ספּאַזמען פון געלעכטער און עקסטאַז. שליאַפּניקאָוו האָט זיך גלייך נאָך דעם פלאַדן פלוצלונג דערמאָנט אונטערצופירן כאָטש איינעם פון זיינע חשבונות מיט גאַבריעלן — זיין חשבון וועגן פּאָעזיע, און האָט זיך אַ שיכורער אָפּגערופן:

— און דו, אַזוינער און אַזוינער, זאָגסט נאָך אַלץ, אַז דו גלויבסט ניט אין פּאָעזיע?!

—נאַ דיר נאָך אַ גלאָז ביר, שליאַפּניקאָוו, דאָס איז בעסער פון פּאָעזיע — האָט גאַבריעל געענטפערט, אונטערטראָגנדיק אַ גלאָז ביר.

— ביר איז גוט, גיב אַהער.

און שליאַפּניקאָוו האָט אויסגעטרונקען די גלאָז ביר, זיך געהייסן געבן נאָך איינע, אויסגעטרונקען און געזאָגט:

— אָבער איצטער וואַרט. איך מוז דיר, ברודער, ווייזן, וואָס פּאָעזיע איז אַזוינס.

און ער האָט אַפּצולאָכעס גענומען אינדערהויך דעקלאַמירן פּושקינס „מאַזעפּאַ":

„באַרימט און רייך איז קאָטשובעי,
זיינע וועלדער ניט צו מעסטן..."

און שליאַפּניקאָוו האָט זיך אַזוי מיט גרויס פּאַטאָס גענומען דעקלאַמירן די פּאָעמע פון קאָטשובעיען, וואָס האָט געהאַט אַסאַך גיטער, מיט רייכע סעדער, און ווייט־פּאַנאַנדערגעשפּרייטע פעלדער און אַן אַ שיר טאַבונען מיט ווילדע, לאַנג־גריוועדיקע פערד און פּוטערוואַרג און זיידנס

אלערליי. און גאָלד און זילבער אַן אַ שיר. אוצרות גאַנצע — אָפּגעדעקטע און באַהאַלטענע. נאָר קאַטשובעי איז רייך און שטאָלץ ניט מיט זיינע לאַנג־גריוועדיקע פערד, ניט מיט זיינע פיל־אַנגעירשנטע דערפער. ניט מיט זיין גאָלד און זילבער. ניט מיט די גרויסע צינזן, וואָס ער נעמט איין פון די קרימער שבטים, — נאָר מיט דער שיינער טאָכטער זיינער איז ער שטאָלץ, דער וואוילער קאַטשובעי.

און שליאַפּניקאָוו האָט זיך אַזוי אַלץ ווייטער און ווייטער פאַנאַנדער־געדעקלאַמירט מיט זיין גאַנצן האַרציקן פייער, ענדערנדיק זיין קול ביי יעדן העלד, וואָס קומט אריין. אָט איז די שיינע טאָכטער. שיין און שלאַנק און גיריק ווי אַ יונגע לאַם. אָט איז דער בראַווער העלד, דער טאַטע. און אָט קומט דער אַלטער כיטרער אַטאַמאַן, דער פאַרברעכערישער „מאַזעפּא". שליאַפּניקאָוו מאַכט קונציק נאָך דעם אַלטן און כיטרען מאַזעפּאַס קול, בשעת ער נעמט זיך שדכנען צו קאַטשובעיס יונגער טאָכטער; און גלייך נאָכדעם — דעם אויפגערעגטן און שטאָלצן צאָרן פון דעם באַליידיקטן פאָטער, דעם בראַוון קאַטשובעי:

— דיר, אַזאַ אַלטן! אין דיינע אָפּגעלעבטע קאַלטע הענט! מיין טאָכטער!...

און אַזוי דעקלאַמירט שליאַפּניקאָוו כסדר, און אַז ער קומט צו דעם אָרט, ווי דער פאַררעטערישער מאַזעפּא טראַכט אויס אַ מסירה אויף קאַטשו־בעיען צום צאַר, איז ער שוין אינגאַנצן מיד און אויסגעשעפּט און פאַלט פאַרמאַטערט אַריין אין זיין שטול.

דער עולם אַפּלאָדירט און ער לאָזט אַראָפּ די אויגנדעקלאָך און ווערט גלייך אַנטשלאָפן... דער עולם שמייכלט זיך איבער, הויבט זיך אָן אויפצו־הויבן פון טיש; אָבער ווען מים פינק איז אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגאַנגען צו אים און אים געגומען וועקן: שטיי־אויף, שליאַפּניקאָוו, קום לייג זיך צו אין צווייטן צימער, — האָט שליאַפּניקאָוו גלייך אָן עפן געטאָן די אויגן, זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן און צו אַלעמענס איבערראַשונג גלייך אָנגע־הויבן מיט אַ גלייכן קול:

„ווער לויפט דאָרט איצט דורך נאַכט און שטערן?!
ווער לאָזט אין נאַכט זיך האַסטיק הערן?
פאַר וועמעס פערד דאָרט פייל פון בויגן

האָט זיך די גרויסע סטעפּ צעצויגן?
דאָס איז דער קאָזאַק,
צו דרום איז זיין וועג!
דאָס איז דער קאָזאַק,
וואָס רוט ניט ביי קיין שטעג!
א הויפן גאָלד־רענדלאַך אין זיין טאַש —
גאָלד־רענדלאַך גיבן־צו קוראַזש.
א בלאַנקער שפּיז איז אין דער האַנט פון יונג,
א שפּיז פאַר א קאָזאַק, איז ווי צום מויל די צונג.
א פערד פאַר א קאָזאַק איז ווי צום אָטעמען די לונג,
ליב איז דעם קאָזאַק אויך דער האַסטיקער גאַלאָפּ,
אָבער נאָך טייערער איז דעם קאָזאַק
דאָס היטל אַף זיין קאָפּ.
פאַר דעם היטל איז דער קאָזאַק גרייט
זיך טראָגן ווילד דורך וואַסער און דורך פייער?
פאַר דעם היטל איז ער אַלץ אַוועקצוגעבן גרייט:
די שפּיז, דאָס פערד, די קלינגענדיקע רענדלאַך פון זיין טאַש.
פאַרוואָס איז דעם קאָזאַק אַזוי דאָס היטל טייער?
ווארים אין דעם היטל איז מאָזעפּאַס שרעקלאַכער „דאָנאָס"
פאַרנייט;
דער „דאָנאָס", וואָס וועט דעם קייסער פרייען,
דער „דאָנאָס" צו צאַר־פּעטער אַף קאָטשובעיען".

און שליאַפּניקאָוו איז אַזוי אַוועק ווייטער און ווייטער אַן אַן אָפּ־האַלט.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט פון זיין אונדערוואַרטעטן פּלוצלונגן אָנהויבן פונקט דאָרט, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. א פּאָר האָבן זיך ווידער ארומגענומען ארום אים, די מים פינק האָט אים געפּרואווט איינ־רעדן ער זאָל אויפהערן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ער מוז ווייזן, וואָס פּאָעזיע איז! און ער האָט אַזוי לאַנג דעקלאַמירט, ביז ער איז ווידער אַן אויסגעשעפּטער אריינגעפאַלן אין זיין שטול, צוגעמאַכט די אויגן און אָנגעהויבן שלאָפן. א ווײלע האָט די קליינע מים פינק געקוקט אַף אים און געוואַרט, און ווען ער האָט גענומען שנאָרכן איז זי צוגעגאַנגען און

מיטביידע הענטלאַך אָנגענומען די באַקנבערד פון זיין ברייטער באָרד:
— קום, שליאַפּניקאָוו, דו ביסט דאָך אַזוי מיד.

ער אָבער האָט זיך פון דעם ווידער אויפגעכאַפּט און ווידער גענומען דעקלאַמירן פונקט פון דעם אייגענעם אָרט, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, קוקנדיק פון־מאָל־צו־מאָל אויף גאַבריעלן, ווי ער וואָלט אַרויסרופנדיק צו אים געזאָגט: אָט איז דיר פּאָעזיע, ברודערל, הערסט, הערסט, ווי אַ וויין אַ גוטער, ווי אַ טייך אַ גאָלדענער...

גאַבריעל איז דערווייל צוגעגאַנגען צו דער קליינער מיס פּינק, אַרומגעלייגט זיין האַנט אַרום איר טאַליע און זי אַרויסגעפירט אין אַ צווייטן צימער. —ער האָט איר עפּעס צו זאָגן. — זי איז מיט אים געגאַנגען הערן, וואָס ער האָט איר צו זאָגן, און האָט זיך שוין פון דאָרט מער ניט אומגעקערט.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט נאָכדעם גלייך גענומען גיין צו זיך אין צימער. די ברוויניקע ליכטיקייט פון איר פּנים איז מיטאַמאָל גרוי־בלאַס געוואָרן. פיינמאַן איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך דאָרט גלייך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין. פיינמאַן איז געבליבן שטיין פאַר איר און מיט טיפער מיטפילנדיקער פאַרצווייפלונג גענומען רעדן צו איר:
— פאַניא, פאַניטשקע!

און אַז זי האָט ניט געענטפערט האָט ער זיך אַ געבראָכענער און מיט טרערן אין די אויגן אַוועקגעזעצט אויפן דיל ביי איר בעט.

ווען שליאַפּניקאָוו האָט זיך נאָכדעם ווידער שוין צום דריטן מאָל אויפגעכאַפּט איז ער שוין געווען איינער־אַליין לעבן אַ האַלב־באַלויכטענעם טיש מיט האַלב־ליידיקע און איבערגעקערטע פלעשער און גלעזער.
— בעסקאָ, אָ, בעסקאָ! — האָט ער גענומען רופן די מיס פּינק. קיינער האָט אים ניט געענטפערט. — אַוועקגעגאַנגען... אָט אַ נאַר... און איך וועל פונדעסטוועגן דערענדיקן. — און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען לייענען די פּאָעמע פאַר דעם ביסל ליכט און פאַר די האַלב־ליידיקע פלעשער און גלעזער, ווארים דערענדיקן דאַרף מען דאָך! און ווען ער איז געקומען צו דעם אָרט, ווי דער בראַווער קאָטשובעי זיצט אין טורמע די לעצטע נאַכט מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט מען אים הינריכטן און ער דערמאָנט זיך, אַז די לבנה, וואָס נעמט איצט לייכטן פאַרן פענצטער פון דער טורמע לייכט איצט אויך אויף זיינע סעדער, אויף זיינע פעלדער,

אױף זײַן הײם, װאו ער איז געבױרן געװאָרן, האָט זיך אַ שװערער טרערן־קנױל גענומען פּאַנאַנדערװיקלען אין שליאַפּניקאָװן: הײמישע דערינגע־רונגען נאָך דערינערונגען האָבן גענומען אױפּטױכן: דער עלנטער, דער פאַרװאָגלטער שליאַפּניקאָװ האָט פון דעם דערפילט אַ קלעמענדיקע אײַנגשאָפּט אין זײַן האַרצן און האָט זיך פאַר זיך אַלײן צעװײנט און אַזױ שטאַרק, אַז עס איז אים געװאָרן שװער צו דערענדיקן. אָבער ענדיקן מוז ער דאָך! האָט ער געשלונגען די טרערן אײנער־אַלײן און אײנער־אַלײן װײַטער געלײענט שטילער, אַזױ, אַז ער זאָל די, װאָס ליגן אַרום אים, ניט אױפװעקן. און װען ס׳איז געקומען דער טריאומפירנדיקער סוף, װי דער פאַררעטער מאַזעפּאַ דאַרף גאָר גײן ליגן זײַן קאָפּ אױפן קלאָץ און ניט

קאָטשובעי האָט שליאַפּניקאָװ גענומען אָטעמען פרײער, קאָטשובעי און זײַן שײנע טאָכטער האָבן שױן בײַ שליאַפּניקאָװן אױך גענומען מײנען דאָס רוסישע לאַנד, דאָס רוסישע פאָלק, און די ליכטיקע רוסי־שע רעװאָלוציע, און מאַזעפּאַ — דער פאַרהאַסטער רוסישער דעס־פּאָטיזם. האָט זיך שליאַפּניקאָװ דערפאַר גענומען פילן פילפאַכיק באַלױנט און האָט נאָכדעם פאַרענדיקט אַ געטרײַסטער. נאָכן סוף האָט ער גוט און צופרידן װידער געפּרוּװט רופן:

— —בעסקאָ, אַ, בעסקאָ! איצט בין איך פאַרטיק! אַ?

נאָר אַז קײנער האָט ניט געענטפערט האָט ער שטיל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אױפן טיש און װי אַ שװערער װאָרצל פון אַן איבערגעקערטן בױם איז ער אַזױ געבליבן זיצן, צװישן איבערגעקערטע מענטשן און פלעשער און שאָטנס און איז באַלד אַזױ אײַנגעשלאָפן, װי אַ פעלז און װי אַ שאָטן. שטיל.

אין דער שטילקײט האָט זיך נאָכדעם דערהערט אַ שטיל און טױבנ־אַרטיק שעפּטשען. דאָס האָט זיך די מאַדאַם פײנמאַן אױפגעהױבן פון בעט אינמיטן דער נאַכט, זיך געכאַפּט, אַז זי ליגט אין די קלײדער און זיך גענומען אױסטאָן און שױן אַן איבערגעטאָנענע זיך אומגעקוקט אױף פײנמאַנען, װאָס איז אײַנגעשלאָפן אױף דער ערד לעבן בעט. האָט איר פאַרנומען בײַם האַרצן. זי האָט זיך דערמאָנט, װי גוט און געטרײַ ער איז צו איר, האָט זי אים אױפגעװעקט, אים אַ קוש געטאָן, זיך איבערגעגעבטן מיט אים און זײער גוט ליב שעפּטשען האָט זיך גענומען הערן און שפּרײטן איבער דעם עטילן אײַנגעװיגטן הױז.

קאַפּיטל זיבן

אין רוסלאַנד איז אַמאָל געווען אַ פּאַרייַ, וואָס האָט געהייסן „די ביבלישע ברודערשאַפֿט". די מיטגלידער האָבן דאָרט אויף זייער אופֿן געלעבט אין דעם גייסט פֿון דער ביבל און האָבן געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף און קאָן לעבן אויף אַ גוטן ביבלישן, שטייגער. דער פּאַרייַ איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון אַ געמישטן עולם: פֿון אינטעליגענטערע און פּשוטערע מענטשן. פֿיינמאַן איז געווען איינער פֿון די ברידער, פֿלעגט גיין צו אַלע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער ברודערשאַפֿט, פֿלעגט זיך צוהערן מיט זיין גאַנצן שוויַגעדיקן ערנסט צו אַלע רעדעס, צו אַלע שטיקער, וואָס מען פֿלעגט דאָרט פֿאָרלייענען פֿון דעם אַלטן און אַמאָל אויך פֿון דעם נייעם טעסטאַמענט, הערן די אַלע דערקלערונגען און אַפּטייטשונגען און דערביי טראַכטן פֿאַר זיך אייגענע מאָדנע טראַכטונגען, זיך וואונדערן דערביי, וואָס — אַט שטעלן זיך מענטשן אַוועק און רעדן אַזוי פֿריי אַרויס זייערע געדאַנקען. און, פֿיינמאַן, טראַכט אויך: דאַכט זיך, אַזוינע גוטע זאַכן קומען אויפֿן זינען, אַרויסרעדן זיי אָבער קאָן ער ניט, אַט ווי עס זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען ניט נאָכזינגען קיין געזאַנג, כאָטש דאָס געזאַנג זינגט זיך אין זיי.

אַט פֿלעגט, למשל, פֿיינמאַנען איינפֿאַלן כמעט יעדן מאָל, וואָס מען פֿלעגט פֿאָרלייענען און רעדן פֿון דער ביבל און ביבלישקייט, וואָס זיי דאַרפֿן טראָגן אין פֿאָלק, אַז אייגנטלעך האָבן דאָך די ביבלישע מענטשן ניט געוואוינט אין קיין הייזער, כאָטש אין דער ביבל ווערט דאָך אַסאַך מאָל גערעדט פֿון הייזער. עס שטייט, למשל, בפּירוש געשריבן, אַז אינדערצייט פֿון מלחמה דאַרף מען ניט נעמען די, וואָס האָבן נאָר־וואָס חתונה געהאַט און די, וואָס האָבן פֿאַר זיך נאָר־וואָס אויסגעבויט אַ הויז. און נאָך אַסאַך מאָל ווערט גערעדט פֿונם דאַך פֿון אַ הויז, און וועגן די, וואָס בויען אַ הויז צו אַ הויז. פֿונדעסטוועגן איז ביי פֿיינמאַנען פֿאַרט אויסגעקומען, אַז צו לעבן אַ ביבלישן לעבן, מיינט צו לעבן אויף

אָפּענע שטרעקעס, אָדער גאָר אין דער מדבר. ביי אים איז אויסגעקומען, אז הייזער טרייבן אזוי ווי אַוועק די ביבל. אָבער זאָגן דאָס צו אימיצן פֿון די ברידער האָט ער ניט געקאָנט, ערשטנס, ווייל ער האָט געטראַכט, אַז אַזוינע געדאַנקען זיינען געווים נאַריש, און צווייטנס, ווייל ער האָט געפֿילט, אַז ווי נאָר ער זאָל וועלן אַרויסרעדן אָט־די געדאַנקען, וועלן זיי גלייך צערונען ווערן.

פֿיינמאַן האָט דערפֿאַר באַוואונדערט יעדן איינעם, וואָס פֿלעגט קאָנען גראָד און פּשוט אַרויסרעדן זיינע געדאַנקען, און פֿלעגט יענעם נאָכפֿאָלגן מיט זיין גאַנצן פֿאַראינטריגירטן ערנסט. און פֿיינמאַן איז דערפֿאַר געווען אַ זייער גוטער הערער. ווען אימיצער האָט גערעדט, פֿלעגט ער כּמעט זיין אינגאַנצן געהער. ער האָט נאָך דערצו געהאַט אַ גרויסן קאָפּ מיט אַ גוט־נאָכדיינקענדיק פּנים און מיט אַזוינע גוטע, גרויסע אויגן, וואָס קוקן אַף דיר גרייט נאָכטראַכטנדיק צו פֿאַרנעמען אַלץ, וואָס דו ווילסט זאָגן. ער פֿלעגט אָפֿט אויך שפּילן פֿאַר דער ברודערשאַפֿט אַף דער פּיאַנע. און אַלע ברידער האָבן דעם שטילן, ניט־הויך געוויקסיקן, ברייט־פּלייצעדיקן פֿיינמאַן זייער ליב געהאַט.

די דאַמאָלסדיקע רוסישע רעגירונג האָט זיך אָבער אינגיכן געכאַפּט, אַז די ביבלישע ברודערשאַפֿט איז גאָר מיטאַמאָל געוואָרן אַ נעסט פֿון רעוואָלוציע, און זי האָט זיך גענומען נאָכיאָגן און ברוטאַל פֿאַרפֿאָלגן וועמען עס איז נאָר געלונגען צו כאַפּן פֿון די ברידער. די, וואָס די רעגירונג האָט ניט געכאַפּט אין צייט, זיינען זיך צעלאָפֿן. פֿיינמאַן איז נאָכדעם אינמיטן פֿון אַ געווויסן ווינטער פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן קיין לאָנדאָן.

דאָרט האָט ער זיך פֿאַר אַ צייט אַליין אַרומגעדרייט אַ צעטומלטער, עפּעס אַלץ ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז ער קאָן זיך מער ניט אומקערן קיין רוסלאַנד, און גלאַט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ערגעץ אַף אַ גאַס אין לאָנדאָן איז דעמאָלט געווען אַ קלוב און אַ לייענצימער פֿון רוסישע אימיגראַנטן סטודענטן. עס איז דאָרט אויך געווען אַ פּיאַנע. האָט פֿיינמאַן אַהין גענומען אַריינקומען, לעזן, און אַמאָל אויך זיך צוזעצן צו דער פּיאַנע און שפּילן אַביסל. האָט געטראָפֿן, אַז די אימיגראַנטן־סטודענטן האָבן געגעבן אַ פֿאַרווײַלונגס־אָוונט און האָבן פֿיינמאַנען אַרויפֿגעשטעלט אַף דעם

צעטל פון די פּאַרוויילער. און נאָכדעם האָט געטראָפן, אַז אַף דעם אָוונט פון די אימיגראַנטן־סטודענטן האָט מען אים פאַרגעשטעלט פאַר אַ זינגערן־אימיגראַנטקע. זי האָט אים געגעבן איר שיינע מיידלשע האַנט, געקוקט גלייך אַף אים און געזאָגט:

— מיין נאָמען איז פאַניאַ.

ער האָט איר נאָכדעם, נאָך אַף דעם אייגענעם אָוונט, אַקאָמפּאַנירט. זי איז געווען אַ ברונעטקע מיט פינקלדיקע אויגן, און איר קול איז באמת געווען שיין, ווארעם און שיינענדיק. איר האָט אָבער געפעלט אינעווייניקסטע מוזיקאַלישקייט. אירע סטודענטישע פריינט האָבן ווייניק געוואוסט פון דעם; איר שיינקייט און איר קלינגענדיק קול פלעגט זיי באַצויבערן. זי האָט זייער געליטן פון אָט־דעם חסרון אירן. האָט שטענדיק מורא געהאַט, טאָמער וועט איר אימיצער מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דעם. זי האָט געהאַט אַ טיפן אינעווייניקסטן אָפּשיי פאַר איינעם, וואָס איז געווען מוזיקאַליש.

איר קול האָט געהאַט אַן אַנגעגליטע, פינקלדיקע שטאַרקייט, און זי פלעגט אָפּט הערן, אַז עס איז באמת אַ שאָד, וואָס זי איז אַזוי ווייניק מוזיקאַליש. זי פלעגט אויפציטערן פון אַזאַ באַמערקונג. פיינמאַן האָט זיך אַנגעשלאָגן איר אַרויסצוהעלפן.

ביי פיינמאַנען איז אינגיכן געוואָרן קלאָר, אַז מיט אָט־דער שטאָלצער פאַניאַס זינגען איז כמעט פונקט אַזוי ווי ביי אים מיט זיינע געדאַנקען.

— אינעווייניק — האָט זי זיך פאַר אים איינמאָל גאַנץ אָפנהאַרציק געקלאָגט — זינגט זיך ביי מיר, דאַכט זיך, זייער גוט, ווי נאָר אָבער עס קומט צום זינגען, צערינט דאָס, און איך ווייס ניט פאַרוואָס.

אָט־די אָפנהאַרציקע דערקלערונג אירע האָט אַזוי שאַרף אונטערגעשטראָכן איר ענליכקייט צו אים, אַז ער האָט זיך גענומען שעמען און אַזוי פילן שולדיק פאַר איר. און ער האָט זיך אַ שולדיקער גענומען מיט איר אַסאַך אָפּגעבן, שטודירן און העלפן. אינגאַנצן זי אויסהיילן פון אָט־דעם חסרון האָט ער ניט געקאָנט, אָבער ער האָט איר פאַרט פיל געהאָלפן.

מיטאַמאָל האָט פיינמאַן זיך געכאַפּט, אַז פאַניאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געוואָרן ממש ווי אַ פייער, אַ גייענדיק פייער. ער האָט ניט

געוואוסט ווי אַזוי, אָבער עפּעס האָט זי געוואָלט ווערן ווי אַ וועזן. וואָס דאַרף פֿאַר זיך די גאַנצע לופֿט וואָס איז דאָ, וואָס האָט פֿאַר זיך אַסאַך לופֿט און באַהערשט אַלץ.

האָט פּיינמאַן דערפֿאַר געוואָלט אויסמיידן קוקן אויף פֿאַניאַן. אפֿילו אין דער צייט, וואָס ער פֿלעגט איר געבן די לעקציעס, פֿלעגט ער אויס־מיידן צו קוקן אויף איר.

פֿאַניאַ האָט געהאַט אַסאַך קאַוואַליערן, סטודענטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איר. אויסער איר שיינער, שטאַלצער פֿיגור און שיין, טונקל־הויטיק פּנים, האָט זי נאָך געהאַט אַזאַ כּוח אין אירע אויגן, אַז עס האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז זי צינדט די לופֿט אַרום זיך. איבערהויפּט נאָך, ווען זי פֿלעגט אויף אַ געוויסן אופֿן אַ שטעל טאָן די ברעמען איבער זיי. אַלע קאַוואַליערן פֿלעגן זיין פֿול מיט רייד צו איר ווען איר, פֿלעגן זי ממש באַזינגען. פּיינמאַן אָבער האָט ווייניק גערעדט און פֿיל און געטריי געאַרבעט מיט איר. דערצו נאָך האָט ער געוואָלט אויסמיידן צו קוקן אויף איר, און האָט ער שוין יאָ געקוקט אויף איר, זיינען דאָס געווען בליקן, וואָס האָבן זי אַזויווי צעשטראַלט און איבערגעשמאָלצן פֿונדאַסניי, אַזויווי איר לייב און אירע ביינער וואָלטן אינגאַנצן געווען אַנדערש פֿון דעם, וואָס זיי זיינען.

פֿרויען ענדערן זיך בכלל, און ווערן אַנדערש און ווערן אַפּילו מער פֿון דעם, וואָס זיי זיינען אונטער די בליקן פֿון דעם פֿאַרליבטן מאַן. און עס איז דער מאַן, וואָס אַנדערשט זיי, ווען זיי גיבן זיך אויף דער אמתן איבער, ווען זיי גיבן זיך איבער גאַנץ און אַנדערש. ווי זיי וואָלטן זיך איבערגעגעבן צו אַן אַנדער מאַן. האָט פֿאַניאַ מיטאַמאָל געוואָלט און אָפּגעשטופּט פֿון זיך אַלע קאַוואַליערן. געטאָן האָט זי דאָס אויף אַ גאַנץ אומדערוואַרטן אופֿן:

איינמאָל אין אַן אָוונט, אין דעם טאָג פֿון איר געבורטסטאָג, זיינען זיך אַלע אירע פֿריינט צונויפֿגעקומען צו איר אַ הוליע טאָן. אַלע האָבן געבראַכט מתּנות, בלומען, קאָנפֿעקטן, געטראַנקען. פּיינמאַנען אָבער איז איינגעפֿאַלן צו ברענגען פֿאַר איר אַ קליינע בינעזישע וואַזע. ער איז גאָרניט געווען שולדיק אין דעם. ער איז גאָרניט אויסן געווען. נאָר די דין־געצייכנטע געמעלן, די דעליקאַטע קאָלירן, די שוועבנדיקע ליניעס פֿון די פֿיגורן און די פֿיינע פֿאָרמע פֿון דעם איידעלעם פֿאַר־

געליי האבן עפעם אזוי מאדנע א שפיל געטאן פאר זיינע אויגן, ווען ער איז אריין אין דעם „מתנות־געשעפט", אז עס איז אים גלייך איינגעפאלן, אז דאס איז די שענסטע זאך פאר א מתנה פאר איר. פאניאן איז טאקע די קליינע וואזע שטארק געפעלן געווארן. דערצו האט זי נאך טאקע געוואלט מאכן דעם איינדרוק, אז עס געפעלט איר זייער שטארק. האט זיך דער עולם אבער דווקא גענומען לוסטיק מאכן פון דעם וואזעלע און פון פיינמאנען. פריער איינער, נאכדעם א צווייטער, און אזוי עטלאכע מאל דורך דעם אוונט. די יונגעלייט איז, ווייזט אויס, זייער שטארק ניט געפעלן געווארן ניט דאס וואזעלע, ניט פיינמאן און ניט דאס, וואס זי האט געמאכט אזא גרויס וועזן פון דעם. פיינמאן האט פון דעם געליטן. ער האט ניט געוואוסט, צי ס'איז טאקע א פאסנדיקע געלעגנהייט צו ברייגען אזא זאך. האט אבער פאניא אלעקסאנדראוונא מיטאמאל זיך אנגעשטעלט אף פיינמאנס גרויסן, שווערן קאפ, אף די ברייטע אקסלען, אף זיינע האר און אף זיינע אויגן, און זי האט מיטאמאל, צו אלעמענס דערשטוינונג, און כמעט ניט דערוואַרט פאר זיך אליין, זיך אנגערופן:

— און איר ווייסט, וואס איך וועל אייך אלע זאגן. איך בין פאר־ליבט אין פיינמאנען.

און זי האט זיך נאכדעם אן אויפגערעגטע, שלאנגיש אויפגעהויבן, איז אריבער צו פיינמאנען, פארווארפן אירע הענט ארום זיין קאפ און זיך מיט אים צעקושט.

דער עולם איז געווארן צעטומלט און איבערראשט. מען האט זיך איבערגעקוקט, געפרואווט טראכטן, אז דאס איז בלויז א שפאס, א קאפריז פון א יונגער קינסטלערין. ווי זיי, אירע קאוואליערן, האבן אלע געטראכט וועגן איר. איינער אבער האט זיך אנגערופן:

— וויבאלד אזוי, לאמיר גלייך פראווען א חתונה.

און דערביי האט ער טאקע א כאפ געטאן און א שליידער געטאן דאס וואזעלע אין דער ערד און נאך ארויסגעטאנצט אף די צעבראכענע שטיק־לאך פון מזל־וועגן.

און פאניא איז אזוי געווארן פיינמאנס ווייב. אבער ניט נאר זיין ווייב, זי איז אויך געווארן זיין שטענדיקע כלה. ווייל ערגעץ אין זיך האט פיינמאן קיינמאל ניט געגלויבט, אז ער האט זי שוין איי־

גאנצן דערגרייכט. ער האט זיך עפעס קיינמאל ניט געקאנט זאט אנ־קוקן און אנטראכטן וועגן איר. ער איז אפילו קיינמאל ניט געווען זיכער, אז ער זעט זי ריכטיק. ער איז געווען פון די מענער, וואס דער־זעען אזוי שטארק זייער געליבטע פרוי, אז זיי הערן זי כמעט אויף זען, און ער האט דערפאר אזוויי ניט געזען אירע באציאונגען צו אנדערע מענער. ער איז געווען אזוויי בלינד און פארבלענדט יעדן מאל, ווען ער האט פאר זיך דערזען זיין פרוי.

ווען זיי זיינען נאכדעם אנגעקומען קיין אמעריקע, האבן זיי שוין דא געטראפן א פאר פון דער געוועזענער „ביבלישער ברודערשאפט”. עלנטע, פארווארלאזטע זיינען זיי דא אלע געווען. די איינציקע, וואס האבן מיט זיך מיטגעבראכט א שטיקל באשטימטן אינהאלט, זיינען געווען די פיינמאנס — זי מיט איר רייץ, און מיט איר זינגען, און ער מיט זיין גוטסקייט און מיט זיין שפילן. דערצו פלעגט נאך פיינמאן ליב האבן צוצוגעבן קינסטלערישקייט צו זיין הויז. פלעגט ליב האבן אויפ־הייגגען א בינעזישן אפדרוק אפן וואנט, קויפן אמאל א פאר שיינע בינעזישע טעלער, א שטיקל טעפיך, אפשר טאקע איבער דער בינעזי־שער וואזעלע, וואס האט אים אין לאנדאן געבראכט פאניען פאר א ווייב. פאניא פלעגט פון איר זייט ליב האבן אויפצוהייגגען ליטאגרא־פישע בילדער פון דער פאריזשער קאמונע, בילדער פון רוסישע רע־וואלוציאנערן, בילדער פון רוסישע מארטירער אין געפיינקעניש, אין די שאכטן און אפן עשאפאט. פאניא איז אף איר אופן געווען כמעט אומ־שולדיק און ריין. נאר איר דרד־ארץ פאר א רוסישן רעוואלוציאנער איז געווען אומבאגרעניצט גרויס. עס איז געווען ביי איר א מין דערהויי־בונג זיך איבערצוגעבן צו אן אמתן רעוואלוציאנער, און גאבריעלן האבן אלע געהאלטן פאר אן אמתן רעוואלוציאנער. דערצו נאך די לוויז־קייט פון דעם לעבן פון די דאמאלסטיקע אריבערגעקומענע. די אידייען פון פארביטערטע, פארלארענע מענטשן, וואס האבן אויסער זייערע אייגענע לייבער קיין שום ממשותדיקן אנהאלט ניט געהאט. די הוליאנ־קעס זיינען געווארן א קולט, א מין רעליגיעזע ספאזמע פאר א צייט.

אין דעם אוונט, ווען זי האט אויפגעוועקט פיינמאנען, וואס איז אנטשלאפן געווארן זיצנדיק אפן דיל לעבן איר בעט, האט זי דערפילט, אז ליב, באמת ליב, ווי עס האט א געליבטע ווייב ליב איר מאן, צו

וועמען זי געהערט אינגאנצן, האט זי נאר פיינמאנען. איר האט זיך מיט־אמאל אזוי שטארק פארוואלט אז אמתן צייכן פון איר ליבע. און ניט נאר זי, אלע ביינער אין איר האבן דערפילט, אז זיי ווילן א צייכן פון זייער ליבע, אז זיי ווילן פרוכט פון זייער ליבע.

II

דאס פּינטל

קאפיטל אכט

וואקסן בלומען אף די פעלדער — גלייך צי קרום, גוט צי שלעכט; ווער ס'גייט רייסן — פרעגט ניט; רייסט נאר, וואו סע בליט. און ביים מענטשן בליט דאך אלץ — דער אומעט און די פרייד; די טוגנט און די זינד.

פרענקל איז געווען א מענטש א ריינער און האט אלץ געמיינט גוט. און ווען ער האט דערזען דעם גרויסן דערפאלג, וואס די ערשטע אונטער־נעמונג פון די „אפגעריסענע בלעטער" האט געהאט, האט ער פאר זיך דערזען א גרויס און אפן פעלד פאר פרוכטבארער ארבעט.

דער „איגל האל" איז געווען איבערגעפילט. דער אייגנטימער פון האל האט געמוזט ארויסרופן פאליציי כדי אפצוהאלטן די הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וואס האבן נאך געוואלט אריין.

פיינמאן, וואס האט געגעבן פיאנע־לעקציעס אלס „ראשען" אין הויז פון אן ענגלישן צייטונג־רעפארטער, האט דורך דעם רעפארטער ארויסגעבראכט די זאך אין דער ענגלישער פרעסע. די ענגלישע צייטונגען האבן דא דערזען „גוד סטאף פאר איי סטארי" און דאס האט שטארק געהאלפן צום דערפאלג פון דעם אוונט.

אף מארגן נאך דער אונטערנעמונג אין „איגל האל" זיינען די ציי־טונגען געווען פול מיט באשרייבונגען פון די „ראשענס", וואס געפינען זיך דא אין לאנד און רופן זיך „אפגעריסענע בלעטער", דערפאר, וואס זיי זיינען אפגעריסן פון זייער היים און פון זייערע אידעאלן, און וועגן זייער גאסט פרענקל, וואס איז נאר־וואס אנטלאפן פון דעם וויסטן און קאלטן סיביר, וואוהין ער איז פארשיקט געווארן פון צאר און זיינע רעאקציאנערע מיניסטארן. דערביי איז אויך דערציילט געווארן די וואונ־דערבארע „היסטארי" פון זיין אנטלויפן. עס איז אויך איבערגעגעבן גע־ווארן זיין אפיל פאר ביכער פאר זיינע פילע קאלעגן, וואס ליגן נאך פאר־

וואָרפן אין די שנייען פון דעם קאַלטן סיביר און האָבן אפילו קיין בוך און קיין צייטונג ניט צו לייענען. דער רעפּאָרטער האָט אויך זייער אָנזעעוור־ריק דערציילט וועגן דער גוטער מיינונג, וואָס דער גאַסט האָט וועגן אַמע־ריקע, וואָרים, — אָט קאָן מען דאָ פראַנק און פריי האַלטן אַזאַ מיטינג, אויסדריקן וואָס פאַר אַ מיינונג מען וויל, און דאָרטן, אין זיין היים, שיקט מען פאַר אַזוינע איינפאַכע מענטשלאַכע מאַניפעסטאַציעס קיין סי־ביר, אַף קאַטאָרגע און אָפט אויך אַף דער תליה. דערביי האָבן די רע־פּאָרטערס אויך דערמאָנט דעם פּראָפעסאָר פיינמאַן (פאַר דעם וואָרט „פּראָפעסאָר" האָט שוין געזאָרגט דער רעפּאָרטער, ביי וועמען פיינ־מאַן האָט גענעבן לעקציעס) און זיין פרוי, די שיינע רוסין, וואָס איז אויפגעטראָטן אין נאַציאָנאַלן רוסישן קאָסטיום און געזונגען רוסישע לי־דער, מיט וועלכע זי האָט שטאַרק אויסגענומען און האָט אויך דערמאָנט גאַבריעלן און די אַיבעריקע און גלאַט געלויבט די ענטוזיאַסטישע רוסן.

דאָס אַלץ האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסן אָנזען. עס האָט געהאָלפן שאַפן דאָ אין לאַנד אַ גוטע מיינונג פאַר דער רוסישער רעוואָ־לוציע. עס האָבן זיך אפילו געפונען עטלאַכע אַמעריקאַנער, וואָס האָבן פרייוויליק אַריינגעשיקט זייערע טשעקס „פאַר דעם ביכער פאָנד פאַר די רוסן אין סיביר". דער אַמעריקאַנער „רויטער קרייץ" האָט גענומען אַף זיך צו זען זאָרגן פאַר דעם, אַז די ביכער זאָלן איבערגעשיקט ווערן.

די רוסישע אַמבאַסאַדע האָט זיך פון דעם פאַר אַ שטיקל צייט גע־פילט גאַנץ אומבאַקוועם און האָט אָנגעשטעלט שפּיאָנען צו היטן דעם געפערלאַכן רעוואָלוציאָנער פרענקל און די גאַנצע „אָפּגעריסענע בלע־טער"-אָרגאַניזאַציע.

די „אָפּגעריסענע בלעטער" זיינען דורך דעם גלייך געוואָרן אַ זייער אָנזעעוודיקע אָרגאַניזאַציע אַף דער אידישער גאַס און פרענקל איז דורך דעם באַלד געוואָרן אַ זייער פּאָפּולערער מענטש. מענטשן האָבן גענומען קומען צו אים וועגן פאַרשיידענע זאַכן. עס האָט גענומען מאַכן דעם איינ־דרוק, אַז מען קומט פּשוט זיצן אין זיין ליכט, זיך דערוואַרימען לעבן אים, זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. ער פלעגט. געוויינטלאַך, יעדערן ענטפערן, אַז דער גאַנצער עלנט נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט. און אַז מען איז ניט אָרגאַניזירט האָט מען ניט קיין געמיינשאַפטלאַכע אינטערעסן, און אָן געמיינשאַפטלאַכע אינטערעסן איז אומעטיק. מענטשן,

פלעגט ער טענהן, זיינען געמיינשאפטלאכע חיות. ארגאניזירט זיך נאר, וועט איר זען, ווי גוט עס וועט אייך ווערן — פלעגט ער טענהן. און עס זיינען טאקע דעמאלט ביסלאכווייז ארגאניזירט געווארן די ערשטע פאר ראדיקאלע פאריינען און די ערשטע פאר יוניאנס.

קאפיטל ניין

די ערשטע פאר אידישע יוניאנס אין אמעריקע זיינען דעמאלט צו־נויפגעשטעלט געווארן פון די פאר אריבערגעקומענע אינטעליגענטן. דער עולם, וואס איז געקומען צו די מיטינגען, איז געווען קליין און איז באשטאנען פון מענטשן, וואס האבן געהערט פון סאציאליזם, פון נארא־דאוואלצעס, פון ניהיליסטן און האבן אפשר מיט שרעק און ציטער אין הארצן אינדערהיים אויך מיט זייערע אייגענע הענט געהאלטן א ניט־לעגאלע פראקלאמאציע. די געציילטע פאר מענטשן האבן דאס געהאלטן פאר זייער חוב צו קומען זיך אנשליסן אן אן ארגאניזאציע, וואס האט א כאציאליסטישן נאמען אדער א סאציאליסטישן פארנעם. דער פשוטער ארבעטער איז צו די מיטינגען ניט געקומען, סיידן א פאר ארבעטער אמאל, וואס האבן שוין פון עלנט נאר איינגאנצן ניט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאן. אזוינע ארבעטער פלעגן אפט ארויפקומען, כלומרשט אף שפאס, צו זען ווי דערוואקסענע מענטשן מאכן זיך נאריש, כדי צו זען ווי מען מאכט „טעאטער". מען האט זייער ווייניק געקאנט רעדן צו זיי. מען האט נאך ווייניקער געקאנט בויען אף זייערע פראפעסיאנעלע און קלאסן־נויטן, ווייל קיין איינגעווארצלט ארבעטער־געפיל האבן זיי אין זיך ניט געהאט, ווייל כמעט אלע פון די דעמאלט אריבערגעקומענע זיינען פונדערהיים קיין ארבעטער ניט געווען.

די קליינע אידישע מאסע איז דעמאלט באשטאנען מערסטנס פון אנטלאפענע באנקראטירטע קליינהענדלער, אנטלאפענע פריזיווניקעס, פון דורכגעפאלענע האלב־אינטעליגענטן, אמאל אויך א סטודענט, וואס איז פארטריבן געווארן פון אוניווערזיטעט און פון לאנד פאר רעוואלו־ציאנערע טעטיקייט און אפט אויך א גנב, וואס איז אנטלאפן פון זיין היים כדי אויסצומיידן געפענקעניש. יעדערער פון זיי האט געהאפט דורך שווערער באטאג־און־באנאכטיקער ארבעט אנצוקלייבן עטלאכע דאלאר און אליין אריין אין עפעס א געשעפט. — אין אמעריקע איז דער דאלאר

דער גאָט — פּלעגן זיי טענהן. אַ יוניאָן איז פאַר די מערסטע פון זיי געווען אַזוי ווי אַ מין קאָנקורענץ קעגן זיך אַליין.

דער הויפּט־כאַראַקטער פון די ערשטע פאַר אידישע יוניאָנס איז געווען כמעט דער אייגענער, ווי פון די ערשטע פאַר ראַדיקאַלע פאַריינען. מען פלעגט דאָרט אָפּהאַלטן דעבאַטן און דיסקוסיעס וועגן אַנאַרכיזם, וועגן סאָציאַליזם און אפילו וועגן ליטעראַטור און וועגן „פרייע ליבע".

פרענקל פלעגט אומעטום איינגעלאַדן ווערן אַלס רעדנער. די באַליבט־סטע טעמע אין יענע יאָרן איז געווען „פרייע ליבע", אַלץ דערפאַר, וואָס דאָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן אייגענעם לייב, וואָס איז אין תוך גע־ווען דאָס איינציקע, צו וואָס די דעמאָלטיקע אַריבערגעקומענע האָבן געפילט אַן אמתע אייגענע שייכות. און פרענקל פלעגט דעמאָלט, מיט גרויס אייפער דערווייזן, אַז פרייע ליבע איז אַ געזעץ פון דער נאַטור. ער פלעגט ברענגען ראיות פון גאָר אַלטע צייטן און פון חיות און פון פיש, פון מאַלפּעס און פון בלומען, פון ביימער, פון האָן מיט הינער — אַלץ כדי צו דערווייזן, אַז ליבע איז ניט מער ווי אַ נאַטירלאַכע טרייב־קראַפט פון געשלעכט, און ביי מענטשן, איבערהויפּט ביי פרייע מענטשן, דאַרף אָט־די קראַפט ניט זיין ווייניקער פריי ווי ביי פלאַנצן און ווי ביי חיות און עופות... הייראַט איז נאַריש און אָפּגעלעבט. ניט הייראַט, נאָר ליבע. און ליבע דאַרף זיין פריי. מיר זיינען מענטשן און פרייע מענטשן, און מיר טאָרן זיך ניט לאָזן איינשפּאַרן אין שטייגן פון הייראַט. היי־ראַט איז אַ ליגן, איז אַ פאַרשווערכונג פון אמתער ליבע, איז אַן איבער־בלייבעניש פון אַלטע, שקלאַפערישע צייטן.

די צווייטע באַליבטע טעמע איז געווען „נאָראַ", אויך דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען פּראָפּאַגאַנדע קעגן הייראַט. דאָס אָבער האָט שוין געמאַכט איבסענען אַזוי פּאָפּולער, אַז מען האָט שוין בכלל געקאָנט האַלטן אַ לעק־ציע וועגן איבסענען אָדער וועגן איינער פון זיינע דראַמעס, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ נייער טעטיקייט — צו אָרגאַניזירן ליטעראַרישע פאַריינען, צו פאַרשפּרייטן „ליטעראַטור, ליכט און בילדונג". די מיטגלידער פון די ליטעראַרישע פאַריינען האָט מען אויסגעלערנט דעקלאַמירן און נאָכדעם פלעגן זיי אויפטרעטן אויף אונטערנעמונגען, וואָס זיי אַליין פלעגן מאַכן פאַר זיך און אויך אויף ליטעראַרישע אָוונטן און קאָנצערטן, וואָס די יו־ניאָנס פלעגן געבן פון צייט צו צייט כדי אַריינצוברענגען אַביסל לעבן

און אינטערעס אין דער יוניאָן און כדי טאַקע איינצונעמען עטלאַכע דאָ־לאַר, וואָרים דער יוניאָן־שטייער האָט נים געקלעקט אַף אויסצוהאַלטן דעם מיטינג־זאַל.

ביי די אַלע אונטערנעמונגען פלעגט פרענקל אָפּט אויסנוצן דעם אָדער יענעם פון די „אַפּגעריסענע בלעטער" אַלס רעדנער, שפּילער, זינ־גער, און עס האָט שוין ממילא געהייסן, אַז די „אַפּגעריסענע בלעטער" זיינען שטענדיק געווען אַקטיוו. ווען די „אַפּגעריסענע בלעטער" האָבן אין אַ צייט אַרום געגעבן זייער ערשטן יערלאַכן באַל פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן זיך דערפאַר אַלע באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן בי־לעטן און מיט באַקאַנט מאַכן, אַז ס'איז אַ באַל פאַר דער רוסישער רע־וואָלוציע און אַז דער גאַנצער פּראָפיט וועט טאַקע גיין פאַר דער רוסי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

קאַפּיטל צען

דער ערשטער באַל פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, דער ערשטער יאַרלאַכער באַל פון „די אָפּגעריסענע בלעטער" איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און איז נאָכדעם אַף יאָרן לאַנג פאַרבליבן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע.

פרענקל איז צו דעם באַל „פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע" געקומען שפּעטער פון אַלעמען. עס איז שוין געווען אין זיין נאַטור אַרומצולויפן און האָווען פאַר יעדער אונטערנעמונג אַזוי, אַז די לאַנגע פאַלעס פון זיין אויבערראָק זאָלן אים נאָכפליען ווי צוויי שוואַרצע פלאַטערדיקע פליגלען. פרענקל פלעגט אַליין מוזן זען און איבערצייגט ווערן, אַז אַלץ וועט געטאָן ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אַז אַלע, וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן זאָלן למען־השם קומען אין צייט און אַליין פלעגט ער כמעט שטענדיק פאַרשפּעטיקן.

דעמאָלט אָבער האָט געטראָפן, אַז ווען ער איז פאַרנאַכט, פאַר זיין גיין צום באַל, געקומען אַף זיין קוואַרטיר, האָט ער דאָרט געפונען אַן אומבאַקאַנטע מיטל־יאָריקע פרוי. די פרוי האָט זיך ביי זיין אַריינקומען גלייך אַ הויב געטאָן אַ דערשראָקענע און צעטומלטערהייט געגומען פרעגן:

— דאָס זענט איר... דער מיסטער פרענקל?...

— יאָ -- האָט ער איר געענטפערט אַ פאַרגליווערטער פון שרעק.

די לעצטע צייט פלעגט פרענקל כמעט אין יעדער אָנגעטראָפענער מיטל־יאָריקער פרוי דערקאָנען זיין ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער מוטער. און דאָ, גאָר אינמיטן פון דער רעכטער אייליעניש, טרעפט ער זי מיטאַמאָל ביי זיך אין דעם האַלב־טונקעלן פאַרנאַכטיקן צימער...

— דאָס הייסט טאַקע דער אייגענער, וואָס מען זאָגט פון סיביר? — האָט די פרוי ווייטער געפרעגט.

— יאָ — ענטפערט ער איר, נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן קומענדיק צו זיך.

— נו, איז דאָך טאַקע רעכט. האָב איך דאָך ניט אומזיסט, הייסט דאָס, געוואַרט — און דערזעענדיק, אַז ער שטייט אַלץ אַף איין אָרט און טוט אַפילו דעם ראָק ניט אויס האָט זי זיך ווייטער אָנגערופן:

— כ'מיין, איר זענט דאָך ביי זיך אין הויז, מעגט איר דאָך אויס־טאָן דעם ראָק. איר דאַרפט זיך דאָך פאַר מיר חלילה ניט שרעקן. צי איר האָט דאָס אַזוי קיין צייט ניט?

פרענקל האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם קאַשמאַר און געזאָגט:

— קיין צייט האָב איך טאַקע ניט, נאָר פונדעסטוועגן זעצט זיך, ליבע פרוי, און זאָגט, וואָס איך קאָן פאַר אייך טאָן. — און דערביי האָט ער אַף גיך אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק פון זיך אַף דעם ביינקל לעבן טיש און זיך טאַקע אַוועקגעזעצט אַף דעם אייגענעם ראָק, און איז אַזוי געבליבן זיצן גלייך קעגן דער פרוי.

ווי נאָר די פרוי האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט זי באַלד אַרויס־גענומען אַ טיכל, דאָס צוגעטראָגן צו די אויגן און גענומען וויינען, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס די גאַנצע צייט פאַר זיין אָנקומען געוועזן געוויינט און נאָר פאַר אַ ווײַלע איבערגעריסן ביי זיין אַריינקומען. איצט אָבער, אַז ער איז שוין דאָ, זעצט זי צוריק פאַר איר צעווייטיקטן מאַמעשן געוויין:

— איינאַונאיינציק קינד! ... אַן אויג איז קאָפּ! ביז מען דערלעבט דאָס אויפציען. קיין עין־הרע, אַ מיידל, אַ גאָלד. גאָט און לייט זיינען מקנא. וויפיל איך בין דאָס ניט אויסגעריסן געוואָרן ביז איך האָב זי דער־צויגן. האָב זי אין חדר געגעבן, מיט אַ לערער זי אין די היינטיקע ביכלאָך געלערנט, וועמען וועט דאָס גאָר איינפאַלן? אַ מיידל, זאָגט, זי גייט צו אַ „מיטינג", נו, איך וויים, מסתם דאַרף דאָך אַזוי זיין; זי איז דאָך פאָרט אַ היינטוועלטיקע. זי נעמט מיר קומען שפּעט אַהיים. דערשרעק איך זיך אוודאי. נאָר פונדעסטוועגן, אַז איך דערזע אַף מאָרגן איר ליכ־טיק פּנים, ווערט מיר צוריק גרינג אַפן האַרצן... ערשט, איינמאָל קומט זי מיר אַהיים מיט אַ מאָדנעם בחור אַזאַ און זאָגט מיר: מאַמע, דאָס איז מיין חתן. גיב מיר אָפּ מזל־טוב. מיר האָבן שוין חתונה געהאַט! — זאָג איך: סטייטש? וואָס הייסט? אַ חתן — איז אַ חתן, אָבער חתונה געהאַט — ווען, ווי וואָס? איך בין דאָך עפּעס אַ מאַמע! — צעלאַכט זי זיך: מאַמע, היינט איז אַנאַנדער וועלט. היינט האָט מען ניט חתונה ווי אַמאָל ביים רב צי ביים דיין, נאָר אין „פרייע ליבע"... ווערט מיר אוודאי

פינצטער אין די אויגן. נאָר גיי, רעד, טענה, פּאַרפּאַלן. חתונה געהאַט. אָבער איצטער, מר. פרענקל, איך בעט זיך ביי אייך ווי ביי א טאַטן, איך פאַל אייך צו די פּיס, דערבאַרעמט זיך, האָט רחמנות, ראַטעוועט. איך האָב גע־הערט, אַז ער קלייבט זיך פונדאַנען אוועקפאָרן אַזש קיין דייטשלאַנד און זי וויל ער דאָ איבערלאָזן איינע־אַליין מיט א פּיצל קינד פון עטלאַכע מאָ־נאַטן. זי זאָגט, אַז זי האָט מיט אים דערפאַר חתונה געהאַט, וואָרים ער האָט איר צוגעזאָגט זי צו נעמען קיין בערלין. איצט אָבער זאָגט ער, אַז ער איז אין כעס אויף איר... און חלילה ניט פאַר קיין אַנדער זאַך, נאָר הלמאי דאָס קינד, וואָס זי האָט געבוירן, איז ניט קיין מיידל, נאָר א אינגל. נו, פרעג איך ביי אייך, אדרבה, איך בין אַן אומגליקלאַכע מאַמע, אפשר פאַר־שטיי איך ניט — אָבער ביי אייך פרעג איך, ביי אייך — איז שוין אַזוינס געהערט געוואָרן? וואָס איז חלילה דער אומגליק, אַז ס'איז א אינגל? אדרבה, א אינגל דאַרף, דאַכט זיך, א טאַטן... פאַרוואָס זאָל ער זי ניט מיטנעמען... איר גאַנצע פרייד איז דאָך די גאַנצע צייט געווען: זי וועט פאָרן קיין בערלין. זי פלעגט דאָס אַלץ רעדן צו מיר און מיך טרייסטן: איר גאַבריעל וועט דאָרט גרויס ווערן; מיט זיין נאָמען וועט קלינגען די גאַנצע וועלט. און זי וועט מיר פון דאָרטן גוטע בריוו שרייבן. מיך אהין אריבערנעמען און קומען צו מיר צוגאַסט. אוי, גאָטעניו, גאָ־טעניו! טאַטעניו הארציקער, האָט רחמנות, ראַטעוועט אַן אומגליקלאַכע מאַמע. ראַטעוועט מיר מיין קינד.

פרענקל האָט זיך פון אַט־דער פרוי און פון דער גאַנצער מעשה גע־פילט זייער ניט היימלאַך. די האַלב־טונקלקייט פון צימער האָט אים אַזוי ווי איינגעראַמט אינייַנעם מיט דער וויינענדיקער פרוי, און זיי ביידן אַזוי ווי געוויזן פאַר עמיצן... ווי נאָר אָבער זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַן אָנוווערטערדיקן געוויין האָט ער געגומען קומען צו זיך און איר אָנגע־הויבן דערקלערן, פריער שטילער און איינגעהאַלטן, אַז היינט איז די וועלט אביסל אַנדערש ווי פריער: מאַן און ווייב לעבן אַזוי לאַנג ווי זיי ווילן, אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן זיך ליב; און אַז אַמאָל פלעגט מען זיך דאָך אויך גטן, נאָר וואָס דען? — היינט הייסט עס ניט גטן, נאָר עס הייסט: „מען צעגייט זיך". נאָכדעם האָט פרענקל זיך צעוואָרעמט און איר גענומען ברענגען זיינע ראיות פון חיות און פון פלאַנצונגען און איז געוואָרן נאָך היציקער און איר דערקלערט, אַז בלויז דורך אַזאַ מין פרייען, ניט־

געבונדענעם, ניט־געצווי'אונגענעם פאַרקער צווישן מאַן און פרוי קאָן אַרויס־קומען אַ געזונטער דור, און אַז די וועלט דאַרף איצט גויטיק האָבן גע־זונטע און שטאַרקע מענטשן, מענטשן, וואָס זאָלן ניט וויינען און ניט דאַרפן וויינען, און נאָך און נאָך...

די אידענע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע, פאַר־וויינטע אויגן ביז מיטאַמאָל האָבן זיך ביי איר די אויגן געעפנט מיט אַ מאָדנעם שרעק און אַזוי קוקנדיק אף אים האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— אַלע בייזע, וויסטע חלומות אף אייער קאָפּ און אייערע הענט און פיס! האָסטו געהערט אַזוינס! מען רעדט צו אים ווי צו אַ מענטשן; מען בעט זיך ביי אים ווי ביי אַ גזלן... מען דערציילט אים, אַז פון מיין טאָכטער צאַפּט זיך דאָס בלוט פון הארצן, און ער שפּרעכט מיר דאָ אָפּ „אַ גוט אויג". גזלן, מערדער וואָס איר זענט! מיין קינד גייט־איין, גייט־אוים ווי אַ ליכט. איז וואָס רעדט איר דאָ, וואָס פּלוידערט איר? — איר האָט דאָך מיר אומגליקלאָך געמאַכט מיין קינד. אָט־די גאַנצע אומגליקלאָכע תורה פון פרייער ליבע האָט זי דאָך פון אייך געלערנט. זי האָט דאָך מיר דאָס אַליין דערציילט, אַז פון אייך. האָב איך געמיינט, איך וועל קומען צו אייך וועט איר מיר העלפן, צום סוף זענט איר דאָך טאַקע גאָר ווי אַ סיבירניק.

פרענקל האָט זיך דאָ דערפילט ווי אַן אונטערגעשאָסענער און האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך, מיט דער פרוי און מיט דעם, וואָס ער האָט אַזוי קיין צייט ניט... נאָכדעם אָבער איז ער צוגעגאַנגען צו איר און זיך אָפּגערופן:

— איר פאַרשטייט, איך וויים, אַז אייך טוט וויי און אַז אף אייער טאָכטער איז אַ רחמנות. דערפאַר, וואָס זי איז אפשר נאָך ניט גענוג פאַרגעשריטן, ליידט זי. אָבער, מיין ליבע פרוי, אַ נייע וועלט קומט. מיר בויען זי. און... אַז מען האַקט האָלץ פליען שפּענער... איר פאַר־שטייט?

דאָ האָט זיך די פרוי ווידער אַ הויב געטאָן מיט דעם פריערדיקן שרעק אין אירע אויגן:

— וואָסער האָלץ, וואָסערע שפּענער? ! איר זענט משוגע צי חסר־דעה? ! איך רעד דאָך צו אייך די גאַנצע צייט פון מיין איינציק קינד, פון מיין צירלען. גאָט און לייט האָבן מיר אף איר מקנא געווען און אייער

ממזר, דער גאַבריעל, צאַפּט פון איר דאָס בלוט פון די אָדערן! איך װעל דאָס ניט איבערלעבן! אױ, אױ, אױ! גאַטעניו, װאָלט זיך כאָטש די ערד געעפנט, װאָלט כאָטש אַ דונער געקומען. װײ איז מיר, װינד איז מיר! װאָס טוט מען? גזלנים, רוצחים, גיט מיר אַן עצה! — און זי איז װידער אַרײַנגעפאַלן אין אַ יאָמערלאַכן געװײן און דורכן געװײן האָט זי אין אַ װײלע אַרום אױסגערופן:

— װאָלט איר כאָטש אַלײן געהאַט קינדער, װאָלט איר אפשר געקאָנט הערן, װאָס מען רעדט צו אײַך. אַזױ אָבער האָט איר דאָך גאָר קײן הארץ ניט. מען קאָן זיך בײַ אײַך גאָר אױסריכטן אַ פינצטערן סוף... אַ טאָכטער האָט מיר געשײַנט װי די זון. פון יעדן קער אירן פלעגט דאָך מיר ממש װערן ליכטיק אין די אױגן, און איצט! װײ איז מיר און װײ צו מײַנע פינצטערע יאָרן!

דאָ אָבער האָט פרענקל מיטאַמאָל דערפילט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס און איז צוגעגאַנגען הארט צו איר און געזאָגט מיט שטאָלץ:

— פאַרװאָס מײנט איר אַזױ? פאַרװאָס פאַלט אײַך אײַן, אַז איך בין ניט קײן פאָטער? איר זעט. איר האָט דאָ גראָד ניט געטראָפן. איך האָב אַ קינד. איך בין אַ טאַטע. איך האָב אינדערהײם אַ מײדעלע, װאָס דאַרף שױן אַלט זײַן בײַ אַריבער אַ יאָר און פונדעסטװעגן האָט דאָס גאָרניט צו טאָן מיט מײַנע געדאַנקען. — און פרענקל האָט זיך נאָכדעם דערפילט גאָר צופרידן פון דעם, װאָס אָט איז ער געװאָרן ממש אַן אײ־גענער מענטש צו דער פרוי.

מער אָבער האָט די פרוי, װײַזט אױס, ניט געדאַרפט. זי האָט זיך דאָ גלײַך אױפגעהױבן, זיך אַזױ װי אױסגעצװיגן, און טאַקע גאָר װי אַן אײ־גענע פּלוצלונג גענומען רעדן צו אים אױף „דו”:

— װאָס, דו ביסט יאָ אַ טאַטע און פונדעסטװעגן רעדסטו װי אַ משוגענער און װילסט מיר מיט גאָרניט העלפן, האַ?

פרענקל האָט זי פאַרשטײנערט אָנגעקוקט, ניט זאָגנדיק קײן װאָרט. זי האָט אױף אים געקוקט מיט כעס און מיט אױפגעריסענע בליקן, און דער־זעענדיק, אַז ער גײט ניט ענטפערן, האָט זי פאַרענדיקט:

— זאָל דיר גאָט געבן אַזאַ װיסטן און פינצטערן סוף פון דײַן טאָכ־טער, װי איך האָב איצט פון מײַנער.

די אידענע האָט נאָך עפּעס געזאָגט און געזאָגט, אָבער פרענקל האָט שוין מער קיין וואָרט ניט געהערט. די האָר אַף זיין קאָפּ זיינען אים געוואָרן מיטאמאָל שאַרף און לייכט און זיך אַזוי ווי אָפּגעטיילט פון דער הויט איינײנעם מיט די וואָרצלען. און געקומען צו זיך איז ער ערשט, ווען די פרוי האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן דאָס הויז און ביים אַרויסגיין געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר.

קאַפּיטל עלף

װאָס איז אַ באַל? אַ װימלענדיקע מאַסע פֿון בלענדנדיקע פֿאַרבן, פּנימער, װאָס נעסטן זיך און מישן זיך און הױבן זיך איבער פֿאַנאַנדערגעשטראַלטע פֿאַרבן. אַ שאַרף ליכט, װאָס װערט מיט רעש צוריקגעשלאָגן פֿון די אַלע פֿאַרביקע קלײדער און ליכטיקע פּנימער. װאָרימער גערױש פֿון טענער און געשפּרעכן. אַ גיריקער געמיש פֿון פּערפֿיומען מיט דעם בלענדיקן אָטעם פֿון אױפֿגײערנדיקע פֿאַרלאַנגען, שפּילעװדיקײט פֿון בליקן און אָנגעצױגנקײט פֿון שפּילעװדיקע לײַבער.

פֿרענקל איז בײַ זײַן אַרײַנקומען געבליבן שטײן אַ פֿאַרגאַפֿטער. אַ לאַנגער, אַ שװאַרצער, מיט זײַן לאַנגן ראָק מיט די צעלאָזטע פּאָלעס, מיט אַ לאַנגלאַכן שװאַרצן בערדל, מיט זײַנע שװאַרצע האָר און שאַרפֿע שװאַרצע אױגן איז ער געבליבן שטײן װי אַ פֿרעמד־פֿאַרבלאָנדזשעטער אין אַ ניט־געזעענער װעלט, אין אַ װעלט פֿון פֿאַרבן, װאָס הױבן זיך אין שװינדלענדיקע מאַסן פֿונם דיל און פֿון די גענילדטע גאַלעריעס, הױבן זיך רױשיק און שװימען, און װעלן, דאַכט זיך, באַלד אַריבער איבער זײַן קאָפּ. אים האָט פֿון דעם גענומען שיכורן און שװינדלען פֿאַר די אױגן און אָט איז די אידענע, װאָס האָט אים געשאָלטן... זי האָלט צװײ פֿױסטן בײַ די שלײפֿן פֿון איר קאָפּ און שעלט... און דװקא אױף „דו"... װי אַ מאַמע... מיטאַמאָל... און אַזױ איז ער געשטאַנען אַ װײַלע ביז גאַבריעל האָט לעבן אים אױסגעשריען:

— אָ, פֿרענקל, װאָס האָסטו דאָ זיך אָװעקגעשטעלט װי אַן אױסגעצױגענער פּלאָקן?

— אָ, גאַבריעל! — האָט פֿרענקל זיך אָפּגערופֿן קומענדיק צו זיך — גוט װאָס איך זע דיך — און נעמענדיק דעם קלײנגעװױקסיקן גאַבריעלן אונטערן האַנט האָט ער מיט זײַן גאַנצער נערװעזיטעט זיך צו אים שטיל אָנגערופֿן: הער נאָר אױס. דאָ איז בײַ מיר ערשט געװען אַ אידענע, זי

איז די מאַמע פון דיין... דיין חברטע... איך מיין די, וואָס האָט פון דיר אַ קינד. איך ווייס ניט ווי זי הייסט, אָבער דו ווייסט דאָך מן הסתם.

גאַבריעל האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און אים האַלב מיט כעס און האַלב מיט שפּאָט איבערגעשלאָגן:

— אָבער איך... איך מיין... וואָס איז דאָס אינגאַנצן דיין עסק? האָסטו שוין גאָר מער ניט וואָס צו טאָן?

— ניין, גאַבריעל — האָט זיך פרענקל אָפּגערופן ערנסט, און דער־ביי אָפּראָסניי געַנומען גאַבריעלן אונטערן האַנט אים אָפּצופירן אַביסל אַן אַ זייט, כדי זיך בעסער דורכצורעדן. אָבער דער קליינגעוויקסיקער גאַב־ריעל איז געבליבן שטיין, ווי איינער, וואָס לאָזט זיך ניט רירן פון אָרט. זיי האָבן זיך פאַר אַ ווייל ביידע אָנגעשלאָגן מיט זייערע הערנערדיקע בליקן. פרענקל האָט ביי זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז גערעכט איז געווים גאַבריעל, וואָרים אַ נייע וועלט מיינט אַ נייע וועלט! און אַז בלויז פון אַזוינע ווי גאַבריעל קאָן מען באמת דערוואַרטן צו בויען די נייע וועלט.

אָבער פונדעסטוועגן...

— וואָס טראַכסטו פאָרט צו טאָן, גאַבריעל? פאָרסט טאַקע קיין דייטשלאַנד?

— יאָ.

— פאַרוואָס אינמיטן דערינען?

—אָ, עס האָבן מיר דערעסן אָט־די אַלע ווייניגדיקע פּישערקעס. צופיל פון זיי. איך פאָר אוועק קיין דייטשלאַנד צו אַנטוויקלען מיין שטימע.

— מיר דאַרפן דיך דאָ. אַף צו העלפן אונז אַנטוויקלען דעם נייעם לעבן פאַר אונז און פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

— אָ, ברעכט איר דאָ אַלע די קעפּ. מען קאָן דאָך אייך דאָ סיי־ווי־סיי גאָרניט אויסלערנען.

פרענקל האָט זיך פון דעם ענטפער דערפילט ווי אַן אָפּגעגאָסענער און ניט ווויסנדיק קלאָר וואָס ווייטער צו זאָגן אַרויסגערעדט:

— נו, און אַף הוצאות?

— אַף הוצאות וועל איך קריגן אָט טאַקע פון דעם היינטיקן אונט.

— וואָס הייסט? וואָס מיינסטו? — פרעגט פרענקל ניט קלאָר,

נאָר מיט אַ פּלוצלונג שטאַרק אויפשטייגנדיקער אויפרעגונג און טיפער אַנגעצונדנקייט אין די אויגן.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? די חברים האָבן שוין אַף דעם אַלע איינגעשטימט — ענטפערט גאַבריעל.

— צו וואָס האָבן זיי איינגעשטימט! — האָט פרענקל מיט אַ קלאָר־אויפגעבליצטן שרעק זיך אָפּגערופן.

— אַז פון דער היינטיקער קאַסע זאָל מען מיר אַרויסגעבן אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר.

— דאָס וועט ניט געשען! — האָט פרענקל זיך אָנגערופן און זיין גאַנצע אינעווייניקסטע עקשנות האָט אים דערביי אויפגעפינקלט אין די אויגן. — דאָס געלט איז הייליק. דאָס איז געלט פון דער רוסישער רע־וואָלוציע.

עס זיינען צוגעקומען אַ פּאָר אייגענע מענטשן, צווישן זיי שליאַפּ־ניקאָוו, בערנשטיין, אַניוטקאַ, און לעבן איר קאַלמאַנאָוויטש מיט זיין פרוי, די מיס בעטסי פינק און לעבן איר דער יונגער דאָקטאָר מאַקסימיליאַן מינדלין, די מאַדאַם פיינמאַן און איר מאַן, וואָס האָט פון איר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ נאַרישקייטן? זאָל זיך דיר דוכטן, אַז דער באַל האָט אַריינגעבראַכט מיט צוויי הונדערט דאָלאַר וויניקער,

פרענקל האָט זיך אומגעקוקט מיט חשד אַף אַלעמען... און אַז אָנ־געצונדענער געזאָגט:

— ניין, דאָס וועט ניט געשען!

גאַבריעל האָט זיך דאָ געווענדט צו אַלעמען:

— הערט נאָר אויס. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין דייטש־לאַנד צו אַנטוויקלען מיין שטימע. דער היינטיקער אָוונט ברייננגט אַריין מער ווי מען האָט דערוואַרט, היים איך מיר געבן צוויי הונדערט דאָלאַר פון דער קאַסע.

— גערעכט, פאַרוואָס טאַקע ניט.

— אַרויסהעלפן אַן איינעם מענטשן.

— ער וויל דאָך שוין אַזוי לאַנג פאָרן.

— ער האָט פאַרדינט מען זאָל אים חעלפן.

— ברידער! — האָט זיך פרענקל אָנגערופן מיט אַן אָנגעצונדענעם, נאָר איינגעהאַלטענעם אָטעם — איך האַלט פון גאַבריעלן זייער שטאַרק. ער איז אפשר דער וואונדערלאַכסטער מענטש צווישן אונז, אָבער פון דעם געלט טאָר מען ניט רירן. דאָס געלט איז געזאַמלט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און עס איז הייליק. הייליק פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע!

די ווערטער „הייליק פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע" און דער אופן, ווי דער אויפגערעגטער פרענקל האָט זיי אַרויסגערעדט, האָט אַלעמען ווי אַ טרייסל געטאָן. שליאַפּניקאָוו האָט פון דעם כמעט דערפילט, ווי זיך איבערצוצלמען...

— אָ, דאָס רעדט פון אים אייער פאַרדאַמטע „ביבלישע ברודער־שאַפט". עס האָט אייך אַלעמען פאַרקריפּלט! — האָט גאַבריעל בייז אַ ויאָרף געטאָן.

— נו, נו, גאַבריעל, די „ביבלישע ברודערשאַפט" האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן מיט אַ גע־לעכטער, וואָס האָט געמיינט: ע, ברודערל, וואָס, דו קריכסט שוין גלאַט אויף די גלייכע ווענט.

געענדיקט האָט זיך דאָס מיט דעם, וואָס דער יונגער דאָקטאָר מינדלין האָט פאָרגעשלאָגן צו לייען צוויי הונדערט דאָלאַר, וועלכע מען זאָל אים אָפּגעבן פון אַ נייער אונטערנעמונג, וואָס מען וועט מאַכן אונ־טער דעם נאָמען: „צו העלפן אַ פריינט".

פרענקלען איז דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט מאָקע גלייך גענומען מיט באַגייסטערונג רעדן וועגן דער אונטערנעמונג:

— מען וועט איינגנטלאַך קאָנען אָנאָנסירן אַזוי: „אַן אָפּשייד־אָוונט פאַר אונזער באַליבטן חבר גאַבריעל, וועלכער פאָרט אָפּ קיין אייראָפּע צו פאַרפולקאָמען זיין שטימע. אַלע, וואָס ווייסן פון גאַבריעלס גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער רוסישער קאָלאָניע און פאַר דער רוסישער רע־וואָלוציע, וועלן זיכער קומען אים געבן אַ האַרציקן פאַר־געזונט. אַלע קרעפטן פון די „אָפּגעריסענע בלעטער" וועלן זיך באַטייליקן. די איינ־נאָם וועט גיין אויף צו העלפן אַ פריינט".

— פיין, פיין — האָט זיך גאַבריעל אויף דעם אָנגערופן. — איך האָב נאָר מורא, אַז דו זאָלסט מיר דערווייל מיט דיין באַגייסטערונג ניט קאַליע מאַכן די צוויי הונדערט דאָלאַר, וואָס מינדלין וויל מיר לייען.

— טאַקע — האָט זיך מינדלין אַ פּאַררויטלטער צעלאַכט. — אויב אַזוי וועל איך דאָך אַפילו פאַרשפּאָרן צו לייגן די האַנט אין קעשענע.

דער קליינגעוויקסיקער גאַבריעל האָט דאָ שאַרף אַנגעשטעלט אויף מינדלינען זיינע בלייכע, גרויע אויגן און זיך אָנגערופן:

— אויב אַזוי, ברודער, טאָ זיי אַ ספּאָרט און גיב טאַקע שוין גלייך אַרויס דיינע צוויי הונדערטער.

מאַקסימיליאַן מינדלין האָט זיך פון דעם דערפילט, ווי מען וואָלט אים אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצן, האָט זיך אַ נאָך מער אומבאַהאָלפענער צעשמייכלט און געזאָגט:

— וואָס, דו מיינסט טאַקע די מינוט?...

— יאָ! — האָט גאַבריעל געענטפערט שאַרף פאָדערנדיק.

דער יונגער דאָקטאָר האָט זיך דאָ פאַר אַ ווײַלע אַ שלאָג געטאָן מיט דער דעה, געוואָרן מיטאַמאָל ערנסט, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ געפּרואווט שמייכלען. ער האָט אַרויסגענומען זיין האַנט, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטער בעסים אָרעם, האָט מיט איר אַרויסגענומען זיין טשעקביכל און פאַר אַלעמען אין די אויגן מיט זיין מיידלשער האַנטשריפט אָנגעשריבן פאַר גאַבריעלן אַ טשעק אויף צוויי הונדערט דאָלאַר און אים אַזוי מיידלש־מאַנירלאַך אַרויסגעריסן פון ביכל און אים נאָכדעם איבערגעגעבן צו גאַבריעלן.

גאַבריעל האָט שאַרף און זיכער אַ קוק געטאָן אויפן טשעק, האָט אים מיט דער אייגענער זיכערקייט צונויפגעלייגט אינצווייען און אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַרויסגערעדט:

— נו, חברה, איצט זייט מיר אַלע געזונט... — און דערביי געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי איינער, וואָס שטייט שוין מיטביידע פיס אויף יענער זייט שוועל.

— וואָסזשע, דו פאָרסט שוין?... — האָט זיך די קליינע, ווייסע מיס פינק אָנגערופן, בלאָס קוקנדיק אויף גאַבריעלן.

— ער איז שוין אַוועקגעפאָרן — האָט זיך אָנגערופן דער צירקוס־רייטער, אַנטאָן ניקיפאָראָוויטש בולאַק.

— נו, אָבער אַביסל בראָנפן קאָנען מיר דאָך נאָך דערוויייל נעמען אינאיינעם — האָט זיך אָנגערופן קאַלמאַנאָוויטש.

— נו, געווים — האָט פֿײַנמאַן אײַנגעשטימט און גלײַך דערויף האָבן זיך „די אָפּגעריסענע בלעטער" אַלע אײנײנעם אַ באַוועג געטאָן און זיך גענומען מאַכן אַ וועג צום בופֿעט דורכן גרויסן, געדיכטן און פֿילפֿאַרביק־געקלײדטן עולם, וואָס האָט אויף זײ געקוקט מיט ליבע און אַכטונג, האָט זײ באַגלײט מיט זײערע בליקן, אָנגעוויזן אויף זײ מיט די פֿינגער.

נאָכדעם, ווען דער בראָנפֿן האָט שוין געהאַט אַביסל מער פֿאַנאַנדערגעבונדן זײערע צינגער, האָט גאַבריעל אַ פּאָר מאָל אַרומגענומען און געקושט אַניוטקאַן און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, קום מיט מיר קײן דײַטשלאַנד. איך נעם דיך מיט. דו לאָז נאָר איבער דאָ דײַן מאַפּסיק.

— בײַ וועמען זאָל איך אים דאָ לאָזן? — האָט זי לאַכנדיק געפֿרעגט.

— לאָז אים איבער בײַ אַנטאָן ניקיפֿאָראָוויטשן; ער האָט אים ליב.

זי האָט זיך פֿאַרדרײטלט און געזאָגט.

— אַניט האָט דען ניקיפֿאָראָוויטש אים נאָר ליב?

— ער האָט ליב פֿערד און מענער.

— ע, — האָט זיך אַנטאָן ניקיפֿאָראָוויטש אָנגערופֿן אַן אָנגערעגטער — דו פּלוידערסט שוין, ברודערל, ניקיפֿאָראָוויטש האָט ניט נאָר ליב פֿערד און מענער, ניקיפֿאָראָוויטש האָט ליב פֿערד און פֿרויען און די רעוואָלוציע! און איך הויב מײַן בעכער. זאָלן לאַנג לעבן, אויף אײביקע יאָרן — פֿערד, פֿרויען און רעוואָלוציע!

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָבן אַלע אויסגעשריען און האָבן גלײַך נאָכדעם אָנגעפֿילט זײערע גלעזער און האָבן אונטער קאָלאָמנאָוויטשעס קאָמאַנדע זיך אַלע אויפֿגעהויבן פֿון זײערע ערטער און האָבן אויסגעטרונקען אַ הילכיקן טאָוסט פֿאַר „פֿערד, פֿרויען און רעוואָלוציע".

פֿרענקל האָט נאָכדעם אַזוי גאַנץ גוטברודעריש געפּרוּווט רעדן צו גאַבריעלן וועגן אַן אָפּשײד־אָוונט און דעם באַנקעט, וואָס מען וועט מאַכן פֿאַר אים, פֿאַר גאַבריעל, און דערבײַ האָט ער גלאָט אַזוי אַרײַנגעוואָרפֿן:

— און ווי טאַקע, אַז דו זאָלסט מיט זיך מיטנעמען אַט־די מײדל... דאָס קינד קאָן זי דאָך דאָ אפֿשר לאָזן מיט איר מאַמען...

— אַ, לאָז מיך צורו מיט אַט־דער פּישערקע — האָט גאַבריעל געענטפֿערט און מיט אַ גרימאַסע זיך דערבײַ אָנגעכאַפּט פֿאַרן נאָז.

— וואס טאקע ווילט איר פון אים? — האט זיך אנגערופן די פויל־ליביקע בעלא בערנשטיין. — האט איר געהערט אזוינס? אז עפעס א נארישע מיידל האט קיין שכל ניט געהאט, איז ער איר שולדיק. אז מען האט מורא פאר בערן, קריכט מען ניט אין וואלד.

— גערעכט זענט איר, בעלא, כאטש איך האב גארניט געמיינט אזוי שלעכט — האט זיך פרענקל אנגערופן — אבער מיר איז מיט אן אמת א פרייד צו הערן פון אייך אזוינע רייד. אמת, אמת. לאמיר זיך צעקושן.
— און זיי האבן זיךביידע צעקושט, ער פארטרינקענדיק זיין שולדיקייט און זי — איר יובלענדיקע העלדישקייט. און צווישן איין קוש און צווייטן האט פרענקל פייערלאך אויסגעשריען: „פרייע מענטשן! מיר דארפן זיין פרייע מענטשן!” און אויפהויבנדיק זיין אנגעפילטע גלאז מיט ווייַן האט ער אויסגערופן:

— לאמיר אלע טרינקען פאר די פרייע מענטשן, פאר דער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאכקייט. אייביק זאל לעבן די גרויסע, אלמענטש־לאכע גלייכהייט און ברידערלאכקייט! הורא! !

— הורא! — האבן אלע אויסגעשריען — הורא! הורא! פאר זיך און פאר דער וועלט! פאר דעם עלעקטרישן ליכט און פאר דער רוסישער רעוואלוציע!

— הורא! הורא!־

און דאס עלעקטרישע ליכט האט זיך צעברעקלט אף די גלעזער אין זייערע הענט, אף זייערע אויגן, אף זייערע פנימער און אויך איבער די ווייבע, אפגעשוואכטע קלאנגען, וואס האבן זיך דערטראגן צו די אויערן פון דעם טאנץ־זאל. אלע האבן זיך דערפילט ווי אויסטערלישע, אויפגעשטראלטע, דערהויבענע.

די מאדאם פיינמאן איז די לעצטע צייט געווארן נאך שענער, שטאלצער און אויך שטילער, ווי ווען־עס־איז, מיט אזוינע פאנאנדערגע־שפונענע, אין־זיך פארטראכטע, פינקלענדיקע בליקן... און אלע האבן געוואוסט פארוואס דאס איז. אלע האבן פאר איר אזוי ווי נאך מער דרך־ארץ געקראגן, ווארים פון יענעם פרענקל־אוונט אן, ווען זי איז זיך צוריק צונויפגעקומען מיט איר פיינמאנען, האט זי אין זיך דערפילט דאס אויפ־גיין פון א נייַ ליכט, פון א נייַ לעבן.

אַן אומדערוואַרטע צערטלאַכקייט און פאַרערונג האָט גראַד גע־הערשט צווישן די „אָפּגעריסענע בלעטער“ צו אַ מוטער־פרוי: געשלעכט־לאַך פריי און דאָך אַזוי שטאַרק געשלעכטלאַך פאַראַנטוואָרטלאַך. און קיי־נעם פון זיי האָט קיינער קיינמאָל ניט געפרעגט — פאַרוואָס? און קיינער האָט זיך אַליין די פראַגע ניט געשטעלט און האָט דערפאַר אַף דעם קיין ענטפער ניט געהאַט. דעם איינציקן, וועמען מען האָט דעם אָוונט געפרעגט די פראַגע און וועלכער האָט אַף זיין אופן אַף איר געענטפערט, איז גע־ווען גאַבריעל.

די מים פינק, די שטענדיקע קאָנקורענטקע פון דער מאַדאַם פיינמאַן, האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן גאַבריעלן, האָט אָנגענומען מיט איר ווייך הענטל זיין קני און געזאָגט:

— לעאָן, דו האָסט דאָך ניט ליב קיין „מאַמעס“, טאָ פאַרוואָס נעמ־כטו פון איר די אויגן ניט אַראָפּ?

— עס קאָן דאָך זיין, אַז זי טראָגט אין זיך נאָך אַ פרוי — האָט ער דערויף געענטפערט, אָלץ ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דער מאַ־דאַם פיינמאַן — עס קאָן, דאָך זיין...

קאַפּיטל צוועלף

די „פרייע ליבע"־פאַריינען זיינען געווען דער ערשטער קערנדיקער אויסדרוק פון דעם פאַרוואָגלטן, אָפּגעריסענעם לעבן; דער ערשטער זי־כערער צייכן פון אָרגאַניזאַציע, דער ערשטער געטרייער צייכן פון אָריענ־טירונג אין דעם דעמאָלטיקן כאַאָס. זיי האָבן דורך דער השפעה פון די „אָפּגעריסענע בלעטער" זיך גענומען מערן, ניט נאָר אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין די אַנדערע גרעסערע שטעט איבערן לאַנד. אָבער פון זיי, דורך זיי און אַרום זיי האָבן גענומען אויפשפּרינגען ליטעראַריש־דראַ־מאַטישע, אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע פאַריינען און אויך די ערשטע, שוואַכע פּרוּוון פון יוניאָנס.

פרענקל און אויך אַ פּאָר אַנדערע מיטגלידער פון די „אָפּגעריסענע בלעטער" פלעגן אָפט אַרויסגערופן ווערן אין די פאַרשיידענע שטעט אָף לעקציעס און קאָנצערטן, אָף צו העלפן אָרגאַניזירן אָט־די פאַרשיידענע ליטעראַריש־דראַמאַטישע און רעוואָלוציאָנערע פאַריינען. ווען פרענקל איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין שיקאַגאָ איז שוין די „שטאָט" געווען אַזוי שטאַרק אָרגאַניזירט, אַז ער איז פון די דאָרטיקע חברים באַגעגנט געוואָרן אָפן וואָקזאַל מיט אַ מוזיק־קאַפּעליע, וואָס האָט פאַר אים אויס־געשפּילט די מאַרסעליעזע. דאָס האָט ווידער געהאָלפן, אַז די דאָרטיקע ענגלישע צייטונגען זאָלן פון אים מאַכן דעם נויטיקן, גרויסן ווען, וואָס די חברים האָבן געוואָלט. דער זאַל איז דאָרט ווידער געווען איבערגע־פּאַקט און דער אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן פייערלאַך. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט דער מאַרסעליעזע. נאָכדעם האָט מען געפּראַוועט אַ באַנקעט, ביי וועלכן עטלאַכע מענער און פרויען האָבן אָוועקגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציע זייערע זייגערס און דאָס איבעריקע ביסל צירונג, וואָס זיי האָבן געהאַט. פאַר די פּאָר טעג, וואָס פרענקל איז פאַרבליבן אין שטאָט, איז דאָרט אויך געגרינדעט געוואָרן דער ער־שטער קלוב אָף דעם נאָמען פון פערדינאַנד לאַסאַל. דער לאַסאַל־קלוב האָט

דאָס געדראַפּט פאַרשפּרייטן לאָסאָלם לערע צווישן די אידישע אַרבעטער און זען פון־צייט־צו־צייט אַרויסגעבן בלעטלאך און אויפרופן. עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ ליטעראַריש־דראַמאַטישער פאַריין. וואָס זאָל קעמפן פאַר אַ ליטעראַרישן אידישן טעאַטער און זאָל העלפן אַנטוויקלען דעם געשמאַק פון דעם אידישן אַרבעטער. נאָכדעם איז פרענקל געווען נאָך אין אַ פּאָר גרעסערע שטעט און האָט אין יעדער פון זיי עפּעס אויפ־געטאָן.

ווען פרענקל איז נאָכדעם, נאָך אַזאַ פרוכטבאַרער רייזע, געקומען צוריק קיין ניו יאָרק, האָט מען פאַר אים געמאַכט אַ באַגריסונגס־אָוונט, וואו מען האָט זיך געגריסט און געלויבט, געוואָרימט און דערהויבן.

די באַנקעטן האָבן ביסלאַכווייז גענומען ווערן געגרייט מיט בעסערע עסנס און געטראַנקען, און ווען פרענקל האָט איינמאָל דערזען פאַר זיך אַזאַ באַנקעט, האָט ער זיך פּשוט דערשראָקן און האָט גענומען מיט ביטערן פאַרוואורף זאָגן, אַז דאָס איז אַ גרויס אומרעכט, עס איז ניט דעמאָקראַטיש, עס איז פאַרשווענדעריש. אונזערע באַנקעטן דאַרפן באַ־שטיין פון הערינג מיט ברויט. וואָסערע רעכט האָבן מיר צו לאָזן זיך וואוילגיין ? אויף וועמעס חשבון ? די מאַסן הונגערן, לעבן אין שמוץ, זיינען דערנידעריקט און באַליידיקט, קאָנען זיך ניט פאַרגינען דעם ביסן ברויט אין מויל, און מיר דאַ, — אַזוינע באַנקעטן !

מינדלין האָט מיט אים ניט איינגעשטימט ; פונדעסטוועגן זיינען די ווייטערדיקע באַנקעטן פאַר אַ צייט באַשטאַנען פון הערינג מיט ברויט, ביר און טיי.

מאַקסימיליאַן מינדלין פלעגט פיל העלפן ביי דעם אָרגאַניזירן אַט־די פראָווינץ־רייזעס. ער איז געווען אַ שטילער, דאַכט זיך ניט קיין באַ־רעדעוודיקער, פלעגט אָבער ליב האָבן שרייבן בריוולאך צו חברים אין דער פּראָווינץ וועגן די גרויסע ניו יאָרקער אויפטואונגען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן די אָדער יענע מיטגלידער פון די „אָפּגעריסענע בלעטער", וועגן דער גרויסער ווירקונג פון דער אָדער יענער נייער אָרגאַ־ניזאַציע. פלעגט לאָזן וויסן אין די ווייטערע שטעט, ווער עס איז דער רעדנער, וואָס פאַרט צו זיי איצט אַרויס, ווי אַזוי מען קאָן און מען דאַרף אים אויסנוצן פאַר זיך און פאַר דער עפנטלאַכקייט און דערצו פלעגט ער נאָך זיין דער, וואָס קאָן דערוויל אויסלייען די עטלאַכע דאָלאַר אויף דער

רייזע. און נאכדעם, ביי די באגריסונג־אוונטן, פלעגט ער קומען, ווי גע־וויינטלאך, א שטילער, אונטערפירן דעם חשבון פון דעם צוריקגעקערטן גאסט מיט א קורצן „טאוסט" און פארענדיקן מיט א בלייפעדער אין זיין וויכער, כמעט ווייבערשער האנטשריפט, אונטערפירנדיק דערביי א שטילן און זיכערן חשבון פון דאלארן און סענטן.

אזוי ווי רעדן האט ער ניט געקאנט, פלעגט ער זיך אלעמאל איבער־רייסן מיט א שמייכל. און באטש דער שמייכל פלעגט ביי אים זיין פון אפהענטיקייט, פלעגט עס פונדעסטוועגן ביי אים פארט ארויסקומען מיט א שפילעוודיקן שיין. און נאך אזא מין ניט־באקוועמער, קורצער רעדע פלעגט ער זיך, געוויינטלאך, מיט אט־דעם אייגענעם שיינענדיקן און שפילעוודיקן שמייכל ווענדן צו דער ערשטער, בעסטער דאמע.

פרויען האבן ליב מענער, וואס טראגן זיך ארום מיט אזוינע ליכטי־קע און שולדיקע שמייכלען. זיי דערפילן זיך, ווי באלויכטן און אפגעדעקט אונטער אזוינע צעשמייכלטע בליקן, און דער מאן, וואס קוקט אף זיי אזוי, זינט און ווערט באזיגט.

פלעגט דערפאר מינדלין זייער אפט ווערן דער העלד פון דער אדער יענער דאמע.

מינדלין איז געווען דער שטילער כוח פון דער באוועגונג און איבער זיין קאלטקייט און אויסגערעכנטקייט האט מען אים אויך געמאכט פאר דעם אדמיניסטראטאר פון דעם פאריין.

פרענקל איז כמעט אין אלץ געווען דער קעגנזאץ פון מינדלינען: ברענקל, דער אומרו פון אלץ, האט פון קיין חשבון ניט געטראכט און ניט געוואוסט. ער האט בלויז געוואוסט, אז מען דארף ארגאניזירן און בא־וועגן און ער פלעגט אזוי ארייגפאלן פון איין באוועגונג אין דער צווייטער, אבי דער צוועק איז נאר געווען רעוואלוציע, קאמף. אזוי איז „פרייע ליבע" פאר אים געווען דער קאמף קעגן הייראט; די ליטעראריש־דראַ־מאטישע פאריינען — א קאמף קעגן שונד, א קאמף קעגן די „קוני לעמלס", וואס מען פלעגט אויפפירן אין דעם דעמאלטיקן אידישן טעאטער. און ווען די קליינע בעסי פינק איז צו אים איינמאל געקומען מיט א יונגנמאן, קארפילאוו, און געזאגט, אז קארפילאוו איז א טאלאנטפולער מענטש, וואס ליידט פון דעם, וואס ער מוז אויפטרעטן אין ביליקע שונד־פיעסן, און אז ער און זי און נאך א פאר ווילן אויפשטעלן א טרופע, וואס זאל

ברייננגען ליכט און בילדונג צו די מאסן, האט פרענקל זיך אריינגעווארפן אין קאמף פאר אזא טרופע, אויך אריינגעצויגן די מאדאם פיינמאן, געזעז, אז זי זאל האבן א ראל, וואו מען דארף אויפטרעטן אין רוסישן קאסטיום און זינגען א רוסיש ליד. ער האט צוגעצויגן אויך א פאר מענטשן פון די ליטעראַרישע און דראמאטישע פאריינען, און א פרייע טרופע איז אזוי געשאפן געווארן פאר א צייט.

און ווען קאלמאנאוויטש און בערנשטיין זיינען איינמאל געקומען צו אים און אים דערציילט, אז דער צושטאנד אין זייער שאפ איז זייער א שוידערלאכער און אז זיי האבן זיך שוין צונויפגערעדט מיט נאך עטלא־כע ארבעטער און מען וואלט געקאנט עפעס טאן, האט זיך פרענקל גלייך אריינגעווארפן אין דער ארבעט: גענומען שרייבן און דרוקן „הענדבילס”, איינגעשפאנט כמעט אלע מיטגלידער פון די „אפגעריסענע בלעטער”, אז זיי זאלן שטיין מיט אויפרופן ארום די שעפער און רופן דעם עולם צו א סטרייק.

זיין אימפעט פלעגט כמעט שטענדיק ארויסרופן באהאלטענע כוחות און אזוי האבן זיך אויך דעמאלט אויפגעזוכט נייע, טעטיקע און ערנסט־מיינענדיקע מענטשן, וואס זיינען אפגעריסענע געווען פארווארפן אין די שעפער דא־און־דארטן.

פאר זיי האט אויפגעלויכטן די מעגלאכקייט צו פארגרינגערן זייער איינגענע לאגע און אויך די מעגלאכקייט אריינצוברייננגען אביסל ארדנונג אין דעם כאאטישן, מיזעראבלען לעבן פון די פארווארלאזטע מאסן.

צו דעם מיטינג האט מען אראפגעבראכט אן אנגעזעענעם ענגלישן ארבעטער־פירער, כדי צו באווייזן די גוים, אז עס הויבט זיך אן א אי־דישע ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע.

דאס סטרייקן האט אנגעמאכט א היבש ביסל טומל און האט זיך געענדיקט מיט א שרעקלאכן דורכפאל.

פרענקל איז אבער געווען פון די מענטשן, וואס ביי יעדן דורכפאל, ווי דריקנדיק ער זאל ניט זיין, געפינען זיי א מעגלאכקייט, א נויטווענ־דיקייט און א גלויבן פאר א נייעם אנהויב. האט מען אונטער זיין ווירקונג צוגעשריבן אט־דעם מיאוס־דורכגעפאלענעם סטרייק צו דעם, וואס עס איז ניט געווען אין לאנד קיין אידישע ראדיקאלע צייטשריפט און דאס איינציקע אידישע בלאט, וואס פלעגט דעמאלט ארויסגיין אין ניו יארק.

האָט וועגן דעם קיין וואָרט ניט געוואָלט שרייבן. איז דערפון, ממילא, געדרונגען געוואָרן, אַז כדי צו האָבן אַן אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג מוז מען דורכויס פריער זען גרינדן אַ אידישע אַרבעטער־צייטונג.

צו וועלן דעמאָלט גרינדן אַן אייגענע אַרבעטער־צייטונג און דערצו נאָך אין אידיש האָט געקלונגען, ווי אַ שרעקלאַכער אומזין. ערשטנס, ווי קאָן מען גאָר רעדן צו מענטשן ערנסט אין אידיש, אַז דאָס איז גאָר קיין שפּראַך ניט. דאָס איז דאָך עפּעס אַ מין זשאַרגאָן, אַ שפּראַך פאַר ווייבער אין מאַרק. ווי קאָן זיך דאָס אַן אינטעליגענטער מענטש אַזוי דערנידער־ריקן? אָבער פרענקל מיט זיינע אַלטע און די פיל נייע אָנהייגער האָבן זיך מיט זייער גאַנצן פאַנאַטישן פייער אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר אַ צייטשריפט. אָט־די אַרבעט אַליין, פאַר זאַמלען געלט פאַר דער צייטונג, האָט גראָד זייער פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרבינדן און אויפוועקן די אידישע ראַדיקאַלע עלעמענטן, עס האָט באמת געשאַפן אַ נייעם אויס־וועג, אַ נייע האָפענונג. און אַזוי איז מיט דער צייט טאַקע אוועק־געשטעלט געוואָרן דער אָנהויב פון אַ אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אויך דער אָנפאַנג פון אַ אידישער ראַדיקאַלער פרעסע.

קאַפּיטל דרייצן

מיט דער צייט איז אויך אַריבערגעקומען אַהער פֿרענקלס פֿרוי — ליזאַ.

ליזאַ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר רויכערן. אַלע האָבן גלייך צו־געגעבן, אַז אַ פֿרוי, וואָס זאָל אַזוי גוט און אַזוי פֿיל רויכערן, האָבן זיי נאָך אין זייער לעבן ניט געזען. זי האָט גערויכערט, ווען זי האָט גע־קאָכט, ווען זי האָט געוואַשן, ווען זי האָט פֿאַרשלעפּערט איר מיידעלע, זינקען, ווען זי איז אַליין געגאַנגען שלאָפֿן. זי האָט גערויכערט אין די קאַפֿע־הייזער און אַף די מיטינגען. דאָס רויכערן און די אונטערגעשוי־רענע האָר אירע זיינען אין יענע יאָרן געווען אַ געוואַלדיקע זעלטנהייט, און ווי נאָר זי פֿלעגט זיך באַווייזן פֿלעגט זי צו זיך צוציען אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט.

אין די „פֿרייע ליבע"־קלובן האָט ליזאַ אַריינגעבראַכט פֿרישן לעבן. זי פֿלעגט מיטן סיגאַרעטל אין מויל פּריידיקן וועגן דער פֿרויס אַבסאָלוטער פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, און איז אַף אַזאַ מין אופֿן גלייך ביי איר קומען געוואָרן אַ פּאַסנדיקער מיטגליד פֿון די „אָפּגעריסענע בלעטער".

ווען ליזאַ איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע איז שוין גאַבריעל געווען אַוועקגעפֿאָרן און איר האָט האַרציק באַנג געטאָן, וואָס זי האָט ניט גע־האַט די געלעגנהייט צו קאָנען אָט־דעם אָריגינעלן און וואונדערלאַכן מענטשן. גאַבריעל איז אַוועקגעפֿאַרן גלייך אַף מאָרגן פֿון דעם אָוונט, ווען ער האָט אַרויסגעקראָגן פֿון מינדלינען די צוויי הונדערט דאָלאַר. און דאָס, וואָס ער האָט דאָס געטאָן, ניט וואַרטנדיק אַף דעם פֿאַרשפּראָכענעם אָוונט און באַנקעט פֿאַר אים, און דאָס, וואָס ער האָט אפֿילו ניט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו געזעגענען זיך מיט אימיצן פֿון זיינע פֿילע פֿריינט, איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַן איבעריקער באַווייז פֿון זיין אָריגינאַליטעט.

די אַלע מעשׂות, װאָס ליזאַ האָט זיך אָנגעהערט װעגן די מײדלאַך און װײַבלאַך, װאָס ער האָט אױך פּונקט אַזױ, אָן אַ זײַ־געזונט, איבער־געלאָזן, האָבן אים פֿאַר ליזאַן געמאַכט פֿאַר אַן עכט־ראָמאַנטישער פֿער־זענלאַכקײט. זי האָט זיך נאָכדעם שטאַרק באַטײליקט אין אָרגאַניזירן אַן אונטערנעמונג, כּדי אומצוקערן מינדלינען די צװײ הונדערט דאָלאַר, װאָס גאַבריעל האָט פֿאַרנומען. און זי האָט נאָכדעם מיט פֿרײד אַלײן אָפּגעבראַכט מינדלינען דאָס געלט אין הױז אַרײַן. מינדלין האָט אױף דעם געזאָגט עטלאַכע אָפּהענטיקע װערטער און אױף איר גענומען קוקן מיט זײַנע אױפֿגעשײַנטע, ליכטיקע און שולדיקע שמײכלען. האָט זיך ליזאַ פֿון דעם דערפֿילט אַ באַלױכטענע און אָפּגעדעקטע. גאַבריעלס גײַסט האָט פֿאַר איר אױפֿגעשװעבט און זי האָט זיך אומגעקוקט אױף מינדלינען, האָט אױפֿגעשמײכלט און האָט זיך אים איבערגעגעבן.

נאָכדעם איז ליזאַ שױן אױף אַ לאַנגער צײַט פֿאַרבליבן בײַ מינדלינען אין הױז. זי האָט בלױז אױף מאָרגן אָפּגערופֿן די פֿײַנמאַנס, בײַ װעמען זי האָט נעכטן געלאָזן איר זינאַטשקען, און געבעטן, אַז אפֿשר איז מעג־לאַך, אַז די מיס פֿינק זאָל אַכטונג געבן אױף זינאַטשקען.

מיס פֿינק איז באמת געװען זײער אַ גוטע און אַזױ װי די מאַדאַם פֿײַנמאַן האָט שױן געהאַלטן בײַם װערן אָט־אָט אַ געװינערן, האָט זי דערפֿאַר גענומען זינאַטשקען און זיך מיט איר אײנײנעם געבראַכט צו פֿרענקלען אין הױז. און פֿרענקל, װאָס איז שטענדיק געװען פֿאַרהאַװעט, איז געװען זײער צופֿרידן פֿון דעם, װאָס די מיס פֿינק איז אַזאַ גוטע, און ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט אײנײנעם מיט זינאַטשקען און האָט זי געבעטן זי זאָל בלײַבן אין הױז. און די מיס פֿינק איז פֿאַר אַ צײַט געבליבן אין הױז אױף ליזאַס אָרט.

קאַפּיטל פֿערצן

פֿרענקלס ערשטער ניט־געלונגענער סטרײַק האָט צװישן פֿיל אַנדערע אױך זײַער שװער געטראָפֿן קאַלמאַנאָװיטשן און בערנשטײַנען.

נאָך דעם ניט־געלונגענעם סטרײַק האָט אַזױ געטראָפֿן: בערנשטײַן און קאַלמאַנאָװיטש האָבן זיך געמוזט מיט חרפּה אומקערן צוריק צו זײַער פֿריערדיקן באַלעבאָס. זײ זײַנען געװען בײז און אױפֿגערעגט. זײ, מיט־גלידער פֿון דער געװעזענער ביבלישער ברודערשאַפֿט און איצט מיטגלידער פֿון די „אַפּגעריסענע בלעטער", פֿון דער װאונדערלאַכער אָרגאַניזאַציע פֿון געקליבענע, פֿון אױסדערװײלטע מענטשן, מוזן שטײן דערנידעריקטע און אַרבעטן בײַ אַזאַ חזיר, בײַ אַזאַ בלוטזױגער, בײַ אַזאַ פּאַרשיװנע אידל.

די אַרבעט איז באַשטאַנען פֿון מאַכן דראָטענע פּאַסאַנען פֿאַר פּרױעןְ־היט.

טרעפֿט זיך אײנמאָל, אַז דער באַלעבאָס גיט איבער דעם פֿאָרמאַן אַ באַשטעלונג אױף עטלאַכע טוצן היט און זאָגט צום פֿאָרמאַן: גיט דאָס צו די „ברידערלאַך", װײַל דאָס איז פֿאַר אַ זײַער „פּאַרטיקיולאַר" הױז און די „ברידערלאַך" זײַנען גוטע און גיכע הענט.

די „ברידערלאַך" אָדער די „סאָציאַליסטלאַך" אָדער גאָר „טאַנעבאַרעם" זײַנען בײַ דעם באַלעבאָס געװען בערנשטײַן און קאַלמאַנאָװיטש.

אַז בערנשטײַן און קאַלמאַנאָװיטש האָבן געקראָגן די באַשטעלונג מיט דער װאָרנונג, אַז דאָס מוז געמאַכט װערן „פּאַרטיקיולאַר", האָט זיך בערנשטײַן אָנגערופֿן צו קאַלמאַנאָװיטשן:

— „פּאַרטיקיולאַר"! מ'לאַכט פֿון זײַן טאַטן! מירן זיך בײדע פֿריער אװעקשטעלן אָנהאַקן די דראָטן פֿאַר דער גאַנצער באַשטעלונג. דו שנײַד די גראָבע ברעג־דראָטן און איך — די מיטלסטע. ער מײנט, איך װעל זיך אים אַװעקשטעלן מעסטן יעדן שטיקל דראָט באַזונדער. אַניט װעט ער ניט קאָנען אױפֿעסן, דער חזיר. מען דאַרף זען מאַכן אַ

פּאָר דאָלאַר. פאַניע (די מאַדאַם פײַנמאַן) קומט שױן הײַנטיקן שבת פֿון האָספּיטאַל מיט איר מײדעלע.

— שיסן, ברודער, שיסן, אַז דער רוח זאָל עס נעמען! — האָט זיך קאַלמאַנאָװיטש אָנגערופֿן — מען דאַרף צוגרײטן אַ פּאָר דאָלאַרן פֿאַר דעם הײַנטיקן שבת. אָ, אָ!

דער סוף איז געװען, אַז אין אײן שײנעם נאָכמיטיק איז דער באַ־לעבאָס מיטן פאַרמאַן צוגעקומען צו אײנעם פֿון די „ברידערלאַך":

— הער נאָר, „טאָנע־באַר", װאָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן מיט די פּאָר מוצן היט? דעם איבערשטן עק־דראַט האָסטו דאָך מן הסתם געמאָסטן אױף דער לבנה; מען האָט דיר געזאָגט, אַז דאָס איז פֿאַר אַ „פּאַרטיקיור־לאַר" הױז, צי נײן? װאָס איז דאָ, הפקר פּעטרײשקע? דו װעסט מיר באַצאָלן פֿאַרן גאַנצן דראָט, װאָס דו האָסט קאַליע געמאַכט. איר װעט בײדע באַצאָלן, װי אַ טאַטע װעט איר באַצאָלן!

— און נאָך אַ מין באַצאָלן! — האָט זיך דער פאַרמאַן אָפּגערופֿן און נאָך דערבײַ צוגעגעבן — און איך האָב געמײנט, אַז סאָציאַליסטן זײַנען דװקא פֿײַנע מענטשן...

די בײדע פרײַנט האָבן זיך געפּילט אָפּגעשמיסן, האָבן גענומען צולײגן, מעסטן יעדן פּאָסאָן צום סאַמפּל, געזען, אַז זײ האָבן טאַקע איבערגעכאַפּט די מאָס און ניט געװאוסט װאָס צו טאָן, ביז נאָכדעם האָט זיך בערנשטײן אָנגערופֿן:

— אָלרײַט, װיפֿיל קומט פֿאַרן דראָט?

דער באַלעבאָס מיטן פאַרמאַן זײַנען אַװעק אין אָפיס, האָבן דאָרט גערעכנט און אױסגערעכנט, נאָכדעם איז דער פאַרמאַן געקומען צוריק און זײ דערקלערט, אַז אײַגנטלאַך קומט פֿון זײ פֿאַרן דראָט נאָך עפּעס מער פֿון דעם, װאָס זײ האָבן ביז איצט פֿאַרדינט די װאָך, שױן אַרײַנ־רעכענענדיק דאָס, װאָס זײ האָבן פֿאַרדינט די פּאָר טעג פֿאַר און נאָך דער באַשטעלונג, נאָר גאָרניט, מיר'ן דאָס שױן רופֿן „סקװער".

—הײסט דאָס, אַז מיר בלײַבן דערװײַל אָן „פּעי" — האָט זיך בערנ־שטײן אָנגערופֿן און דערבײַ נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז די מאַדאַם פײַנ־מאַן װעט דאָך שױן דעם שבת זײַן צוריק פֿון האָספּיטאַל מיט איר נאָר־װאָס געבױרן מײדעלע...

— און פֿון אונז קומט נאָך געװיס אַרױס אַ קװאָדער — האָט זיך קאַלמאַנאָװיטש אָנגערופֿן.

— מער — האָט דער פֿאַרמאַן געזאָגט.

— װיפֿיל?

— אַ האַלבן דאָלאַר — האָט דער פֿאַרמאַן געענטפֿערט.

— זעסטו, איך בין אַ ספּאָרט — האָט זיך שױן בערנשטײן אױף דעם אָנגערופֿן און גלײַך אַרױסגענומען פֿון קעשענע אַ האַלבן דאָלאַר, אים אַרײַנגעשטופּט צום פֿאַרמאַן אין האַנט אַרײַן:

— נאָ, גיב דאָס איבער דעם „באָס" און לאָמיר זײַן „סקװער".

דער פֿאַרמאַן האָט דאָ דערפֿילט דעם „סאָציאַליסטס" גאַנצע ביטער־קײט און האָט פֿונדעסטװעגן מיט אַ געמאַכטן שמײכל צוגענומען דעם האַלבן דאָלאַר און איז אַזױ אַ פֿאַרשמײכלטער און אַביסל אַ צעטומלטער אװעק צום „באָס" אין אָפֿיס.

צװישן די חברה אַרבעטער איז פֿון דעם געװאָרן אַ שטאַרקע אױפֿ־לעבונג. עטלאַכע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט — אײניקע פֿון דעם, װאָס דער פֿאַרמאַן איז אַװעק װי אַן אָפּגעשמיסענער, און אַנדערע פֿון דעם, װאָס דאָס סאָציאַליסטל, דער יאַלד, האָט נאָך צוגעצאָלט אַ האַלבן דאָלאַר צום עסק. אַנדערע האָבן גלאַט נקמה געהאַט, װײַל זײ האָבן זײ געהאַלטן פֿאַר די שולדיקע אין דעם אַרױסגערופֿענעם און דורכגעפֿאַלענעם סטרײַק און אױך פֿאַר דעם, װאָס מען האָט זײ גראָד אָפּט אװעקגעגעבן די גרעס־טע באַשטעלונג אין שאָפּ.

— אַהאַ־האַ, איר'ט זיך װײַטער צוכאַפּן צו אַ באַשטעלונג, װי צו הײסע לאַקשן? — האָט זיך אַן אַרבעטער אָנגערופֿן.

—אַ מצוה אױף זײ! האָסט געזען אַביסל, װי זײ האָבן זיך גענומען „שיסן" — האָט אַ צװײטער געענטפֿערט.

— סאַ שיסערײַ אַביסל! איך האָב דאָך געמײנט, אַז דער גאַנצער װאַרשטאַט גײט אַװעק מיט זײ!

— סאַ משל! איך האָב שױן געטראַכט צו נעמען אַ האַמער און אַרײַנקלאַפּן אַ פּאָר פֿרישע פֿלעקער אונטערן װאַרשטאַט.

— און סאַראַ מױל עס האָט דאָס! — נאָר עס קריגט זיך. „נאָ דיר נאָך אַ האַלבן דאָלאַר" האָט אים דערװאָרגן מיט אַ װאָרעניק.

— העי, דו האלעדריגע, וואס האסטו זיך דארטן צעדרשנט? — האט זיך קאלמאנאוויטש אנגערופן — דיין ציגל בערדל ווארגט דיך?

— מע־ע־ע! — האט איינער פון די ארבעטער אויסגעשריען, נאכ־מאכנדיק א ציג און אלע האבן זיך פון דעם שטארק צעלאכט.

— מען מוז אבער זאגן, אז ליאווע איז ניט קיין שיפע־זיבעלע — האט זיך איינער אפגערופן — נ א ד י ר, זאגט ער, נ א ד א ה א ל ב ן ד א ל א ר א ו ן ל א מ י ר ז י י ן „ס ק ו ו ע ר"... אף פשוטן פראסטן מאמע־לשון הייסט דאס: נא דיר, ברודערל, נאך א האלבן דאלאר און ווערג זיך...

פונדערווייטן האט זיך ווידער באוויזן דער באס מיטן פארמאן. דער באס איז געגאנגען אן אויפגערעגטער, האט, ווייזט אויס, עפעס געוואלט זאגן, אדער טאן. דער האלבער דאלאר, וואס דער פארמאן האט אים אריינגעטראגן, האט אים, ווייזט אויס, אריינגעבראכט אין גרויס כעס. ער האט זיך אבער אפן וועג, אפנים, גענומען אפקילן, זיך געכאפט, אז איצט, אין סאמע „רעכטן סעזאן", גיי הויב זיך מיט זיי אן. ברענען זיי אפן פייער, אבי זיי ארבעטן — און ער האט זיך אפגעשטעלט אף א ווײַלע און בלויז אויסגעשריען מיט א ריזיקירנדיקער בייזקייט צו די אלע אויפגע־ראמטע ארבעטער:

— וואס איז דאס פאר א שמחה אף אייך דארט? שטיל זאל ווערן! ארבעט! ארבעט!

מיט דעם האט זיך דאס אבער נאך ניט געענדיקט.

פארנאכט, ווען די ארבעטער האבן גענומען גיין אהיים, האט ליאווע בערנשטיין צוזויפגענומען די אלע קאליע־געמאכטע פאסאנען אף שטריק־לאך און געגעבן א פאר אנגעשנורעוועטע „באנדלס" צו קאלמאנאוויטשן און די איבעריקע האט ער אליין גענומען און זיך מיט זיי געלאזן גיין צום טיר...

— וואס איז דאס? — איז זיי דער פארמאן מיטן באס אנט־קעגנגעקומען דערשראקענע.

— דאס זיינען די פאסאנען, פאר וועלכע מיר האבן באצאלט.

— און אף וואס נעמסטו זיי צו פון דאנען?!

— אף וואס דארפט איר דען זיי דא? — פרעגט ליאווע.

— אף אריינצוווארפן אין מיסט־פעסל — ענטפערט דער פארמאן.

— מיר האָבן באַצאָלט געלט פאַר זיי און מיר ווילן זיי אַריינוואַרפן אין אונזער אייגן מיסט־פּעסל.

—אַי, סאַ „ווירדאָק״! נאָר עס קריגט זיך, נאָר עס קריגט זיך — האָט דער אַרבעטער מיטן ציגענעם בערדל אַריינגעוואָרפן.

— העי, דו ציגענע ביבקע! — האָט אים אַנאַנדער אַרבעטער אַ שלעפּ געטאָן ביי דער פּאָלע, — וואָס שטופּסטו דעם צונג אומעטום?

— זיין טאַטנס עסק! — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

דער באַלעבאָס, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, האָט זיך דאָ אומ־געקוקט און געזאָגט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט צום פאַרמאַן:

— נו, טאָקע, לאָז אים גיין. ער איז דאָך גערעכט. ס׳איז זיין דראָט, זיין אַרבעט, מעג ער זיך פאַרגינען זיי אַרויסצוואַרפן אַף זיין אייגע־נעם מיסט.

ווען זיי זיינען אַרויס האָט זיך דער באָס אָנגערופן צום פאַרמאַן און צו די פאָר נאָכגעבליבענע אַרבעטער:

— עס איז אַן עבירה, וואָס מען גיט גאָר אַזוינע אַ סענט צו פאַר־דינען. מען דאַרף זיי אַרויסטרייבן פון שאָפּ ווי די הינט. און טאָקע פון גאַנץ אַמעריקע. אָט איבער אַזוינע ווערט דאָך דאָס טאָקע פאַרמיאוסט דער אידישער נאָמען.

ליאָווע מיט סעמען זיינען זיך מיט זייערע היט־פּאַסאָנען אַוועק אַף דיוויזשאָן סטריט. די גאַס איז אין יענע יאָרן געווען אַ צענטער פון היט־פּיצער־געשעפטן, און אין דעם ערשטן, בעסטן געשעפט, וואָס איז זיי גע־פעלן געוואָרן, זיינען זיי אַריין מיט זייער סחורה און זיי האָבן דאָרט פאַרקויפט די פּאַסאָנען פאַר אַזאַ גוטן פּרייז, אַז דער קאָפּ האָט זיך זיי פאַרדרייט...

אי מען האָט געקאָנט צוגרייטן אַ לייטישן אָוונט אין פיינמאַנס הויז פאַר פאַניאַס קומען, אי דער קאָפּ האָט זיך אויפגעדרייט...

קאַפּיטל פופצן

בערנשטיין און קאַלמאַנאָוויטש האָבן אין א קורצער צייט אַרום גענומען מאכן זייערע אייגענע היט־פּאַסאַנען און געטראָגן פאַרקויפן אַף דיוויזשאָן סטריט. בערנשטיינס געוואוקסיקע חברטע בעלא און — קאַלמאַנאָוויטשעס ווייב ריווע, און אויך אַניוטקא זיינען געוואָרן זייערע ערשטע אַרויסהעלפער, און טאַמער האָט זיך געמאַכט א גרויסע באַשטעלונג, פלעגן אַסאַך פון די „אַפּגעריסענע בלעטער" זיך אַריינכאַפּן אַרויסצוהעלפן, ווער מיט א גאַנג, ווער מיר האַקן, קניפּן אָדער שניידן די דראָטן. און עס האָט געהייסן: נידער מיט דער שקלאַפעריי! נידער מיט די פאַרשיווע בלוטזויגער, די עקספּלואַטאַטאָרס!

די אַרבעט פלעגט געמאַכט ווערן אין א קעלער. אין דעם קעלער פלעגן אויך פון מאָל־צו־מאָל געמאַכט ווערן קליינע הוליאַנקעס, און אַלץ איז, דאַכט זיך, געווען גוט און וואויל. נאָר פרענקל... זיינע שוואַרצע אויגן האָבן מיט זייער שפּאַלטנדיקן פייער ניט־צופרידן געקוקט אַף דעם גאַנצן עסק. ניט דאָס איז דער וועג. אַרבעטער, סאָציאַליסטן דאַרפן ניט אַזוי... ניט אַף אַזא שטייגער...

און פלעגט ער אַמאָל אַריינקומען אין קעלער פלעגט, דאַכט זיך, עפּעס א מין נערוועזע ביטערקייט זיך אַריינכאַפּן. און אפילו זיין שוואַרץ דאַר בערדל פלעגט, דאַכט זיך, ווערן שוואַרצער. שוואַרץ פלעגט אויך זיין פנים ווערן און אפילו די לאַנגע פאַלעס פון זיין ראָק פלעגן נאָך אים נאָך אַנדערש נאָכפליען ביי זיין אַריינקומען אין דעם קעלער.

דער עולם האָט זיך געפילט שולדיק, ניט געקאָנט קוקן פרענקלען גלייך אין פנים אַריין. שטילער און טיפער פון אַלעמען האָבן די שולדיקייט געפילט די צוויי פרויען, בעלא און ריווא.

אָפּשטעלן אָבער האָט מען די זאַך שוין ניט געקאָנט. וואָרים, וואָס הייסט? מען וועט דאָך ניט גיין צוריק שקלאָפן צו א פאַרפלוכטן קאַפּיטאַליסט אין שאָפּ. דערצו איז מען אינגיכן אַזוי פאַרוואָרפן געוואָרן

מיט אַרבעט, אַז מען האָט געמוזט אַרבעטן שפּעט אין דער נאַכט אַריין און עס איז שוין פּשוט קיין צייט ניט געווען זיך וועגן דעם ערנסט אָפּצושטעלן.

די איבעריקע מענער האָבן זיך אַפילו אויך געפילט ניט באַקוועם, האָבן אָבער פונדעסטוועגן גענומען אונטערמורמלען, אַז פרענקל איז אַ פאַנאַטיקער, אַז קיין יוניאָנס זיינען נאָך דאָ סיי־ווי־סיי ניטאָ, איז צו־ליב וואָס דאָס שקלאָפן ביי יענעם, ווען מען קאָן זיך העלפן. און דערצו האָט נאָך מינדלין אַריינגעוואָרפן דעם געדאַנק, אַז אָט איז אין דייטש־לאַנד זינגער אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט און דאָך דער אָנפירער פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס האָט דעם עולם אַזוי ווי אַראָפּ־גענומען אַ שטיין פון האַרצן, און ווען עס האָבן זיך גלייך נאָך דעם געמאַכט אַ פּאָר גרינע לאַנדסלייט, האָט מען זיי אָוועקגעשטעלט אין קעלער — מען וועט זיי אויסלערנען אַ „טרייד", מען וועט זיי נאָך באַצאָלן אַ פּאָר דאָלאַר די ערשטע פּאָר וואָכן און נאָכדעם וועט מען זען... און דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט דעם אַזוי אויך אויפגערייצטן פרענקל.

פרענקל האָט פאַר זיך זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די מעשה מיט אָט־דעם זינגערן און מיט נאָך אַנדערע אַזוינע מענטשן, דאַרף פאַר זיך אַליין, לויטן דרויסנדיקן שכלדיקן אמת, אפשר אָנגענומען ווערן פאַר גוט און וואויל. אָבער מיט זיין האַרץ, מיט זיין גאַנצן אינעווייניקסטן געפיל און געשריי פאַר אמת, האָט דער שכל פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט שלום מאַכן:

— סטייטש, מיר קעמפן מיט אַלע אונזערע חושים קעגן עקספּלואַ־טאַציע און דאָ גאָר אין אונזערע אייגענע רייען... דאָס איז דאָך אַזוי שווער, אַזוי שרעקלאַך...

אַמאָל פלעגט אים גאָר איינפאַלן אַ געדאַנק אינמיטן פון זיין לויפן איבער דער בייזער, אויפגעציינערטער, אויפגעהויכט־ און־אויפגעריסע־נער שטאָט, אַז ער שלעפּט זיך נאָך אַלץ אַ צונעשפּאַנטער צו זיין פערדל איבער אַ סיבירער שנייאיקן מדבר. ער פלעגט זיך אויפטרייסלען, זיך אומקוקן און אַ טראַכט טאָן:

— זיך ארויסגעריסן פון איין מדבר און אריינגעפאלן אין א צווייטן.
אלץ ארום האט אויסגעזען אזוי שרעקלאך־אויפגעריסן, אזוי אויפ־געשטורעמט, אזוי אימפעטיק, אזוי ווילד, אזוי נאקעט.

פרענקל האט בכלל אנגעהויבן ארויסווייזן מאדנע ניט־זיכערקייטן. אזוי לאנג, ווי מען האט נאך געזאמלט געלט פאר ביכער צו די פאר־שיקטע אין סיביר, זיינען אלע געווען פאריייניקט. ווי נאר אבער עס איז געקומען צו שיקן געלט פאר דער רעוואָלוציע, האבן זיך גענומען ארויס־ווייזן חלוקי־דעות. דער האט געזאגט: צו די נאראדאוואלצעס; דער — צו די סאציאל־דעמאקראטן, און פרענקל האט דערביי ארויסגעוויזן א מאדנע אפהענטיקייט. מינדלין האט גענומען און אוועקגעשיקט דאס געלט צו די נאראדאוואלצעס. האבן זיך אבער גלייך נאכדעם גענומען ווייזן טענות און ראיות, אז דאס געלט האט געדארפט גיין פאר די סאציאל דעמאקראטן, ווארים ער, פרענקל אליין, איז דאך א סאציאל דע־מאקראט, און פרענקל איז דאך דער ארגאניזאטאר — זיין פרעסטיזש, זיין נאמען.
פרענקל אבער האט ביי זיך געוואוסט, אז דאס, וואס ער האט אינ־דערהיים באלאנגט צו די ס. ד., איז פשוט דערפאר, וואס דער ערשטער מענטש, וואס האט אים געגעבן די ערשטע פראקלאמאציע און האט אים געעפנט די אויגן פאר דער רעוואלוציע, איז געווען א סאציאל־דעמאקראט און נאך דעם איז שוין קיין צייט ניט געווען פאר חקירות... דערצו האט זיך נאך ביי אים מיט דער צייט אויסגעארבעט א שטילער באוואוסטזיין, אז אלע פארטייען, וואס ארבעטן פאר דער רעוואלוציע, זיינען רעוואלוציאנער און זיינען גוט. וועלכע פון די פארטייען עס זיי־נען די בעסטע וועלן מיר צייט האבן צו באשטימען, ווען דער גרויסער טאג וועט קומען, און ביז דאמאלס דארפן אלע פליייסיק ארבעטן פאר דער רעוואלוציע. אינדערהויך אבער האט ער דעם געדאנק קיינמאל ניט ארויסגעזאגט און פלעגט פונדעסטוועגן פון־מאל־צו־מאל אליין אויך אריינגעצויגן ווערן אין א היציקער דעבאטע וועגן דעם, כאטש דער שטילער באוואוסטזיין זיינער פלעגט דא און דארט אויפשווימען און איז סאמע מיטן פון דער היציקער דעבאטע און אים פלעגט זיך גיבער ווערן זאגן:

— ברודער, עס קאָן דאָך זיין, אַז ווען דער, וואָס האָט מיר גע־געבן די ערשטע פּראָקלאַמאַציע, וואָלט צופעליק געווען אַ מיטגליד פֿון די נאַראָדאָוואָלצעס און דער וואָס, האָט דיר געגעבן די ערשטע פּראָק־לאַמאַציע, וואָלט געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָלטן מיר זיך דאָ איצט ביידע געהיצט פּונקט פֿאַרקערט. ברודער, חבר, אַלע וועגן פֿירן קיין רוים — אַבי מיר מיינען נאָר ביידע ערנסט די רוסישע רעוואָ־לוציע. אָט־דאָס און בלויז דאָס איז איצט וויכטיק אַף צו דערגרענטערן דעם גרויסן און ליכטיקן טאָג. אַן עבירה די צייט און דאָס הייסע בלוט, וואָס גייען איצט פֿאַרלאָרן.

אָבער זאָגן דאָס האָט מען פֿאָרט ניט געקאָנט. און דערפֿאַר פֿלעגט ער ווערן נאָך ביטערער און זייער אָפֿט דערפֿאַר נאָך שאַרפֿער אַטאַקירן זיין קעגנער, און נאָכדעם אָוועקגיין פֿון אים מיט אַ געפֿיל פֿון שול־דיקייט און אומריינקייט. און פֿאַר אַ צייט נאָך דעם זיך אַרויסוויזן גלייכגילטיק צו אַלע שמועסן. ניט גלאַט צו דעבאַטן, נאָר אויך צו רעדן בכלל, און פֿלעגט קוקן אַף יעדן מענטשן מיט פֿאַרדאַכט: אָט — און יענער וועט, דאַכט זיך, נעמען רעדן. פֿרענקלס רייד פֿלעגן דעמאָלט זיין קורץ און שאַרף, ווי פֿון אייזן, וואָס איז צו שטאַרק פֿאַרנומען, צו־פֿאַר־ביטערט און אויפֿגערעגט. די ענערגיע אין אים פֿלעגט אָבער פֿון דעם ווי געשטאַרקט ווערן. אַ צונויפֿגעפּרעסטע פֿלעגט זי זיך שאַרף אַרויס־שניידן פֿון זיינע אויגן און פֿון יעדער באַוועגונג זיינער, כמעט שטור־מערהייט פֿלעגט ער אַרומגיין טאָן און מאַכן אַנדערע צו טאָן פֿאַרשיידענע זאַכן.

די ברוינע און גלאַטהויטיקע מאַדאַם פֿיינמאַן פֿלעגט אים דעמאָלט אַ שווייגעדיקן, שווייגנדיק דערזען מער ווי אַלע מאָל. אירע ליכטיקע שאַרף־שוואַרצע אויגן זיינען דאָך שטענדיק געווען ווי צוויי ליכטיקע תּתימות, ווי צוויי פֿייערדיקע צייכנס פֿון עפּעס אַ באַהאַלטענעם כוח, וואָס רעדט ניט, נאָר ברענט. מיט דעם געבוירן פֿון איר מיידעלע, געררט־רוד, איז פֿאַניאַ פֿיינמאַן געוואָרן ווייבלאַכער און האָט אָבער דאָך די שלאַנקייט פֿון איר שטאָלצער פֿיגור ניט פֿאַרלאָרן, איר באַהאַלטן ליכט איז פֿון דעם אַביסל ווייבער און ליכטיקער געוואָרן.

פֿרענקל האָט אינגיכן פֿאַרנומען אין פֿיינמאַנס הויז דאָס אָרט פֿון דעם אויסגעפֿאָרענעם גאַבריעל, וואָרים דער מאַדאַם פֿיינמאַנס ליבעס

און ליידנשאַפטן זיינען בכלל געווען געבונדן מיט עפּעס אַ מין אַנגע־צונדענעם ווילן זיך שטענדיק אַנצוהעפטן אין פאַרשריטלאַכן, אין פיי־נערן, אין העלדישערן, אין מענטשן און אין זאַכן וואָס רופן אַרוים דרך־ארץ...

פיינמאַן אַליין האָט אויך געהאַט גרוים אַפּשיי פאַר אַזוינע זאַכן. דאָס איז אפילו געווען אַ טייל פון זיין דרך־ארץ און ליבע צו זיין פרוי.

ווי מען ברייננט אַ שיינע מתנה אהיים, אַזוי האָט פיינמאַן, איינמאָל נאָך גאַבריעלס אַוועקפאָרן, אַליין געבראַכט פרענקלען אין הויז אריין. געפּילט, אַז עפּעס ווערט פון דעם צו־דין אָנגעצויגן, עפּעס קאָן דאַ פּלאַצן. אָבער פאַניטשקעס פרייד פון דעם, וואָס דער העלד פון דער קאָלאָניע וועט זיין ביי איר אין הויז און טאַקע דאָס, וואָס די מים פינק וועט אים מער ניט האָבן, וועט דאָך פאַר פאַניטשקען זיין גוט. און גלאַט — פרענקל איז דאָך אַ שיינער מענטש, אַ ריינער און מען האָט פרענקלען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער און מען האָט אין הויז אויך אריינגענומען זיין מיידעלע, זינא, און דערוויל האָט עס טאַקע אויך געהייסן, אַז אי זייער מיידעלע, גערטרוד, אי זינאַטשקע וועלן זיך האָבן מיט וועמען צו שפּילן, און וואָס ווייסט איבערהויפּט די מים פינק, ווי אַזוי אויפצופּאַסן אַף אַ קינד?...

פרענקלס פרוי, ליזאַ, פלעגט זיך נאָך דעם אָפּט אריינכאַפּן צו די פיינמאַנס אין הויז, ניט חלילה צוליב דעם, אַז זי זאָל זען די באַ־ציאונגען פון דער מאַדאַם פיינמאַן צו פרענקלען, נאָר כדי אויסצורוי־כערן אַ פּאָר סיגאַרעטלאַך לעבן זינאַטשקען און פאַרברייננען מיט דער מאַדאַם פיינמאַן, ווי מיט אַן אמתן קאַמעראַד, צו וועמען מען האָט נאָרניט... ווייל אדרבה... זי פלעגט אַמאָל אויך מיטברייננען מיט זיך פינדלינען און דאָרט פאַר אַלעמען אין די אויגן פאַרוואַרפן אירע הענט אַרום זיין האַלז...

קאַפּיטל זעכצן

פיינמאַן האָט אָנגעהויבן גאַנץ גוט פאַרדינען אַלס רוסישער פּיאַנע־פּראָפעסאָר. האָט זיך אָבער צו דעם נאָך געמאַכט, אַז נאָך דעם ווי ער איז איינמאָל פּאַרטיק געוואָרן מיט דער לעקציע, וואָס ער האָט געגעבן אין הויז פון אַ „ריעל עסטייט"־הענדלער, האָט זיך דער הענדלער צו אים אָפּגערופן:

— הער פּראָפעסאָר, איך בין זיכער, אַז איר מוזט האָבן עטלאַכע דאָלאַר. אָט נעמט און לייגט זיי אַריין אין די בראַנזווילער „לאָטס".

פיינמאַן איז געבליבן שטיין פאַרן הענדלער, אים אָנגעקוקט מאָדנע און איז אַזש רויט געוואָרן.

דער הענדלער האָט אָבער ווייטער גערעדט:

— ניין, ניין, הער פּראָפעסאָר, ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. איך גיב אייך אַ גוטע עצה. דאָס איז איצט אַ גלענצנדיק געשעפט. איר וועט זיכער קיין חרטה ניט האָבן.

פיינמאַן איז נאָך רויטער געוואָרן און מיט אַן אומבאַהאָלפענעם שמייכל געענטפערט:

— איך האָב קיין געלט ניט, הער פרידמאַן.

— נו, נו, הער פּראָפעסאָר, איך זע, אַז איר שעמט זיך אַלץ. איר אָבער — פאָלגט מיין עצה. גייט, נעמט צונויף די פּאָר דאָלאַר און אויב איר וועט וועלן, קאָנט איר קומען צו מיר, וועל איך אייך העלפן ביים קויפן.

פיינמאַן איז נאָכדעם געקומען אַהיים אַ צעטומלטער, ניט געוואוסט ווי אַזוי צו רעדן וועגן דעם. שוין אָפּגעמאַכט אינגאַנצן שווייגן. נאָר אינאָוונט, ווען דער עולם איז זיך צונויפגעקומען, האָט זיך ביי אים, אַזוי פון זיך אַליין, געעפנט דאָס מויל און ער האָט אַ פאַרשעמטער, מיט

אַ שולדיקן שמייכל איבערדערציילט פֿאַר דעם גאַנצן עולם. וואָס עס האָט מיט אים הײַנט געטראָפֿן און זיך דערבײַ אַלץ געוווּנדערט.

אַלע האָבן געלאַכט פֿון דעם אופֿן, ווי פֿיינמאַן האָט איבערדערציילט די מעשה מיט דעם „הער פּראָפֿעסאָר”, אָבער דער דאָקטאָר מינדלין, וואָס איז אויך דערבײַ געווען, האָט נאָכדעם גאַנץ ערנסט גענומען רעדן וועגן דעם:

— נאָר ניט געלאַכט, פֿיינמאַן, דאָ איז אַן ערנסטער עסק. איך האָב געהערט, אַז דאָרט איז איצט אַ „בום” און אַז מענטשן זײַנען שוין דאָרט איבערנאַכט רײַך געוואָרן. אויב דו ווילסט, נעם מיך צו פֿאַר אַ „פּאַרטנער”.

—דאָס הייסט, אַז דו זאָלסט געבן דאָס געלט און איך — מר. פֿרידמאַנס שכל? — האָט פֿיינמאַן געפֿרעגט.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת. איך וואָלט אויך צוגעשטאַנען צום געשעפֿט — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופֿן.

— אַ, ווי באַלד אַזוי, גיי איך אויך! — האָט זיך אָנגערופֿן קאַל־מאַנאָוויטש און נאָך אים אויך דער אַקטיאָר קאַרפּילאָוו.

פֿרענקלס פּנים איז פֿון דעם געוואָרן שאַרפֿער און שוואַרצער.

די מאַדאַם פֿיינמאַן האָט דאָס דערזען און זיך אַרײַנגעמישט:

— וואָס איז דאָ? אַ יאַריד? ! וואָס הערט זיך בעסער מיט די געזאַמלטע געלטער פֿון דער לעצטער אונטערנעמונג?

— וואָס פֿרעגסטו, פֿאַניאַ, אַזוינע שאלות — האָט זיך ליזאַ אָנ־גערופֿן צו דער מאַדאַם פֿיינמאַן — אַניט, ווייסטו דען ניט, אַז פֿרענקל איז אין דעם שולדיק. ווען ניט ער, וואָלט דאָך דאָס געלט שוין לאַנג אַוועקגעשיקט געוואָרן. ער ווייסט דאָך נאָך אַלץ ניט וואוהין מען זאָל דאָס געלט שיקן.

— ע! — האָט זיך דער אַקטיאָר קאַרפּילאָוו אָנגערופֿן — דאָס איז שוין ניט נוט, חברטע ליזאַ, — וואָס הייסט פֿרענקל ווייס ניט. דאָס איז דאָך שוין באַלד דאָס אייגענע, וואָס לעצטן מאָל. אַלע ווייסן, אַז פֿרענקל איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און איר זענט דאָך אויך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטקע אַלע אײַערע יאָרן און מיר, כמעט אַלע פֿון די „אַפּגעריסענע בלעטער”, זײַנען דאָך סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אויסער מינדלינען און שליאַפּניקאָוון.

— דאָס איז ניט אמת, אַז בלויז מינדלין און שליאַפּניקאָוו. עס זיינען דאָ נאָך... — האָט ליזא איבערגעריסן און גלייך נאָכדעם שטאַרק פאַרצויגן איר סינארעטל און אַראָפּגעלאָזט אירע אויגנדעקלאַך מיט די לענגלאַכע רויטע ברעמען איבער די אויגן.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט פרענקל זיך אָנגערופן מיט אַ אונדערוואָרט קול, און האָט, ווי אין ווילדן שרעק אויסגעשריען — ליזא! ?

— און האָט זי שטריינג אָנגעקוקט מיט אָנגעשפּאַנטע בליקן.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז אָט־די איצטיקע פּלוצלינגע האַלטונג פון ליזאַן און אירע רייד זיינען פאַר פרענקלען אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ. פרענקל האָט נאָכדעם אַזוי ווי אָפּגעריסן זיינע בליקן פון איר און זיך געווענדט צו די איבעריקע מיט אַ געענדערט קול:

— עס איז איבערהויפּט ניט אמת. איך האָב קלאָר און דייטלאַך געזאָגט, אַז אַזוי ווי דאָס פריערדיקע געלט איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו די נאַראָדאָוואָלצעס, זאָל דערפאַר דאָס איצטיקע געלט געשיקט ווערן צו די סאָציאַל דעמאָקראַטן.

— אָבער דאָס האָט מען געדאַרפט וויסן, איידער מען האָט גע־מאַכט די אונטערנעמונג — האָט זיך ווידער ליזא אָנגערופן — מענטשן דאַרפן גיין מיט קלאָרע און זיכערע טריט. ניט פריער וועלן מיר מאַכן אַן אונטערנעמונג און נאָכדעם וועלן מיר שוין באַשטימען וואוהין צו עיקן...

— יאָ, ליזא איז גערעכט — האָט זיך פרענקל אַזוי ווי אומדער־וואַרט אונטערגעגעבן — יאָ, ליזא, דו ביסט גערעכט. און דער הער פרידמאַן, וואָס וויל דעם „הער פּראָפעסאָר" אַ טובה טאָן איז אויך גערעכט. נאָר הערט מיך אויס, חברים — האָט ער זיך מיטאַמאָל שאַרף אַ ווענד געטאָן צו אַלעמען — אָט דאָס געלט זאָל אַזוי אָדער אַנדערש גלייך אַרויסגעשיקט ווערן די וואָך, ווייל איך האָב פּשוט קיין חשק ניט, אַז אַזאַ געלט זאָל ליגן (ער האָט געוואָלט זאָגן „אין די הענט פון מענטשן, וואָס טראַכטן פון געשעפט". פאַרענדיקט אָבער האָט ער:) דאָ, נאָכדעם ווי איך פאָר אַוועק...

אַז ער פאָרט אַוועק האָט ער אייגנטלאַך באַשטימט ערשט נאָכ־דעם, ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט. אָבער אַרויסגערעדט, איז דאָס

שוין באַשטימט געוואָרן. בפרט נאָך, אַז עפּעס האָט שוין אַזוי לאַנג געוואָרגן און געטריבן ערגעץ אין דער וועלט אַריין...

דער עולם האָט מאָדנע אָנגעשטעלט די אויגן אָף אים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָרן?...

— איך דאַרף ערגעץ אַוועקפאָרן. איך וועל זיין צוריק אין אַ האַלב יאָר אַרום.

— אין אַ האַלב יאָר אַרום?!

— יאָ.

מען האָט זיך איבערגעקוקט. מען האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָס איז געווים פאַר קאָנספּיראַטיווער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אַלע דאָבן גענומען קוקן אָף אים און אָף דער מאַדאַם פיינמאַן, גלויבנדיק, אַז זי איז די איינציקע, וואָס מוז וויסן וואוהין אָט־דאָס פאָרן איז. ליזא האָט נערוועז פאַרויכערט אַ ניי סיגאַרעטל און גענומען קוקן אָף פאַניאַן מיט אָפּענער, בייזער אייפערזוכט.

און פאַניא, דערפילנדיק אָף זיך אַלעמעס בליקן, האָט ניט וויל־דיק אָנגענומען דאָס אויסזען, וואָס אַלע האָבן דערוואַרט. עס האָט אויסגעזען:

— איך וויים. ער מוז אַוועקפאָרן. ער, נאָך גאַבריעלן מיין שענס־טער געליבטער, מוז אַוועקפאָרן... — און זי האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו פרענקלען, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אָפן שטערן.

דאָס איז געווען ווי אַ סיגנאַל און ווי די לעצטע באַשטעטיקונג פון דעם אומפאַרמיידלעכן. דער עולם, די פרויען און די מענער האָבן זיך אַרומגענומען אַרום פרענקלען און אים גענומען קושן און ווינטשן דער־פאָלג אין זיין אונטערגענומענער רייזע. מען האָט גענומען אויסטרינקען צו ביסלאַך. ליזא האָט גענומען גאָר ווילד רויכערן איר סיגאַרעטל און כמעט אָן אַן אָפּהאַלט לאָזן מיט אימפּעט גיין דעם רויך פון איר מויל און פון אירע צערייצטע נאָזלעכער.

אינמיטן דערינען האָט זיך נאָך אַן עפּן געטאָן די דרויסנדיקע טיר און שליאַפּניקאָוו איז אַריינגעקומען אינאיינעם מיט דער ווייסינקער מיס פינק. דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט ליזאַס צערייצטקייט. אָט די קליינע מיס פינק, וואָס איז געווען ווייסער און אינגער פון איר, האָט

לעצטנס גענומען שטארק צוציען מינדלינס בליקן און מינדלינס מאדנע, פארויטלטע שמייכלען... און איר איצטיק ארייננקומען האט ליזאן אזוי ווי א ברי געטאן אין די אויגן. — ליזאן איז מיטאמאל קלאר געווארן, אז זי, בעסי פינק, איז דאס אין אלץ שולדיק... אין אלץ...

— און וואס וועט דא ווערן מיט די פלענער פאר דער צייטונג?

— האט געפרעגט בערנשטיין.

— יא, טאקע? — האט זיך אויך קאלמאנאוויטש אנגערופן.

— עס גייט צו זומער. קיין צו־שטארקע טעטיקייט טאר מען איצט ניט פירן, אויב מען וויל ניט אפגעשוואכט ווערן אומזיסט. צום ווינטער וועלן מיר זיך נעמען מיט נייע כוחות — האט פרענקל אף דעם געענטפערט.

— דעם פראבע־נומער אבער גיבן מיר דאך ארויס — האט זיך ביינמאן אנגערופן, און מיט א פארשעמטן שמייכל צוגעגעבן: — ווען ניט, וועט דאך, חלילה, פארשימלט ווערן מיין ארטיקל וועגן „מוזיק פון סאציאליסטישן שטאנדפונקט".

— הערסט א מעשה — האט זיך קאלאמאניטש אנגערופן מיט זיין שוין אביסל פארטרונקן קול — דער נומער איז דאך שוין אויסגעזעצט. איך האב אים אליין געזען אין דרוקעריי. אי, וואס פאר א קעפל: „דאס ליכט" מיט אזוינע גרויסע אותיות: „ד א ס ל י כ ט !"... עס ווערט אזש ליכטיק אין די אויגן! איך האב אליין געזען א שטיק פון מינדלינס ארטיקל וועגן היגיענע אין די שעפער. וויפיל לופט־צאלן ארבעטער דארפן האבן צו דער ארבעט. אז מיר וועלן זיך אריבערקלייבן אין אן אנדער שאפ, וועט מען טאקע דארפן זען דארט איינשטעלן מער ליכט און מער פענצטער, ניט ווי ביי די פארשיווע עקספלואטאטארס, די בלוטזויגערס.

מינדלין האט זיך אויך פארויטלט און געפרעגט:

— וואס, מיין ארטיקל איז שוין טאקע אויפגעזעצט?

— יא — האט פרענקל געענטפערט — דאס איז זייער א גוטער ארטיקל — און דערביי האט זיך אים שוין אויך געוואלט זאגן: „און אט ווי דו זעסט — א פראקטישער. ווארים, אט זעסטו דאך, אז ער לערנט באצייטנס אונזערע פאבריקאנטן, ווי אזוי צו טראכטן פון אן אנדער שאפ". ער האט זיך אבער צוריקגעהאלטן, ווארים אין קאפ און

אין הארץ האָט זיך געריַיצט אַט־די פּלוצלינדיקע ווייבערישע איבערגע־געבנקייט פון ליזאַן צו מינדלינען. עס טרייבט. עס שמייסט, ווי מיט א בייטש. — זי ליזא, די שטענדיקע איבערצייגטע סאָציאַל־דעמאָק־ראַטקע!... איך בין אפשר ניט שטענדיק פּאַרעקשנט־איבערציינגט. אָבער זי, אַט אזוי אָ... ווייל זי איז מיט מינדלינען, הייסט דאָס... — ער האָט זיך אומגעקוקט אַף איר, אַף אירע אונטערגעשאָרענע רויטע האָר, אירע בלויע אויגן, די קליינע פיגור, דאָס אָפּגעצערטע פּנים. זי איז זיך גע־זעסן און פּאַרעקשנט, ווי אַרויסרופנדיק, געררויבערט. קיין מאַן, צווישן אַט־דעם גאַנצן עולם, האָט ניט געקאָנט דערווייזן אזוי פיל צו רויבערן. ווי אַט די פּאַרעקשנטע, רויט־האָריקע און אויפגערעגטע פּרוי. פּרענקל האָט זיך נאָכדעם אויסגעדרייט צו מינדלינען און זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, דו וועסט דאַרפן אויסליַיגן די עטלאָכע דאָלאַר, וואָס מ'איז נאָך שולדיק דעם דרוקער. פון דעם פּאַרקויף און פון דער אונטערנעמונג, וואָס איר וועט דאָ קומענדיקע וואָך האָבן לכבוד דער דערשיינונג פון „דאָס ליכט", וועסטו צוריקקריגן דאָס אויסגעלייגטע.

— וואָס הייסט, דו וועסט אפילו ניט בלייבן ביז נאָך דער אונטער־נעמונג? — פרעגט מינדלין.

— ניין.

— ע, דאָס דערמאָנט מיר שוין אָן גאַבריעלן.

— יאָ, גאַבריעל איז געוועזן אַ מענטש פון האַנדלונג. מען מעג זיך פון אים לערנען — האָט פּרענקל אַף דעם געענטפערט.

דאָס האָט אים נאָך שטאַרקער אַ הויב געטאָן אין פּאַניאַס און אין אַלעמענס אויגן.

— און כ'מיין, בכלל, וואָס דאַרפסטו זיך זאָרגן? — האָט זיך אָנגערופן קאַלמאַנאָוויטש — טאָמער וואָלט מינדלין ניט אויסגעלייגט דאָס געלט, וועלן מיר דאָס אויסליַיגן.

— הייסט דאָס, אַז די געשעפטן ביי די צוויי גייען שוין ניט שלעכט — איז פּרענקלען איינגעפאַלן.

— ניט געזאָרגט, ברודער פרענקל — האָט זיך אויך שליאָפּניקאָוו אָנגערופן — ניט געזאָרגט. פּאָר געזונטערהייט. איך פאַרשטיי, אַז ד'אָס איז געווים אַ הייליקע שליחות. לאָמיר אַלע טרינקען לחיים! לחיים פּאַר דער רוסישער רעוואָלוציע! הוראַ! בראַוואָ!

אינמיטן דעם בראַוואָ־געשריי האָט זיך די טיר געעפנט און אַנ־טאָן ניקאַפאָראָוויטש איז אַריינגעקומען מיט אַניוטקאַן און ווי נאָר ער האָט זיי דערזען מיט די גלעזער אין די הענט, האָט ער גלייך אַ הויב געטאָן אַניוטקען אין דער לופטן:

— העי, ברידער, איך טרינק! דאָס איז מיין פולער בעכער. הוראַ, בראַוואָ!

קאַלמאַנאָוויטש איז גלייך צוגעלאָפן און דערלאַנגט זיין אָנגעפילטע גלאָז צו אַניוטקען:

— הוראַ, אַניוטקאַ! בראַוואָ, ניקאַפאָראָוויטש! פאַר דער רוסי־שער רעוואָלוציע, ברודער!

און אַזוי האָבן אַלע אויסגעטרונקען — צופרידענע, גליקלאַכע.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט אויסגעטיילט פאַרבייסן און ווען זי איז צוגעקומען צו בערנשטיינען, האָט ער דערביי געפונען אַ געלעגנ־הייט און אַ קוש געטאָן איר האַנט און נאָכהער זיך גאָר אַ הויב געטאָן מיט אויסגעשפרייטע הענט, זי אַרומגענומען און אויסגעשריען: — פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע! — און זיך מיט איר צעקושט.

דער עולם האָט גענומען ווערן פרייער, צעלאָזענער. בעלאַ בערנ־שטיין האָט אָבער געהאַט צופיל אַף איר האַרצן, האָט זי מיט אַמאָל ניט אויסגעהאַלטן, צונויפגעבראָכן און פלוצלינג זיך היסטעריש פאַנאַנ־דערגעשריען:

— ניין, מען דאַרף ניט האָבן קיין שאַפ! סאָציאַליסטן טאָרן ניט האָבן קיין שעפער! ניין! ניין! פרענקל טייערער, ראַטעווע! לאָז זיי ניט! פאַר ניט אַוועק פון אונז, האָב רחמנות! — און זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישן געוויין.

דער גרויסער, פעטער שליאַפניקאָוו האָט די לעצטע צייט חושד געווען יעדן פאַרזאָרגטן מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, אַז דאָס איז, מן הסתם, פון אַזאַ ביינקעניש אַהיים, ווייל ווען ניט, טאָ וואָס דען גייט אַ מענטש אַרום אַזוי פאַרזאָרגט? האָט ער זיך דאָ אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער היסטערישער בעלאַן:

— וואָס טוסטו, טייבעלע, וואָס טוסטו? מאַמעלע האַרציקע. הער אויף! ביינקסט מן הסתם אַחיים? נו, וואָס אייגענע, וואָס טייערינקע, הער אויף!

בערנשטיין און נאָך עטלאכע האָבן זיך אַרומגעשטעלט, זי געוואָלט איינגעמען, אָבער זי האָט ניט צוגעלאָזן, זיך געוואָרפן און געשריען:

— סאָציאַליסטן! עקספּלואַטאַטאָרס! שעפּער דאַרפט איר! קאַ-רעטן גלוסט זיך אייך?! איר ווילט לאָזן דעם אָרעמען אַרבעטער גיין צופוס און אַליין פאָרן אין קאַרעטן!

און גלייך נאָך איר האָט זיך אויך קאַלמאַנאָוויטשעס ווייב צע-שריען אַף אַ קול:

— וואָס ווילט איר פון איר? זי איז גערעכט! סאָציאַליסטן דאַרפן זיין סאָציאַליסטן! איר זענט מערדער! לאָזט איר צורו!

עס איז נאָכדעם מיט גרויסע שוועריקייטן אָנגעקומען איינצושטילן די ביידע פרויען און זיי אַרויספירן אין אַ צווייטן צימער. דערביי האָט קאַלמאַנאָוויטש געהאַלטן אין איין שרייען:

— האָסטו געזען אַן אומגליק. זיי האָבן אַלץ מורא טאָמער וועלן מיר אַמאָל קויפן אַ קאַרעטע. אַז מיר מיינען דאָס גאָר ניט. מיר שמועסן נאָר אַף פאַראַנדערפירן באַשטעלונגען. וואָס זיינען מיר בורזשויען, הלילה?

קאַפּיטל זיבעצן

ענערגישע, אומרואיקע און רײנע מענטשן דערפֿילן דאָס אָנקומען פֿון פֿרילינג כמעט אַזױ שאַרף, װי עס דערפֿילן דאָס חיות און פֿײגעלען, װאָס דאַרפֿן צוליב דעם בײַטן זײערע ערטער, און װערט זײער נער־װעזיטעט פֿאַרגרעסערט דורך אַ דערפֿאָלג אָדער דורך אַ נידערלאַגע, װערט נאָך געשפּאַנטער זײער געפֿיל.

מעגען זײ נאָך טראָגן אױף זיך די װאַרימע װינטער־קלײדער פֿאַר אַ באַשיצונג קעגן פֿראָסט און שנײ, זײערע אומרואיקע נאָזלעכער אָטעמען אָבער שױן אױפֿגערײצט אײַן אינאײנעם מיט דעם פֿראָסט דאָס זיכערע קומען פֿון דעם פֿרילינג.

עס װערט אַזאַ מענטשן ענג דאָס אָרט, װאו ער געפֿינט זיך, און קאָכיק די ערד אונטער די פֿיס. עס װאָלט זיך אים װעלן ערגעץ לױפֿן און אַנטלױפֿן — האָט דעריבער פֿרענקל, די לעצטע צײַט, סײ־װי־סײ געהאַט אַ געפֿיל צו אַנטלױפֿן ערגעץ.

פֿון מאָל־צו־מאָל אַ טראַכט געטאָן: אפֿשר גאָר אַװעק ערגעץ אױף אַ פֿאַרם פֿאַר אַ צײַט? און געטראַכט: אַמאָליקע יאָרן, װען אַ אידן האָט עפּעס שטאַרק דערעסן, װען אַלץ אַרום האָט זיך גענומען קלײנלאַך און אײן שטיקער צעברעקלען, פֿלעגט ער קאָנען אַװעק אין בית־המדרש אױף צו רײניקן זיך. אָבער הײַנט — דער איד האָט זײַן בית־מדרש; דער גױ — זײַן ערד; צװײ װעלטן — הימל און ערד. און מיר אידן פֿון הײַנט װײסן ניט מער פֿון בית־המדרש; מער זײַנען מענטשן — מיר זײַנען ערדישע מענטשן... די ערד־אַרבעט דאַרף אױך קאָנען אײַנשלינגען אונזערן אַ מענטשן, אים באַפֿרײַען, אים געבן רו...

אין פֿרענקלען האָבן אױפֿגעװאַכט ערד־רופֿערישע אידײען און גע־דאַנקען פֿון דער אַמאָליקער געװעזענער „ביבלישער ברודערשאַפֿט”. עס זײַנען צוגעקומען גרױסן פֿון דער װײַטער הײם פֿון רוסלאַנד, װעגן נײַע אידן, װאָס האָבן אונטערן נאָמען „עם־עולם” גענומען רופֿן די אידן

צו ערד־ארבעט, ווי טאקע צו ווערן אן אקער־בויער, זיך צונויפמישן פֿאר א צייט מיט די, וואָס ארבעטן צוליב ארבעטן, וואָס האָבן ליב זייער ארבעט, זייער ערד, זייערע פֿערד, זייערע שאָף, זייערע הינט און זייערע מיט־מענטשן, צונויפמישן זיך מיט די מענטשן, וואָס חלומען ניט פֿון באהערשן אנדערע. יעדער מענטש, וואָס קומט און איז גרייט צו אר־בעטן, איז זייערער א ברודער. מען גיט זיך ברידערלאך די הענט: ערד איז פֿאראן אסאך. נאָ, נעם דיר א „האָמסטעד" ניט ווייט פֿון אונז. ארבעט דערווייל מיט אונז א שטיקל צייט, ביז דו וועסט זיך דאָרט קאָנען איינאָרדנען. דערצו האָט נאָך פֿרענקל געהאַט גרוים מיטלייד מיט דעם גוטן און שווערן שליאפּניקאָוו. אָט דער אונבאהאָלפֿענער שליאפּ־ניקאָוו דרייט זיך דאָ ארום צווישן אַלעמען ווי א שטיק אומבאהאָלפֿענע, אומבאוועגלאכע רוסלאנד, עלנט ווי א שטיין. אינדערהיים האָט מען אים מן הסתם געווים גוט אויסגענוצט פֿאר דער רעוואָלוציע. דער בעס־טער באווייז איז די סיבה, איבער וועלכער מען האָט אים פֿארשיקט קיין סיביר. און אהערצו איז ער געקומען מיט אזעלכע ליכטיקע אידע־אַלן. געוואָלט דאָ באקעמפֿן די ציוויליזאציע. געמיינט באפֿרייען די מענטשהייט דורך אייגנהענטיקער ארבעט, איבערהויפּט דורך ערד־ארבעט. און וואָס פֿון אים איז דאָ געוואָרן? דער איינציקער וועג, ווי אזוי אים דאָ צוהעלפֿן וואָלט אפֿשר געווען פֿאר אים ערגעץ דאָ אויפֿשטעלן א פֿארם. און פֿרענקלס פּלוצלינגער באשלוס אוועקצופֿארן, האָט זיך ביי אים גלייך צונויפֿגעבונדן אויך מיט אָט־דער פֿארם־אידייע פֿאר דעם ארימען שליאפּניקאָוו...

. . . ס'טראָגט, עס רייסט אין דער וועלט אריין...! דער אָרימער שליאפּניקאָוו! אויפֿשטעלן א פֿארם... אים זי אוועקגעבן! זע, ברו־דער, די ערד, דו ביינקסט... די ערד איז א מוטער פֿון דער גאנצער וועלט. א מוטער. מיר קומען, מיר גייען, מיר קערן זיך אום צו ערד.

אזוינע פֿארביילויפֿנדיקע מחשבות האָט ער אפֿשר נאָך פֿריער גע־האַט. נאָך אָט־אָ־דאָ, אַף דעם אָוונט, ווען אינאיינעם מיט דעם גאנצן עולם, וואָס ער האָט דערפֿילט קעגן זיך, איז אויך אזוי אומדערוואַרט זיין ליזא ארוים קעגן אים, איז פֿאר אים אַלץ מיטאמאָל באשטימט און נעצייטיקט געוואָרן. ער פֿאָרט און וועט פֿאָרן.

פרענקל האט געזען און געהערט, אז אלע רעכענען, דאס ער פארט גאר ערגעץ פאר דער רוסישער רעוואלוציע. ער האט געפילט, אז עס איז פשוט ניט שיין פון אים צו לאזן זיי בלייבן אונטער אזא פאלשן איינדרוק. אבער פונדעסטוועגן האט זיך אים פארט דאס מויל ניט געעפנט זיי צו דערקלערן דעם טעות.

פארן אוועקפארן האט זיך פרענקל דערוואוסט, אז די געגאסן האבן זיך פארט צונויפגעלייגט און געמאכט א שותפות מיט פיינמאנען, אז ער, דער „הער פראפעסאר", זאל מיט דעם גיין צו דעם מר. פרידמאן און אים זאגן, אז דאס איז זיין געלט, וואס ער וואלט דורך אים וועלן „אינ־וועסטן אין ריעל עסטייט", טאקע אין אט־יענע בראנזווילער „לאטס".

אסאך פון די מיטגלידער פון די „אפגעריסענע בלעטער" זיינען טאקע דורך די בראנזווילער לאטס שנעל רייך געווארן און האבן זיך נאכדעם גיך גענומען איינארדענען, ווי עס פאסט פאר רייכע מענטשן. ליזא האט אינגיכן נאך פרענקלס אפפארן אויסגעפונען, אז ווי שטארק זי זאל זיך ניט וועלן אנהאלטן אן מינדלינען, וועט עס איר ניט העלפן. די מיס פינק האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א צו־שטארקע קאנקורענט־קע. דערצו האט זיך דעם דאקטאר מינדלין, איניינעם מיט זיין איינגע־ארדנטער באלעבאטישקייט, פארוואלט צו האבן א ווייב מער ווי א גע־ליבטע, און אים האט זיך גענומען דאכטן, אז אט־די יונגע, ווייסע און פריי־שפרינגענדיקע מיס פינק איז פאסנדיקער און טאקע זיכער אינגער פון ליזאן. ליזא איז סוף־כל־סוף פרענקלס ווייב און האט שוין מיט אים א קינד...

ליזא איז געבליבן אליין, האט גענומען גייז ארבעטן אין שאפ און אין די אווענטן זיך אומגעקערט צו איר מיידעלע, זינא, גענומען רויכערן מער ווי אלעמאל און בייזקען נאך פרענקלען.

קאַפּיטל אַכצן

אין אַ צייט אַרום איז פֿרענקל געקומען צו פֿאָרן מיט אַסאַך אומ־דערוואַרטע גרויע האָר אין קאָפּ. וואָו ער איז געווען האָט ער ניט גע־זאָגט, נאָר אַלע האָבן געזען, אַז עפּעס שרעקלאַכס איז מיט אים געשען. האָבן אינדערשטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז, דאַכט זיך, ניט ער. געקומען אַנאַנדערער. עפּעס אַזאַ שטילער און אַ ווייסער האָט גענומען אַרויסקוקן פֿון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן... זיי זיינען ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָס איז אַלץ געשען מיט אים ערגעץ דאָרטן אין רוסלאַנד. וואוהין ער איז דאָך מן הסתם געפֿאָרן מיט אַ געוויסער וויכטיקער שליחות פֿאַר דער רעוואָלוציע. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ דורכפֿאַל... און דאָס, וואָס ער האָט נאָך פֿאַר קיין פֿאַל ניט געלאָזט מען זאָל אים מאַכן אַ באַגריסונג־באַנקעט, האָט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט זייערע השערות וועגן — ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ דורכפֿאַל דאָרט איז פֿאָרגעקומען...

אָט־דער טעות זייערער איז אויף פֿרענקלען געלעגן ווי אַ שווערע משא, פֿון וועלכער ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפֿרייען. פֿאַרוואָס ער קומט ניט אַרויס און זאָגט זיי ניט דעם אמת, האָט ער אַליין ניט גע־וואוסט. נאָר אָט — עס האָט זיך ניט געזאָגט... און וואָס לייכטער עס האָט זיך פֿאַרצויגן, אַלץ שווערער איז געוואָרן צו זאָגן און אַלץ דריקנ־דיקער האָט זיך דאָס געלייגט אויפֿן האַרצן. אַ זאַך אַ שווערע, פֿון וועלכער די וואָלסט זיך, דאַכט זיך, געקאָנט באַפֿרייען און טוסט דאָס ניט. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, כּדי עס זאָל דריקן אַלץ פּיינלאַכער און שווערער.

פֿרענקל האָט זיך צוריקגענומען צו זיינע אַרבעטן, האָט, דאַכט זיך, געאַרבעט מיט ליב און לעבן, נאָר עפּעס פֿאָרט ווי אַן אַנדערער — גאָט האָט אַ גרויסע וועלט אויף דער וועלט צעשפּרייט, נאָר מיר זיינען אַלע זינדיקע מענטשן...

עפּעס איז דאָרט מיט אים פֿאָרגעקומען אין זיין צוזאַמענטרעפֿן זיך מיט דער פֿרעמדער, ערדישער, גוייִשער וועלט... מיר אידן פֿון היינט זיינען גויים.

— זיינען מיר גויים?
— וואָס דען זיינען מיר?...
— מענטשן...
— וואָס זיינען מענטשן?...
— פעלקער? ראַסן? גלויבונגען?...

איינמאָל אינאָוונט, גייענדיק אַזוי אַף זיין לויפנדיקן שטייגער אַף אַ לעקציע אין אַ פּרייהייט־קלוב ערגעץ אַף אַן איסט־סיידער גאַס. האָט אים מיטאַמאָל אַזוי פּלוצלונג אַ ליכט אַ פאַל געטאָן פאַר די פּיס... ער קוקט זיך אום — ער שטייט פאַר די צעעפנטע טירן פון אַ גרויסן בית־המדרש. דאָס גאָלד פון די באַצירטע ווענט איניינעם מיט דעם ליכט פון די אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך אַזוי הימלאַך און גאָלדיק אַרויסגעשפּיגלט אין גאַס אַרויס, אַז ער איז געבליבן שטיין אַ באַרגאַפטער:

— ווען האָבן עס שוין די אידן צייט געהאַט פאַר זיך דאָ אין לאַנד אויפצושטעלן אַזוינע רייכע בתי־מדרשים?!

ער איז אַריין אינעווייניק. אַ יונגער רב איז געזעסן באַ אַ טיש און געלערנט אַ בלאַט גמרא פאַר אַן עדה אידן, וואָס זיינען געזעסן אַרום אים און זיך צוגעהערט.

— אַ סוכה — האָט ער מיט זיי געלערנט — דאַרף געבויט ווערן...

און פרענקל האָט פון דעם פאַרשטאַנען, אַז איצט איז מן הסתם סוכות, אָדער ערב סוכות.

— און מען דאַרף אין דער סוכה זיך אויפהאַלטן — האָט דעו' רב ווייטער געלערנט — ווי אין אַ הויז. הייסט דאָך דאָס, אַז מען דאַרף אין איר ניט נאָר קידוש מאַכן און עסן, נאָר אויך שלאָפן. טאָמער איז אָבער אין דער סוכה קאַלט, אָדער עס רעגנט, מעג מען פונדעסטוועגן שלאָפן אין הויז. וואָרים טאַקע דערפאַר, וואָס אין אַ סוכה דאַרף מען זיך אויפהאַלטן ווי אין אַ הויז, איז פון דעם ממילא געדרונגען, אַז מען מעג, ווען עס איז קאַלט, גיין שלאָפן אין אַנאַנדער חדר. וואָרים לאָמיר זען — ווי איז זיך אַ מענטש נוהג, אַז אויב איינער פון די חדרים אין הויז איז קאַלט אָדער עס רינט חלילה אַריין פון דער סטעליע, קלייבט ער זיך איבער אין אַנאַנדער חדר פון זיין הויז. איז דאָך דערפון טאַקע געדרונגען, אַז וויבאַלד אין דער סוכה דאַרף ער זיך נוהג זיין ווי אין

איינגן הויז, מעג ער דאָס אייגענע טאָן אויך מיט דער סוכה. הייגט דאַרפֿן מיר דאָך געדיינקען, אַז עס שטייט בפירוש געשריבן אין דער תורה „ושמחת בחגך", אַז פֿרייען זאָלסטו זיך פֿרייען מיט דיין יום־טוב, און אויב מען מוז זיצן אין סוכה בשעת עס רעגנט, צי בשעת עס איז שטאַרק קאַלט קען מען דאָך נאָך חלילה געבראַכט ווערן לידי צער, און דאָס וואָלט דאָך שוין גאָר געהייסן, אַז מען איז עובר אַף דעם געבאָט „ושמחת", וואָס איז מדאורייתא. זיינען דערפֿאַר טאַקע געקומען אונזערע רבנן און געזאָגט: „המצטער פּטור מן הסוכה". אמת, עס איז אפילו געווען אַ תנא, וואָס פֿלעגט זיך אויפֿהאַלטן אין סוכה די גאַנצע צייט פֿון סוכות, אפילו אין דעם גרעסטן רעגן און דער שטאַרקסטער קעלט, אָבער דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט דערקלערט, אַז וואָס גרעסער עס איז די שטרויכלונג, דער נסיון, אַלץ גרעסער איז די פֿרייד מיט דעם, וואָס ער היט פּאָרט אָפּ דעם יום־טוב סוכות מיט אַלע פּרטים ודקדוקים. דאָס אָבער איז אַ מדרגה, וואָס לאו כל אדם זוכה...

פֿרענקל איז נאָכדעם אַרויס פֿון דעם בית־מדרש ווי פֿון אַ פֿרעמ־דער וועלט, אַ פּאַרצייטיקער, אַן אוראַלטער, אָבער עפּעס האָט זיך פֿון דעם פּאָרט געפּרואווט אויפֿכאַפּן ביי אים אין האַרצן. די געדאַנקען האָבן אַ שפּיל געטאָן:

— אַ וועלט... אַ וועלט... אידן, בית־מדרש, ערד, גויים... אידן... נאָר אָט:

— וואָס פֿאַר אַ וועלט? וואָס פֿאַר מענטשן? וואָס פֿאַר אַ סוכה? עס איז דאָך אינערגעץ קיין סוכה ניט צו זען. גאַסן מיט האַוועג־דיקע מענטשן. מויערן ווי גלייבע, שווערע ווענט, געהאַקט אין גרויסע פּירעקן, אָנגעפּילט מיט עלנט, מיט נויט, מיט מענטשן, מיט וואַנצן — און דאָך קריכן זיי אַרויס ווי מייז פֿון אָט־די גאַסן און ווענט, קומען אַהער, זעצן זיך דאָ אויס אָט־אַזוי גאָר אינמיטן דערינען, אינמיטן פֿון זייער עלנט און מען לערנט די דינים פֿון סוכה. ווער דאַרף דאָס? ווי אַזוי קאָנען דאָס מענטשן אַזוי אַרויסוואַרפֿן ענערגיע פֿאַר גאָרניט. ווילדע פֿאַנאַטיקער, בלינדע באַרבאַרן פֿון וויסטן מיטלאַלטער. און זייערע קינדער וועלן שוין פֿון דעם ניט הערן און ניט וויסן, צי אפשר...

און ווייטער האָט ער שוין ניט געקאָנט נאָכפֿאָלגן.

און ווען ער איז נאָכדעם אַ פּאַרשפּעטיקטער געקומען צו דער לעק־

ציע האָט ער אָפּלאַכנדיק דערציילט וועגן דעם און דערביי אָבער פּאָרט געפּילט אַ ניט־באַפרידיקטן טיפן ווייטיק אין האַרצן.

אַ צווייטן מאָל, ווען עס האָט זיך אים ווידער געמאַכט די געלעגנ־הייט פּאַרבייצוגיין פאַר אַ באַלויכטענער שול, איז ער פונדעסטוועגן אַהין ווידער אַריין ווי אַן אַריינגעצויגענער.

עס איז געווען נאָך־וואָס נאָך מעריב. דאָס איז געווען אַ געוועזענע גרויסע קירך, וואָס די אידן האָבן אָפּגעקויפט און זי געהייליקט פאַר אַ בית־מדרש. צו מזרח און צו מערב זיינען זיך געזעסן צוויי באַזונדערע כתות אידן, גרויע אידישע קעפּ, גרויע און שוואַרצע אידישע בערד איבער באַלויכטענע גרויסע צעעפנטע גמרות — לערנען אַרום, זינגענדיק דער־ביי זייער שוין, ראַכט זיך, פאַרשטומטע אוראַלטע היימלאַבקייט: זינגען גמדאַדיק, זשומען ווי בינען איבער זייערע האָניק־שטיבלאַך:

— אמר אביי, אמר רב פּפּא... — אין איין זייט, און אין דער אַנ־דערער זייט: בית שמאי אומרים, די בית שמאי זאָגן אַזוי... נאָר די הלכה בלייבט ווי די בית הלל זאָגן...

און אינמיטן, אַרום בעלעמער, זיצט אַנאַנדער עדה פּראָסטערע אידן און הערן זיך צו צום רב, וואָס זיצט ביים טיש און לערנט מיט זיי אַ שיעור עין־יעקב.

דער רב, אַן עלטערער מענטש, אַ קלוגער, זעט צו דערקלערן די אידן אַלץ מיטן דרך־הטבע:

— תנן התם — — און אונזערע חכמים זיינען געזעסן און זיך מפלפּל געווען וועגן דעם ענין. און רב אליעזר דער זון פון הורקנס האָט מטהר געווען און די חכמים האָבן מטמא געווען. און רבי אליעזר האָט אין דעם טאָג אָנגעגעבן אַלע טעמים אין דער וועלט, אָבער די חכמים האָבן זיינע טעמים ניט אָנגענומען, און זיי האָבן אים אַרומגענומען מיט זייערע ווערטער ווי מיט דעם פייער פון אַ קאַלך־אויוון און האָבן אַרומגעוויקלט אַרום אים זייערע רייד ווי וויקלענדיקע שלאַנגען. האָט רבי אליעזר אויפ־געהויבן זיינע אויגן און האָט דורך די פענצטער פון בית־המדרש דאָרט דערזען אַ דאָרן באָקסער־בוים, וואָס איז געשטאַנען אַפן פעלד, האָט ער זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— אויב די הלכה איז ווי איך זאָג, טאָ זאָל דער דאָרער באָקסער־בוים קומען און דערווייזן.

האָט דער דאָרער באַקסער־בוים אויפגעבליט, האָט זיך אויסגעריסן פון זיין אָרט און געגומען גיין אויף הונדערט איילן, און אַנדערע זאָגן, אויף פיר הונדערט איילן. די חכמים אָבער האָבן אויף דעם צו רבי אליעזרן געזאָגט:

— מיר נעמען ניט קיין ראיות פון קיין בוימער.

האָט רבי אליעזר דערזען דעם טייך, וואָס איז געלאָפן ניט ווייט פון דעם בית־המדרש, האָט ער געטראַכט און געזאָגט:

— אויב די הלכה איז ווי איך זאָג, טאָ זאָל אָט־דאָס וואַסער אויף דעם עדות זאָגן דורך אַ צייכן.

האָט דער טייך זיך אויפגעהויבן ווי אַ מויער און האָט צוליב רבי אליעזרן אומגעקערט זיין שטראָם און גענומען טראָגן זיינע וואַסערן אויף צוריקוועגס. אָבער די חכמים האָבן אים אויף דעם געענטפערט:

—מיר נעמען ניט קיין ראיה פון קיין טייכן.

האָט רבי אליעזר ווייטער געטראַכט און געזאָגט:

— אויב די הלכה איז ווי איך זאָג, טאָ זאָלן די בית־המדרש־ווענט אויף דעם קומען און עדות זאָגן.

האָבן זיך די ווענט פון בית־המדרש גענומען בויגן אויף איינצופאַלן. האָט רבי יהושע אויף זיי אָנגעשריען:

— תלמידי־חכמים שפּאַרן זיך אין הלכה, טאָ וואָס האָבן זיך דאָ ווענט צו מישן!

זיינען די איינגעבויגענע בית־המדרש־ווענט געבליבן שטיין און זיי־נען ניט איינגעפאַלן פונוועגן דעם כבוד פון רבי יהושע און זיי האָבן זיך ניט אויסגעגלייכט פונוועגן דעם כבוד פון רבי אליעזר און אזוי זיינען די ווענט געבליבן שטיין ביז אויף היינטיקן טאָג איינגעבויגענע, ניט אויס־געגלייכטע און ניט איינגעפאַלענע.

האָט רבי אליעזר זיך דאָ אָנגערופן און געזאָגט:

— אויב די הלכה איז ווי איך זאָג, טאָ זאָל מען אויף דעם פון דעם הימל עדות זאָגן.

איז גלייך דערויף אַרויס אַ בת־קול פון הימל און געזאָגט:

— וואָס ווילט איר פון רבי אליעזר, וואָס זיין דין איז דער דין אויף יעדן אָרט אין דער תורה?!

איז רבי יהושע אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און געזאָגט:

— ניט אין הימל איז די תורה!...

און רבי ירמיה האָט נאָך אױף דעם צוגעגעבן:

— שױן לאַנג, אַז די תורה איז אַראָפּגענומען געװאָרן פֿון באַרג סיני; זי איז געגעבן געװאָרן צו דער ערד און מיר דאָ האָבן אױף איר צו זאָגן. מיר נױגן ניט אונזערע אױערן צו קײן בת־קול און אױף דעם באַרג סיני נאָך איז שױן אין דער תורה אָנגעשריבן געװאָרן: „אחרי רבים להטות" — נאָך דער מערהײט זיך נױגן.

— — — — — — — — — — — — —

רבי נתן האָט נאָכדעם נאָכגעפֿאָרשט אליהו הנביא און בײ אים געפֿרעגט:

— װאָס טוט גאָט אין אַזאַ טאָג?

האָט אליהו צו אים געזאָגט:

— ער איז צופֿרידן — ער זאָגט: — איך בין הײַנט באַזיגט פֿון מײַנע קינדער, איך בין באַזיגט!

— — — — — — — — — — — — —

קאַפּיטל נײַנצן

דורות ראַנגלען זיך אפילו, ווען זיי באַגעגענען זיך אַף פּונקטן, וואו זיי קומען זיך צונויף.

אפשר איז דאָס געווען די סיבה. פאַרוואָס פרענקל האָט אין רגע־מינוט ניט געקאָנט דערהערן דעם גרויסן דעמאָקראַטישן פּרינציפּ און די רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציע, וואָס זײַנען איצט איבערגעגעבן געוואָרן צו אידן אין בית־המדרש דורך דעם מויל פון דעם אַלטן רב.

פרענקל איז געשטאַנען ווי אַ געליימטער. געקוקט און געהערט. עפּעס אין אים האָט זיך געריסן, וואָס וואָלט אפשר געמאַכט אַן ענדע־רונג אין זײַן גאַנצן לעבן, אין זײַן גאַנצער באַציאונג צו זאַכן. עס האָט זיך געריסן און ניט אַרויסגעריסן. אפשר דערפאַר, וואָס ער, וואָס האָט אַליין, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר געוואוסט, אַז זאַכן מוזן האָבן אַ נאָמען, האָט גראָד איצט, פאַר זײַנע אייגענע שווערע רגעס, ניט געטראַכט פון קיין נאָמען. אפשר דערפאַר, וואָס מענטשן קאָנען איבער־הויפּט ניט טראַכטן פון זאַכן איידער די צײַט ווערט רײַף פאַר די זאַכן, אפילו ווען זיי טראָגן שוין די דיזאָזיקע זאַכן אין זיך.

די מיסטעריע פון קאַמף האָט אירע אייגענע קלאָרע וועגן, ווי אַזוי צו פאַרהיטן, אַז פאַר דער צײַט, וואָס איז נויטיק, זאָלן אירע מענטשן און אַמאָל גאַנצע דורות ניט זען און ניט פאַרשטיין געוויסע זאַכן.

אַ מענטש, און אַמאָל אַ דור אַ גאַנצער, ווערט פון אַזוינע אָננאָמענ־דיקע, שטומע רגעס אַפּט אויפגערייצט צו גאַנץ פאַרקערטע האַנד־לונגען. האָט דעריבער פרענקל, זייענדיק אין בית־המדרש, זיך בלויז גע־כאַפּט, אַז דאָ זיצט אַ מענטש און רעדט צו דערוואַקסענע מענטשן פון ניט־געשטויגענע־און־ניט־געפלויגענע זאַכן, פילט זיי אָן מיט פינצטערניש. מיט שימל.

דער רב האָט דערזען און אַ פּאָר מאָל אַ קוק געטאָן אַף פרענקלען. געזען, אַז אַ נערוועזער מענטש איז אַרײַנגעקומען און זעצט זיך ניט

אַוועק, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ איד, וואָס האָט קיין צייט ניט, נאָר איז פֿאַרבייגעלאָפֿן אַ בית־המדרש האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט כאַפּן אַ אידיש וואָרט. און דער רב איז זיך ווייטער גאַנץ געמיטלאַך אַנגעגאַנגען מיט זיין לערנען. דער רב אַליין איז אָבער אויך געווען אַ מין פֿרענקל פֿון ז יי ן דור. ער האָט אין דער אמתן, ווייזט אויס, ליב געהאַט די מעשה פּשוט צוליב דעם, וואָס דאָס איז אַ שיינע מעשה, נאָר זיך אַזוי ווי געשעמט פֿאַר דעם, און ווי אַ קלוגער מענטש גענומען מבאר זיין דעם ענין צו זיינע צוהערער, דערקלערן זיי, אַז דאָס איז אַלץ נאָר געזאָגט געוואָרן בדרך משל און אַזוי ווי מען זאָגט. למשל: „האָט ער געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן“, — מיינט דאָך דאָס ניט, אַז יענער האָט טאַקע געכאַפּט און אַרויפֿגעלייגט די פּיס אַף די פּלייצעס. וואָרים ערשטנס, קאָן דאָך גאָר קיין לעבעדיקער מענטש ניט אַרויפֿלייגן זיינע פּיס אַף די פּלייצעס, און צווייטנס, אויב אַ מענטש וואָלט שוין יע אַרויפֿגעלייגט זיינע פּיס אַף די פּלייצעס, טאָ ווי אַזוי וואָלט ער געלאָפֿן? און עס איז דאָך גלאַט מחוץ לדרך הטבע, אַז אַ מענטש זאָל אַ כאַפּ טאָן זיינע פּיס פֿון דעם קערפּער און זיי אַרויפֿלייגן אַף זיינע פּלייצעס. פֿונדעסטוועגן זאָגן מיר דאָס און שטעלן זיך גאָרניט אָפּ פֿאַר דעם. איז דערפֿאַר פֿאַרשטענדלאַך, אַז ווען עס שטייט געשריבן: „אָט דער דאַרער בוים... אַז אָט די ווענט“, איז דאָס אויך נאָר בדרך משל.

די צוהערער נעמט פֿון דער דערקלערונג ווערן טונקעלער אין די אויגן, זיי ווילט זיך, ווייזט אויס, ניט פֿאַרלירן דאָס פֿאַרגעניגן, אַז דער דאַרער באָקסער־בוים האָט טאַקע אין דער אמתן אויפֿגעבליט און גענומען גיין אַף הונדערטער איילן, אַז די ווענט זיינען טאַקע באמת גרייט געווען צו קומען אַלס עדות, און דער טייך איז אויפֿגעשפּרונגען אינעדרלופֿטן ווי אַ באַרג.

דער קלוגער רב אָבער זעט דאָס ניט און רעדט אַלץ ווייטער. דער עולם הערט פֿונדעסטוועגן צו די דערקלערונגען צוליב די דערקלערונגען אַליין און וואַרט ביז דער רב וועט ווידער נעמען רעדן פֿון דער גמרא אַרויס.

דער רב אָבער רעדט ווייטער און „דערקלערט“, אַז די מעשה מיטן בוים, למשל, איז דאָס בלויז אַ משל אַזאַ, וואָרים רבי אליעזר איז גע־

װען אַ גרױסער געבילדעטער מענטש (פֿאַר דעם װאָרט „געבילדעטער" איז שװין, װײַזט אױס, געװען שולדיק פֿרענקלס זײַן אין שול. דער רב האָט אים חושד געװען אין בילדונג און האָט זיך געװאָלט פֿאַר אים אױס־פֿײַנען) און רבי אליעזר, װאָס איז געװען בקי אין אַלע װעגן פֿון דער תורה איז געגליכן צו אַ בױם, װאָרים עס שטײט געשריבן „װי דער בױם פֿון לעבן איז די תורה", און בילדונג איז געגליכן צו בלעטער פֿון אַ בױם, װאָרים די בלעטער פֿאַרשפּרײטן דאָס דעם ריח פֿון בױם און דערצײלן פֿון זײַן שײנקײט. איז דעריבער, װען ער האָט זײ געזאָגט: „זאָל אָט־דער דאַרער בױם", האָט ער גאָר געמײנט צו זאָגן צו זײַנע קעגנער:

— בײ אײך איז די תורה אַ דאַרער בױם. איך אָבער האָב בילדונג, זאָג איך, אַז איך קאָן מאַכן דעם בױם אױפֿבליִען. און װען זײ האָבן אים געזאָגט, אַז זײ נעמען ניט קײן ראיות פֿון קײן בױמער, מײנט דאָס חלילה ניט, אַז װען גאָט האָט פֿאַר זײ געמאַכט אַ נס און אַ דאַרער בױם האָט פֿאַר זײערע אױגן אױפֿגעבליט, האָבן זײ זיך נאָך אַלץ געעקשנט, נאָר עס מײנט, אַז זײ האָבן אים געענטפֿערט אױף זײַן משל מיט אַ נמשל. זײ האָבן געזאָגט: „דו זאָגסט, אַז דו ביסט אַ געבילדעטער, אַז דו ביסט די בלע־טער פֿון בױם, זײ זשע װיסן, אַז אפֿרים איז אױך געװען פֿון די געביל־דעטע, איז אױך געװען די בלעטער פֿון בױם, פֿונדעסטװעגן שטײט גע־שריבן „הכה אפרים שרשיו יבש" — אפֿרים איז געשלאָגן געװאָרן, װײל זײַנע װאָרצלען זײַנען פֿאַרטריקנט געװאָרן, און אַז װאָרצלען װערן פֿאַר־טריקנט פֿאַלן אָפּ די בלעטער" — האָט זיך דער רב צעזונגען — און װאָס זײַנען אָפּגעריסענע בלעטער?... זײ קאָנען קײן בױם ניט באַלעבן.

פֿרענקל האָט דאָ דערזען און פֿאַר זיך „קלאָר" פֿאַרשטאַנען, אַז דער רב װײסט װער ער, פֿרענקל, איז, אַז ער איז דאָס דער רעדאַקטאָר פֿון „דאָס ליכט", װאָס װערט אַרױסגעגעבן פֿון די „אָפּגעריסענע בלעטער". און אַז אָט־דער „ביטערער אידל" האָט דאָס אומיסטנע אַזױ קלוג פֿאַר־צױגן און זיך דערפֿאַר אַזױ הױך פֿאַנאַנדערגעזונגען אינמיטן דערינען אָפּצולאָכעם, כדי צו שטעכן...

— אידיאָט! — האָט ער אונטער די צײן אַרױסגעקריצט, אָבער אַזױ, אַז דער רב האָט פֿונדעסטװעגן אױפֿגעהױבן די אױגן און זיך מיט אים באַגעגנט... אים אָנגעקוקט אַ װײַלע און מיט שרעק דערזען פֿרענקלס שװאַרצע ברענענדיקע אױגן... דער מאַן איז משוגע — איז דעם רב

איינגעפאַלן. און דער קלוגער רב האָט מיט שרעק זיך אונטערגעבראָכן אינמיטן פון זיין דרשה, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער גמרא און גענו־מען לערנען פונאינעווייניג אַרויס:

— האָט מען נאָכדעם צונויפגענומען אַלע טהרות, וואָס רבי אליעזר האָט מטהר געווען זיין גאַנצן לעבן, און מען האָט זיי פאַרברענט אין פייער — — —

האָט מען נאָכדעם געזאָגט:

— ווער וועט גיין און וועט דאָס איצט אָנזאָגן צו רבי אליעזר?

האָט רבי עקיבא געזאָגט:

— איך וועל גיין, וואָרים טאָמער גייט אים דאָס אָנזאָגן אַ מענטש, וואָס איז ניט פּאַסיק, קאָן דאָך דורך דעם חלילה די וועלט חרוב ווערן.

וואָס האָט רבי עקיבא געטאָן? ער איז געגאַנגען און האָט זיך אָנ־געטאָן אין שוואַרצע קליידער און זיך איינגעהילט אין שוואַרצן און איז אַוועק און זיך אַוועקגעזעצט פיר איילן פון רבי אליעזרן.

האָט צו אים רבי אליעזר געזאָגט:

— מיט וואָס איז געאַנדערשט געוואָרן דער היינטיקער טאָג? און פאַרוואָס האָסטו זיך געזעצט אַזוי ווייט פון מיר?

האָט אים רבי עקיבא געענטפערט און געזאָגט:

— דיינע חברים דערווייטערן זיך פון דיר, רבי.

האָט רבי אליעזר אַף זיך צעריסן די קליידער און אויסגעטאָן זיינע שיך און זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין שטול צו דער ערד און טרערן האָבן גענומען טריפן פון זיינע אויגן.

און אין יענעם טאָג האָט רבי אליעזר, דער זון פון הורקנס, געשלאָגן די וועלט מיט אַ קללה, און עס איז פון דער וועלט אַוועקגענומען געוואָרן אַ דריטל פון אירע איילבערטן, און אַ דריטל פון איר ווייץ, און אַ דריטל פון אירע גערשטן, און אפילו פון דעם טייג, וואָס איז שוין געווען אין די הענט פון קנעטער, איז געמינערט געוואָרן אַ טייל.

און רבי אליעזרס קראַפט איז געווען אַזוי גרויס אין דעם טאָג, אַז אַלץ, אַף וואָס ער האָט נאָר אָנגעשטעלט זיינע בליקן, האָט זיך אָנגע־צונדן און איז פאַרברענט געוואָרן אין פייער.

רבי אליעזרס ברענענדיקע בליקן האָבן דאָ אַזוי ווי געצוואונגען דעם רב אויפצוהויבן דעם קאָפּ כדי זיך נאָכאַמאָל טרעפן מיט פרענקלס

צערייצטע אויגן. אָבער פרענקל איז שוין אין בית־המדרש ניט געווען. דער רב האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעקוקט כדי צו מאַכן זיכער, אַז פרענקל איז שוין טאַקע אין בית־המדרש ניטאָ, און האָט נאָכדעם פרייער אָפּגע־אָטעמט.

ווען פרענקל איז אַרויס פון בית המדרש האָט ער ווידער געהאַט אַט־די אומבאַשטימטע אויפרעגונג פון:

— אַט וויל, דאַכט זיך, עפּעס פון דעם געבוירן ווערן פאַר אים.

— אַט...

— און אַט ווערט דאָס צערונען.

— עפּעס זאָגט דאָס.

— וואָס ?...

— עפּעס לייקנט דאָס אָפּ.

— עפּעס ברענגט דאָס מיט שרעק צוטראָגן...

דאָס רעוואָלוציאָנערע בלוט קאָכט־אויף:

— צוליב וואָס איז ער גאָר אינגאַנצן אַהער געקומען ?

דער וויטיק, דאָס ניט באַפרידיקטע לעבן, וואָס האָט זיך אַ שווער פאַרוואונדעטס צוריקגעקערט פון דער פרעמדער ערדישער וועלט, האָט זיך גענומען שפּרייטן פאַר די בית־המדרש־שוועלן און האָט ניט געקאָנט אַריין. דער מענטש, דער טרעגער פון דעם אומרואיקן בענקען, האָט זיך דערשראָקן. דער רעוואָלוציאָנער האָט אים געכאַפּט ביי פאַררעט, און כדי זיך ריינצוואַשן פון דער נייער זינד אין זיך האָט פרענקל גענומען טראַכטן:

— איך בין אַ שוואַכער, אַ זינדיקער מענטש. וואוהין טראָגן מיך מיינע פיס ? דאָס איז דאָך די שרעקלאָכסטע פינצטערניש, קעגן וועלכער מען דאַרף זיך אַוועקשטעלן מיט דער גאַנצער מאַכט. אַט אַהערצו דאַרף מען דאָך דאָס ברענגען דעם פאַקל פון דער רעוואָלוציע.

— וואָס האַלט נאָך אַט־דעם דור אויף ביים לעבן ?

— וואָס ?

— דאָס איז אַ שווערע, שוואַרצע מאַסע, וואָס נעמט זיך פאַר־שפּרייטן דאָ אין לאַנד אַניינעם מיט אונזערע רעוואָלוציאָנערע אידייען.

דאס איז אונזער שרעקלאכער „דאבל גענגער". מען דארף שטארק אנגורטן די לענדן קעגן אט־דער שווארצער מאכט.

— קוקט נאר אן, ווי זיי נעמען זיך דאס דא איינגעסטן, די „באשע באזשוקעס"!

— סארא בתי־מדרשים!

— א פינצטערניש אין דעם ליכט פון עלעקטרישע לאמפן...

— א בבל א צווייטער.

— מען דארף פשוט דאנקען דעם צופאל, וואס האט אים אהער גע־בראכט; מען דארף דאנקען די פיס, וואס האבן אים געטראגן. יא, איצט ווייסט ער שוין „צוליב וואס?"

פרענקל האט אף זיין אייגענעם אופן געגלויבט, אז די מיסטעריע פון קאמף האט אירע אייגענע געפלאנטע וועגן, איז ביי אים דערפאר גע־בליבן: א, אט־איצט ווייסט ער שוין אף זיכער צוליב וואס עס האט אים אהער געטראגן.

עפעס האט פרענקל געפילט, אז ניט צוליב דעם האט עס אים גע־צויגן אין בית־המדרש. עפעס אנדערש, דאכט זיך, נאר ארויסנעקומען איז פון דעם א גיפטיקע לעקציע פאר א פרייהייט־קלוב, אז... מיר ווייסן נאר אליין ניט ווי גרויס און שטארק עס פונדעוועט זיך דא איין די אידישע רעאקציע. מיר האבן געמיינט, אז נאר אין רוסלאנד זיינען דא שווארצע מחנות. מיר האבן דאך דא אונזערע אייגענע שווארצע מחנות, און מיר דארפן ארויסגיין קעמפן קעגן זיי באצייטנס...

און דער רעזולטאט איז געווען, אז עס האבן זיך גענומען געפינען אידישע יונגעלייט, וואס האבן זיך גענומען ארומדרייען ארום די בתי־מדרשים אום שבת מיט אנגעצונדענע סיגארעטן אין מויל און אפט אויך אזוינע, וואס האבן זיך געוואלט ארייננרייסן אין בית־המדרש מיטן פרישן רויך. עס האט געהייסן: מען דארף זיי ארויסרויכערן!... דאס האט גע־בראכט צו אפטע געשלעגן. די געשלעגן אבער האבן געדינט ווי א באווייז, ווי נויטיק און וויכטיק אט־דער קאמף איז. און אין „דאס ליכט" פלעגט פון־צייט־צו־צייט דערשיינען א נאטיץ, ווי אזוי די אידישע בארבארן, די שווארצע מיטלאלטערניקעס האבן געמאכט א פאגראם אף איינעם, וואס האט זיי געוואלט אויסרויכערן. יענער האט זיך ממש מקריב געווען פון זייער אייגענער טובה וועגן ווי א העלד. אבער די שווארצע באשעבו־

זוכן זיינען בלינד און זיינען נאָר פּייאיק אַף פּאַגראַמען. אַף פּסח איז דאָס אייגענע געשען מיט חמץ. אַף יום־כּיפּור — מיט יום־כּיפּור־פּיקניקס, מיט כּאַרשן און פּאַראַדן, מיט וואָורשט און קוכנס אין די הענט פאַרביי די שולן. דאָס פּלעגט ברייננגען צו נאָך גרעסערע געשלעגן און גרעסערע גאָטיצן אין „דאָס ליכט". אין איינעם אַזאַ געשלעג איז פרענקל אַליין שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן, אָבער ווען ער איז נאָכדעם געקומען אַהיים האָבן ניט די קלעפּ ווי געטאָן, נאָר עפּעס אַנדערש... עפּעס אַנדערש האָט אין אים געברענט און גערייצט און געוואָלט אַנגערופן ווערן ביי אַ נאָמען, נאָר שטום איז דאָס געווען און האָט קיין נאָמען ניט געהאַט. האָט זיך דאָס בלויז געענדיקט מיט אַ פייערדיקן אַרטיקל קעגן די כּיטלאַלטערניקעס און מיט אַ גליענדיקן אויפרוף צום קאַמף... צום קאַמף... גאָר דאָס הארץ, דאָס נאַרישע הארץ, האָט דאָך אַ טבע צו האָבן אַן אייגענע מאָס פאַר זאַכן. פּלעגט זיך אין דעם הארצן עפּעס פאַרט פון־מאָל־צו־מאָל אַזוי זעלבסטשטענדיק און ווייטיקדיק אָנצינדן, דאַכט זיך גלאַט אַזוי, אינמיטן פון אַן עפּעס און ביי גאַרניט:

— גאָט האָט אַף דער וועלט אַ גרויסע וועלט צעשפּרייט. נאָר מיר זיינען בלינדע און נישטיקע מענטשן.

גאָט אָבער איז דאָך פאַר אַ מענטש ווי פרענקל אַ וואונד אַן אַנגעגליטע, און דאָס אויפטויכן פון אָט־דער פראַזע אַף דער אויבער־פלאַך פון זיין געמיט האָט בלויז פאַר אים אַליין באַטאָנט זיין אייגענע געפאַלנקייט. גאָט — דאָס איז דאָך די בלינדקייט פון די מאַסן, און ווי קאָן אַ רעוואָלוציאָנער זיך פאַרלאָזן אַף בלינדקייט? בלינדקייט איז דאָך דער אויסגעשפּראָכענער קעגנזאַץ פון רעוואָלוציע. רעוואָלוציע איז דאָך די פאַרקערפּערונג פון ליכט, ליכט אָן אַ שיר! אַ רעוואָלוציאָנער זיין, מיינט זיין אַ זעער, אַף ווייטע אייביקייטן אַ זעער... און גאָט? וואָס איז גאָט? און אָט־די וואונד אינעווייניק אין מיר. וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס?...

אָבער אַזוי קלאָר זיך שטעלן די פראַגע האָט פרענקל ניט געקאָנט, כאָטש ער האָט זי אין זיך געטראָגן, ער האָט ניט געקאָנט, ווייל די צייט איז נאָך פאַר דעם ניט געקומען.

III

מיטן צויף פון יאָרן

קאַפּיטל צוואַנציק

מיט דעם לויף פון יאָרן זיינען געשעענישן געלאָפן, זיך געוועבט און געבונדן, זיך איינגעשטעלט און געוואָרצלט. דער נאָמען „אָפּגע־ריסענע בלעטער" איז שוין געוואָרן בלויז אַ דערינערונג, אַ נאָמען. וואָס נאָר די געוועזענע גרינדער און טרעגער האָבן געדיינקט. אייניקע האָבן אים נאָך געטראָגן ווי אַ שטראַלנדיקן קרייז הויך איבער די קעפּ, און אַנדערע — ווי אַ לאַנגן שלעפּ נאָך אַ קלייד. אַסאַך פון זיי זיינען שטאַרק רייך געוואָרן און האָבן גענומען האָבן קעגנזייטיקע אינ־טערעסן. אַסאַך זיינען געוואָרן אויסגעשפּראָכענע אַנאַרכיסטן און האָבן גענומען אידייאיש קעמפן קעגן די סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטן אַליין האָבן זיך אויך פאַנאַנדערגעטיילט אין באַזונדערע גרופּן, וואָס פלעגן קריטיקירן און אָפּט אַפילו זידלען איינע די אַנדערע. אָבער דאָך איז צווישן די מיטגלידער פון די געוועזענע „אָפּגעריסענע בלעטער" פאַר־בליבן אַ מין איינגעבאָרענע משפחה־פאַרוואַנדשאַפט. מען פלעגט זיך דערמאָנען, פאַרביינקען און זיך צונויפקומען אַף אימיצנס אַ געבורט־טאָג אָדער ביי אַנדערע ספּעציעלע סיבות און אַמאָל טאַקע גלאַט אַזוי — זיך פאַרביינקט, זיך אַריינגעזעצט אין דער אויבערשטער שטאָט־באַן און צוגעפאָרן צו די פיינמאַנס, און אַז אימיצער פון די אויפגעקו־מענע גבירים האָט זיך געקויפט אַן אַטאָמאָביל האָט ער גערעכנט פאַר זיין חוב אָפּצושטאַטן דעם ערשטן וויזיט מיט זיין נייעם, גלאַנציקן אָטאָ צו די פיינמאַנס. עפּעס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן ווי געוועזן אין דער מאַדאַם פיינמאַנס שטאַלץ און אין דעם בליק פון אירע שוואַרצע אויגן. און עפּעס אויך אַזוי אומגעענדערט־ריין איז אין דעם גוטמוטיקן פיינמאַן געבליבן. און אַ טאָכטער איז ביי זיי פון דער קליינער גער־טרוד אויסגעוואַקסן, וואָס האָט אין זיך געהאַט די ריינקייט פון דעם טאַטן און דעם שטאָלץ פון דער מאַמען. אין הויז פון די פיינמאַנס האָבן זיך אַלע באַזונדערקייטן פון די פאַרשיידן־געוואָרענע מענטשן

אויסגעגליכן. כמעט ביי יעדן זיינען פאַר דער צייט אויפגעקומען דער־וואַקסענע קינדער, פלעגט מען אויך די קינדער מיט זיך אַמאָל מיט־ברייננען.

ליאָווע בערנשטיין איז געוואָרן דער קאָפּ פון דער זייער דער־פאָלגרייכער פירמע „דהי מאָדעל פעשאָן העט קאָמפּאַני". די מאַדאַם פיינמאַן, וואָס פלעגט אים אין די אַמאָליקע יאָרן בלויז צולאָזן צו זיך נאָענט פון דעמאָקראַטישקייט־וועגן, איז שוין די לעצטע צייט אַפּאַר מאָל געוואָרן זיין אָפּיציעלע געליבטע.

מינדלין איז מיט דער צייט געוואָרן דער באַרימטער דאָקטאָר מאַקסימיליאַן מינדלין. און אין דער צייט, ווען אַלע דאָקטוירים פלעגן דעמאָלט רעכענען פופציק סענט פאַר אַ וויזיט, פלעגט ער ניט וועלן נעמען ווייניקער פון דריי דאָלאַר, אפילו פון דעם אָרימסטן אַרבעטער. און דאָס האָט דעמאָלט אָפּט געמיינט די פאַרדינסטן פון אַ שווערער וואָך אַרבעט.

פּאָפּולער צווישן עולם איז דאָקטאָר מינדלין געוואָרן טאַקע אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, פונדעסטוועגן פלעגט ער פון די אָרימע אַרבעטער פאָדערן אוממעגלאַכע פרייזן. אָבער מינ־דלין האָט דאָך שטענדיק געגלויבט, אַז זיינגערס האַנדלונג איז פילאָ־זאָפיש גערעכט און באַרעכטיקט, און דערצו איז ער נאָך מיט דער צייט געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, און אין יענער צייט איז די אָנגענו־מענע מיינונג צווישן די אַנאַרכיסטן געווען, אַז וואָס ערגער מען וועט מאַכן דאָס לעבן פון די אַרבעטער, אַלץ גיכער וועט קומען די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע.

זיי זיינען אפילו געווען ביז אַ געוויסער מאָס קעגן דעם, אַז מען זאָל העלפן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס, ווייל קיין אמתע הילף וועט פון דעם אַרבעטער ניט אַרויסקומען, און עס וועט נאָך אָפּ־שוואַכן דעם אַרבעטערס פאַרביטערונג קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און וועט ממילא צוריקהאַלטן דאָס קומען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דאָקטאָר מינדלין איז געווען זייער אַן אויסגעהאַלטענער מענטש און ער פלעגט ניט גערירט ווערן אפילו ווען אַ פּשוטער אָרימער אַר־בעטער פלעגט אַמאָל מיט טרערן אין די אויגן בעטן, אַז ער זאָל ניט

קיין דריי דאָלאַר. און גראָד אָט איבער דער שטרייַנגקייט זייַנער איז כּינדלין צווישן דעם אָרימען אַרבעטער־עולם פאַררעכנט געוואָרן אַלס גרויסער דאָקטאָר, איבערהויפּט צווישן ווייבער.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַן אַרבעטער האָט געבראַכט זיין קראַנק קינד צום דאָקטאָר מינדלין און האָט אים נאָכדעם געגעבן בלויז צוויי דאָלאַר און מיט טרערן אין די אויגן פאַרזיכערט מינדלינען, אַז דאָס זיינען די איינציקע צוויי דאָלאַר, וואָס ער פאַרמאָגט.

— וואָס זיינען דאָס פאַר צוויי דאָלאַר? — האָט מינדלין גע־פרעגט און גלייך צוגעגעבן: — מיין פּרייז איז דריי דאָלאַר.

— איך האָב ניט מער — האָט דער אַרבעטער געענטפערט און אויך צוגעגעבן: — איך בין שוין עטלאָכע וואָכן אָן אַרבעט. דאָס זיינען שוין מיינע לעצטע צוויי דאָלאַר, דאָקטאָר, און איצט האָב איך שוין אפילו ניט מיט וואָס צו קויפן דעם רעצעפּט.

האָט מינדלין גלייך אַרויסגעריסן פון דעם אַרבעטערס הענט דעם רעצעפּט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרשריבן פאַרן קראַנקן קינד, און אים צעריסן אויף עטלאָכע שטיקלאָך, זאָגנדיק דערביי, כּמעט רואיק:

— אַז אַ מענטש וויל העלפן זיין קינד דאַרף ער האָבן גענוג געלט פאַרן דאָקטאָר און אַפּטייקער, און אַז ער האָט ניט איז ער קיין מענטש ניט און פאַרדינט ניט געהאָלפן צו ווערן.

דער אָרימער אַרבעטער, זיין וויינענדיקע ווייב און זייער קראַנק קינד זיינען נאָכדעם אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אָפיס.

די דאָזיקע מעשה האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאַס, האָט דערגרייכט די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. מינדלין איז אָבער געשטאַנען שטאָל־און־אייזן פאַר זיינס, אַז אויב אַן אַרבעטער האָט ניט קיין געלט פאַר אַ דאָקטאָר דאַרף מען אים ניט אונטערשטעלן קיין בלומרשטע הילף. מען דאַרף אים טרייבן צו טאַטן: זאָל ער לויפן, זאָל ער שרייען אין די גאַסן, זאָל ער ברעכן שויבן. מען דאַרף אים געבן פילן, וואָס עס הייסט די פאַרפלוכטע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. נאָר אַזוי קאָן מען אים אויף דער אמתן באַוועגן צו טאָטן.

קיין אָפּגעטיילטע ליניע צווישן די אַנאַרכיסטן און די סאָציאַ־ליסטן איז נאָך אָבער דעמאָלט ניט געווען. באַשולדיקן מינדלינען, אַז ער איז אויסן געווען דעם אַרבעטערס דאָלאַר, האָט קיינער ניט

געקאָנט. מינדלין פּלעגט געבן און אויך זאַמלען געלט פאַר די אַלע פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּן און כמעט יעדע גרופּע האָט גע־רעכנט, אַז ער איז אירער. מען האָט אויסהערנדיק מינדלינען פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז ביי אים בלויז געווען אַ פראַגע פון פּרינציפּ און אַז דאָס איז ביי אים אַלץ אַזוי דערפאַר, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין וואקלדיקער, ווי פרענקל, למשל, נאָר אַן אויסגעהאַלטענער און גאַנצער רעוואָלוציאָנער. ער איז געוואָרן אַ העלד, אַ מענטש, וואָס פאַרטרעט דעם גרעסערן אמת, ניט דעם סאָציאַליסטישן, פרענקלשן אמת, — מיט פרענקלס מיטלען וועט מען ווייט ניט אוועקגיין — מען דאַרף האָבן אַ רעוואָלוציע — האָבן די אַנאַרכיסטיש־געשטימטע געטענהט — מען דאַרף צוגיין צו דער זאַך מיט אַ גרעסערן און ברייטערן באַגריף; מאַכן ערגער די לאַגע פון דעם אַרבעטער — הייסט פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

און געשעענישן זיינען זיך אַלץ געלאָפן און געביטן איינע די אַנ־דערע. די מיס פינק האָט זיך אַף איר קליינעם, רירעוודיקן אופן ערנסט און שפּילעוודיק געשפּילט ביז זי האָט זיך צום סוף אַריינגעשפּילט צו ווערן דאָקטאָר מינדלינס ווייב. די מענטשן זיינען עלטער געוואָרן און די פרייע־ליבע־געליבטע זיינען מיט דער צייט געוואָרן זייערע ווייבער. אמת, זי פלעגט אַף איר ערנסט־שפּילעוודיקן אופן פון אים אַפּט אוועקגיין, נאָכדעם אָבער ווידער אַזוי ערנסט־שפּילעוודיק צוריק־קומען.

בעסי פינק, אָדער ווי זי האָט שוין נאָכדעם געהייסן בעסי מינ־דלין־פינק, פלעגט דערביי אויך אַרומלויפן און טאָן אַרבעט פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, העלפן אָרגאַניזירן געלט־זאַמלונגען און קאָנצערטן. זי האָט גראָד יאָ געהאַלטן פון העלפן אָרגאַניזירן די אַרבעטער און זי איז פאַר דער צייט געוואָרן אַן אינספּיראַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון די כאָריסטן־ און אַקטיאָרן־יוניאָנס. זי איז נאָכדעם אפילו געוואָרן די פי־רערן פון אַ סטרייק פון פרויען אין דער נאָדל־אינדוסטריע.

זי האָט זיך מיט די מיידלאַך אַליין געשטעלט אין דער פּיקעט־ליין לעבן אַ פאַרעקשנטן און גרויסן שאַפּ. פּאָליציי איז נאָכדעם איבער־געפאַלן די סטרייקערנס. די סטרייקערנס זיינען געווען פאַרביטערט;

זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן זייער וואַך אַרום דעם שאַפ און האָבן זיך גענומען וואַרפן אַף די פּאָליסלייט. איינע פון די מיידלאַך איז דערביי אַזוי שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן פון די פּאָליציייאישע שטעקנס, אַז מען האָט זי נאָכדעם געמוזט צונעמען אין האָספּיטאַל. ווען די סטרייקערנס האָבן דערזען דאָס צעבלוטיקטע פּנים פון זייער אַן איבערגעגעבענער און אַקטיווער חברטע, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. דער קליינער מיס פינק איז נאָכדעם אַנגעקומען זייער שווער זיי צוזאַמענ־נעמען פון אונטער די פּאָליציייאישע הענט, ביי וועמען שלאָגן די גרינע, גאָטלאָזע ניהיליסטן איז געווען כמעט אַ פאַרגעניגן.

די קליינע בעסי מינדלין־פינק האָט נאָכדעם צונויפגענומען אירע סטרייקערנס און זיי געבראַכט אין זייער האָל — זייער זאַמלפּונקט. דאָרט האָט זי גלייך אָפּגערופן פרענקלען און ליזאַן, זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן גלייך קומען, ווייל אַן אומגליק האָט געטראָפן. זי איז נאָכדעם אַוועק צום האָספּיטאַל געוואויר צו ווערן וואָס עס מאַכט די צעשלאָגענע סטרייקערן, וועלכע איז אגב געווען אַ טאָכטער פון אַן „עם־עולמניק". זי פלעגט זיך טאַקע דערפאַר רופן „עמי". זי איז געווען אַ זייער איבערגעגעבענע קעמפערן און אַלע מיידלאַך און פרויען האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט. בעסי האָט זיך באמת שטאַרק געשראָקן פאַר אַט־דעם ברוטאַל־צעקלאַפּטן פּנים פון אַט־דער ליבער עמי, אָבער פאַרן אַוועקגיין אין האָספּיטאַל האָט זי פונדעסטוועגן פאַרזיכערט די סטריי־קערנס מיט אַ באַרואיקנדיקן טאָן, אַז ס'איז גאָרניט — זי איז זיכער, אַז ס'איז גאָרניט. מען האָט שוין מן הסתם דאָרט עמין אַרומגעוואַשן און זי לאָכט שוין דאָרט געווים פון דעם גאַנצן אינצידענט. פרענקל מיט ליזאַן וועלן דאָ באַלד קומען — נעמט זיי אויף גוט, באַטראַכט מיט זיי די לאַגע. דער סטרייק מוז געווינען ווערן, איר הערט!

ווען מיס פינק איז אַנגעקומען אין האָספּיטאַל איז זי געוואויר געוואָרן, אַז די צעשלאָגענע סטרייקערן, די גוטע און ליבע קעמפערן עמי, איז געשטאָרבן אַפן וועג צום האָספּיטאַל. די מיס פינק האָט דאָ גלייך באַשלאָסן, אַז אויב די מיידלאַך און די ווייבלאַך, די סטרייקערנס, וואָס געפינען זיך דאָ איצט אין זאַל, וועלן זיך דערוויסן, אַז עמי איז געשטאָרבן, דעמאָלט וועט דער סטרייק אויך שטאַרבן און דערצו נאָך מיט אַ זייער שלעכטן און נאַרישן טויט — האָט זי גלייך, נאָך אַ מינוט

טראַכטן, פֿאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל, געקומען אין זאַל פֿון די סטרייַ־קערנס.

פֿרענקל און ליזאַ, וואָס זייַנען געווען אין זאַל און גערעדט מיט די פֿאַרצווייפֿלטע מיידלאַך און פֿרויען, זייַנען ביי בעסים אַרייַנקומען אויפֿגעשפּרונגען איינייַנעם מיט אַלעמען. דער גאַנצער אַנגעפּאַקטער זאַל האָט מיט אויפֿגעקלאַפּטע הערצער און מיט אויפֿגעווייסלטע שוואַר־צע אויגן דערפֿילט און דערוואַרט אַ פּלוצלונגדיקע שלעכטע בשורה. בעסי פּינק האָט שווייַגנדיק אַף זיי אַ קוק געטאָן און איז שווייַגנדיק און אַנטשלאָסן גלייַך אַרויף אַף דער קלייַנער בינע — זיך דערפֿילט, ווי זי האָט דערפֿילט די פּאָר מאָל, וואָס זי איז אויפֿגעטראָטן אין טעאַטער, און זי האָט, צו אַלעמענס שטוינען, מיט אַ פּלוצלונג־אומדערוואַרטער פֿריידיקייט אַף איר פּנים זיך אָנגערופֿן:

— זי איז איצט אַרומגעוואַשן; זי איז איצט אינגאַנצן רואיק. זי לאָזט אייַך גריסן. איר וואונטש איז, אַז איר זאָלט פֿאַרזעצן דעם קאַמף ביז צום ענדגילטיקן זיג. זי לאָזט אייַך האַרציק גריסן. זי וויל, אַז איר זאָלט זינגען, זינגען! געדיינקט, חברטעס, זי, די פֿאַרפּייניקטע און צעשלאָגענע, איז איצט אַרומגעוואַשן און איז איצט רואיק און זי — — און זי בעט ביי אייַך איר זאָלט ווייטער קעמפֿן. זי רעדט מיט אַ גאַנץ רואיק און זיכער קול: „לאָזט זיי גריסן. איך וויל, אַז זיי זאָלן זינגען". חברטעס, מיר מוזן איצט אַלע שווערן זיך נוקם צו זייַן פֿאַר אירע וואונדן!

עפּעס איז פּאַרט געווען אין בעסים האַלטונג און אין דעם קלאַנג פֿון איר קול, וואָס האָט געשניטן ווי אַ שרעקלאַכע קעלט; עפּעס האָט דערביי פּאָרט געשראָקן און געמאַכט ציטערן זייערע געמיטער. די קלייַנע בעסי האָט פֿאַר זיי אָבער אויפֿגעבלאָסט געברענט, זי האָט זיך ניט גע־קאָנט באַפֿרייַען פֿון דעם באַוואוסטזייַן, פֿון דעם שאָטן פֿון טויט, האָט זי זיי פֿונדעסטוועגן גראָד דורך אָט־דעם ביטערן כוח אויפֿגערייצט און זיי פּאָרט אַרייַנגעבראַכט ביז אין אַ כמעט ווילדן עקסטאַז.

די סטרייַקערנס האָבן זיך אויפֿגעהויבן מיט הילכיקע, פֿריידיקע און אָפּפֿערווילליקע אויסרופֿן, האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט, און האָבן גע־שוואָרן נקמה און זיג.

די דערשלאָגענע עלטערן פון עמין זיינען איינגעגאַנגען אַפן ראַט פון בעסי און ליזאַן, — זיי האָבן נאָכדעם געפּועלט ביי עמים דערשלאָגענע עלטערן צו מאַכן אַ שטילע, כמעט באַהאַלטענע לויה, פון זייער טאָכטער, כדי ניט צו ברענגען דעם מוט פון די סטרייקערנס. עס האָט זיי שטאַרק און פיינלאַך ווי געטאָן אַט־דער צוגעגעבענער ווייטיק פון באַהאַלטן דעם טויט פון זייער קינד. אַט פונקט, ווי זיי וואָלטן נאָך, אַלס צוגאָב צו זייער אומגליק, עפּעס געגנבעט, אָבער... זאָל כאָטש די זאַך, פאַר וועלכער זייער טאָכטער האָט געקעמפט, ניט געשטערט ווערן דורך איר טויט.

נאָכדעם האָבן נאָך בעסי און ליזאַ געהאַט אַן אַרבעט אַלעמאָל צו ברײינגען גרוסן פון עמין צו די מיידלאַך, דערציילן, ווי אַזוי זי פרייט זיך מיט דעם, וואָס די יוניאָן פירט פאַרעקשנט דעם קאַמף, וועגן דעם, וואָס זי ווייסט, אַז זיי שטייען פאַר אַ נאָנטן און זיכערן זיג.

— אַי, מיידלאַך, ווען איר וואָלט נאָר וויסן, ווי גליקלאַך עמי איז פון אייער האַלטונג! — פלעגט זיי בעסי אָפּט זאָגן, אָדער:

— אָ, וועט זיך דאָס עמי פרייען, ווען מיר וועלן איר דערציילן, וואָס מיר האָבן שוין ביז איצט אויפגעטאָן...

דער סטרייק איז נאָכדעם פאַרענדיקט געוואָרן כמעט גוט, אונטער די דעמאָלסטיקע אומשטענדן. די מיידלאַך האָבן ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר ברײינגען אַ בוקעט בלומען צו עמין אין האָספּיטאַל און איר אָנזאָגן די בשורה פון דעם זיג. האָט בעסי מיט ליזאַן גענומען די קאָמיטע מיט די בלומען און מיט זיי געפאָרן לאַנג הינטערן שטאָט און זיי געבראַכט אַפן בית־עולם און זיי צוגעפירט צו אַ כמעט נאָך פרישן קבר און זיי דאָרט געהייסן אַוועקלייגן די בלומען.

די קליינע בעסי מינדלין־פינק איז איבער אַט־דער געוואָגטער האַנדלונג און דורך דעם אופן, אַף וועלכן זי האָט געלייקנט און פאַרבאַהאַלטן דעם טויט פון דער סטרייקערן עמי, פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ העלדן. קיין יוניאָן איז אָבער פון דעם סיי־ווי ניט אַרויסגעקומען, ווייל דאָס זיינען אַלץ געווען מענטשן, וואָס מען פלעגט נאָך אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער קאָנען צונויפנעמען ערב אַ סטרייק. נאָכן סטרייק אָבער פלעגן זיי פאַרלירן יעדן אינטערעס אין דער יוניאָן, ווייל די שווערע, איבערוועגנדיקע מערהייט פון די מענטשן זיינען, אין תוך גענומען, פאַרט קיין אַרבעטער ניט געווען.

קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

פאַר שליאַפּניקאָוון האָט מען דורך פּרענקלס מי מיט דער צייט פאַרט געקויפט אַ פּערמע מיט אַ גאַנץ נישקשהדיקן ערד־שטח. איז ער זיך געזעסן, געאַרבעט צוביסלאַך, געלייענט, געטראַכט, — צי איז ער גערעכט, צי ניט גערעכט מיט זיין קאַמף קעגן ציוויליזאַציע, געגלויבט, אַז גערעכט איז ער. מענטשן מוזן קומען צו אויסלייזונג דורך זיך אַליין, און נאָר דורך זיך אַליין קומען זיי צו אויסלייזונג. די ציוויליזאַציע איז געוואָרן דעם מענטשנס נייער טיוול, וואָרט דעם מענטשן אָפּ אַף אַלע ווינקעלאַך. די ציוויליזאַציע וויל זיך אוועקשטעלן ווי אַ מצבה אַף דעם מענטשנס נשמה, אַף דעם מענטשנס בעסטע האָפענונגען. זי פאַרשקלאַפט אים און וועט אים פאַרשקלאַפן. נאָר אַ ריינער, גרויסער מענטש דאַרף זיין דער, וואָס נעמט אַזאַ זאַך אונטער. ניט אַזאַ מענטש ווי איך... אַ וואָרעם בין איך אַ פאַרשטויסענער. מיר בייַנקט זיך נאָך רוסלאַנד, דער ליידנדיקער, דער פשוטער, אַ רוסלאַנד האָט זיך מיר דאָ געוואָלט אויפשטעלן אין אַמעריקע — — און אַזוי בייַנקענדיק, אַר־בעטנדיק און טראַכטנדיק האָט שליאַפּניקאָוו צוגעקוקט, ווי די טעג און נעכט קומען און פאַרשווינדן, ווי די „קענאַנס" אין אַ מוזי־קאַלישער קאָמפּאָזיציע. אָפט צוגעזען, ווי עס שווינדט דער מאָרגנ־שטערן פאַר טאָג, די זון — פאַר דער נאַכט. געקוקט אַף דעם, געקוקט און געשוויגן.

אין ליבטיקע אָדער אין נאָר שווערע מינוטן פלעגט ער זיך צו־זעצן צום קליינעם ווינט־אָרגאַן, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט פון שטאָט, און אַף אים שפּילן. ער האָט שטאַרק ליב געקראָגן קאָמפּאָזי־ציעס, וואָס זיינען געבויט אַף וואַריאַציעס פון איין געגעבענער טעמע. אָט נעם, למשל, די טעמע „אמת". וויפיל פאַרשיידענע געזאַנגען אַף אָט־דער טעמע. אָדער די טעמע „רעוואָלוציע" — ווי פאַרשיידנאַרטיק

עס איז דאָס לעבן פֿון יעדן רעוואָלוציאָנער, דאָך איז דאָס לעבן פֿון יעדן אמתן רעוואָלוציאָנער פֿאַרט אַנדערש, עס איז אַ וואַריאַציע אויף איין און דערזעלבער טעמע. דער אייגענער סאָרט מענטש, די אייגענע אידייע — דאָך איז דאָס גאַנץ אַנדערש קאָמפּאָנירט.

פֿינף רעוואָלוציאָנערן ווערן געפֿירט צום טויט! פֿינף רעוואָלוציאָנערן שטאַרבן אויף דער תּליה! יעדערער פֿון זיי גיט זיך אַנאַנדער וויג אינדערלופֿטן, ווי נאָר מען שטויסט אַרויס דאָסביינקעלע פֿון אונטער זיינע פֿיס. איינע פֿון זיי איז אַ פֿרוי, און זי גיט זיך אַ וויג, ממש אַ פֿלי אינדערלופֿטן, און איינער, דער אינגסטער — ער וויל ניט שטאַרבן. כאָטש נאָך אַ מינוט, כאָטש נאָך אַ רגע לעבן. און ער פּרוּווט מיט זיינע פֿיס שטאַרק איינהאַלטן דאָס ביינקל אונטער זיך. דער תּליון מוז מאַכן אַ צווייטע, פֿאַרגרעסערטע און צעכעסטע אָנשטריינגונג אויף אַרויסצושטויסן דאָס ביינקל פֿון אונטער אים.

פֿינף ליכטיקע לעבנס, פֿינף פֿאַרשיידענע וואַריאַציעס אויף אַ טעמע, — אויף דער טעמע „רוסלאַנד", אויף דער טעמע „רעוואָלוציע".

שליאַפּניקאָוו האָט אויך שטאַרק ליב געקראָגן באַכס פֿיוגן. עפּעס אַן אייביקע אומבאַרירטע געזעצלאַכקייט איז אָט־דער פֿיוג־פֿאָרמע. אָט זינגט זיך אַ גרופּע שטימען אַזוי ריין פֿאַנאַנדער אויף אַ זיכערן, פּלאַנמעסיקן, אַרכיטעקטאָנישן אופֿן. זייער פּראַזירונג, זייערע פֿאָרמען בויגן און בינדן זיך. שטעלן זיך צונויף און פֿאַרגאַנצן זיך אַזוי קלאָר, אַזוי פֿאַרשטענדלאַך. אָט — און זיי ווערן שוין, דאַכט זיך, באַלד פֿאַרטיק מיט זייער סטרוקטור, אָבער, נאָך איידער זיי ווערן פֿאַרטיק, קומט־אונטער אַנאַנדער גרופּע שטימען און הויבט די גאַנצע זאַך אָן פֿונדאַסניי. די פֿריערדיקע שטימען קוקן זיך אום, דאַכט זיך, הערן און זען ווי מען נעמט פֿון זיי איבער זייער טעמע, אָבער מיט גאָר אַנאַנדער גראַד הויכקייט. די פֿריערדיקע שטימען האַלטן אָבער אָן און העלפֿן־מיט די ניי־געקומענע פֿאַר אַ צייט, ביז זיי שטילן זיך ביסלאַכווייז איין. און ווען די נייערע דערגרייכן כמעט זייער געפּלאַנטע הויך, שפּרינגען ווידער אַרויס נייע און הויבן ווידער אָן. עס ווערט, דאַכט זיך, אַ נעיעג פֿון די אָפּגעזונגענע און די נייע זינגער. עס דאַכט זיך, מען אַנטלויפֿט איינע פֿון די אַנדערע, אָדער מען יאָגט זיך נאָך איינע די אַנדערע. אַזוי, דאַכט זיך, יאָגט זיך איין דור נאָכן צווייטן; אַזוי, דאַכט

זיך, נעמט איין דור איבער און טראָגט ווײַטער די דערגרייכונגען פֿון אַ פֿריערדיקן דור.

און צו דעם אַלעמען פֿלעגט שליאַפּניקאָוו נאָך אַלץ עסן דער געדאַנק, אַז ער וועט שוין געוויס קיינמאָל ניט קומען קיין רוסלאַנד, און אויך דער געדאַנק, אַז ער איז אַזוי ווי שולדיק אין דעם, וואָס פֿינף פֿון די שענסטע מענטשן פֿון זײַן פּאַרטיי זײַנען אויפֿגעהאַנגען געוואָרן, און וואָס אַ שיר ליכטיקע מענטשן ווערן דאָרט, אינדערהיים, איצט פֿאַרמוטשעט, פֿאַרפּייניקט און פֿאַרמויערט אין די ווענט פֿון די טורמעס, ווײַל... ווײַל אין רוסלאַנד הערשט איצטער אויף דעם אָרט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן — אַלעקסאַנדער דער דריטער.

קאַפּיטל צװײַאונצװאַנציק

שליאַפּניקאָװ האָט אױף זײַן פּערמע לאַנג געװאױנט אַלײן, אָן אָפּ־געריסענער, אָן אײנזאַמער. דאָ־און־דאָרט האָבן זיך אַפּילו באַזעצט אײנער און נאָך אײנער פון די, װאָס האָבן זיך אַמאָל ערנסט צוגע־הערט צו זײַן רוף אױף לאַנד, צו זײַן רוף זיך אָפּצוזאָגן פון די מאָדערנע באַקװעמלעכקײטן אַלס דעם זיכערסטן מיטל אין קאַמף קעגן קאַ־פּיטאַליזם, אַלס דעם בעסטן אינסטרומענט פאַר פּערזענלעכער באַ־פרײַאונג.

האָט זיך אָבער גראָד צװישן אים און די פּאָר געװעזענע פּאַרערער זײַנע געשאַפן אַ מין שולדיקײט, אַז זײ פלעגן זיך ניט קאָנען איבער־עפּעס קוקן אײנער אין דעם צװײטנס אױגן אַרײַן.

אַנדערש אָבער איז געװען די באַציאונג צו אים פון די געװעזענע „אָפּגעריסענע בלעטער"־מענטשן. זײ פלעגן צו שליאַפּנקאָװן אַמאָל אַרױספאָרן פון ניו יאָרק, אים מאַכן פרײַלעכער, — פלעגט ער אַרומפירן איבער זײַן פּערמע, װײַזן, װי װאָס איז אױפגעגאַנגען, װי װאָס װעט אױפ־גײן, און, דאַכט זיך, אַזױ אױך דערצײלן און רעדן פון פאַרשײדענע זאַכן. אַפּילו צום טװיזנטסטן מאָל דערצײלן פון דער פרײד, װאָס ער האָט פון דעם, װאָס ער אַקערט און זײט פאַר זיך אַלײן, עסט די פרוכט פון זײַנע אײגענע הענט, מעלקט אַלײן זײַן קו, — זאָגן, אַז די מילך איז פון דעם אָן אַ שיר זיסער... אָבער פון דעם, װאָס האָט זיך ניט געערדט און ניט דערצײלט, האָט ער געשװיגן.

„דער מענטש גײט־אײַן, אָדער איז שװין אפשר אײַנגעגאַנגען, באָטש ער לעבט נאָך"... אַלע האָבן זיך עפּעס װי געפילט שולדיק פאַר אים און האָבן אים געװאָלט העלפן. שליאַפּניקאָװ איז פאַר זײ געװען אַ שטיק פאַראײנזאַמטע הײם, אַ שטיק פאַרװאָגלט רוסלאַנד, אַ שטיק געװיסן, װאָס האָט זיך געריסן און זיך אפשר ניט דורכגעריסן איבער זײ. — עפּעס האָט מען געדאַרפט טאָן — מען האָט עפּעס געדאַרפט

טאָן פֿאַר שליאַפּניקאָװן... האָט אַניוטקאַ בײַ זיך אײנמאָל אָפּגעמאַכט איבערצולאָזן קאַלמאַנאָװיטשן און איר אַנטאָן ניקיפֿאָראָװיטשן, און זי איז אַװעק און איז געװאָרן די געטרײַע און איבערגעגעבענע פֿרױ פֿון שליאַפּניקאָװן, ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס ער איז געװען אַסאַך עלטער פֿאַר איר. זי איז געװאָרן זײַן װײַב, כּדי אים צו ברענגען פֿרײד, כּדי צו פֿאַרגרינגערן זײַן שװערע אײנזאַמקײט. זי האָט צו אים אױף דער פֿערמע אױך מיטגעבראַכט איר אינגל. זײ פֿלעגן אים העלפֿן אין הױז און אין פֿעלד.

מיט זײער אָנקומען האָט שליאַפּניקאָװ דערפֿילט נײַעם כּוח אין זיך, האָט דערפֿילט, אַז מען דאַרף צובױען אַ פּאָר נײַע געבײַדעס. אַניוטקאַ האָט אים אױך גענומען צוהעלפֿן בײַם בױען מיט װאָס נאָר זי האָט געקאָנט. אײנמאָל, אַזױ העלפֿנדיק אים בײַם אױפֿשטעלן דעם נײַעם שײַער און שטאַל, האָט זיך דורך אַן אומגליקלאַכן פֿאַרזען אַרױסגעגליטשט אַ שטיק האָלץ, װאָס ער האָט מיט איר הילף געהאַט אַרױפֿגעצױגן צו זיך. דאָס שטיק האָלץ האָט אַ פֿאַל געטאָן גלײַך אױף איר. זי האָט זיך אָפּגעקערט אין צײַט, אָבער אַ צײכן אױפֿן פּנים איז איר פֿון דעם פֿאַרבליבן.

קאַלמאַנאָװיטש איז געװאָרן אַן אָפּטער צופֿאָרער צו די שליאַפּניקאָװס. קאַלמאַנאָװיטש פֿלעגט שמײכלען פֿון זיך אַלײן און פֿון זײַנע אָפּטע רײַזעס צו די שליאַפּניקאָװס, אָבער אָפּהאַלטן זיך פֿון דער געלעגנהײט צו פֿאַרברענגען אַביסל אין אַניוטקאַס נאָענטקײט האָט ער ניט געקאָנט און ניט געװאָלט. אַניוטקאַ און שליאַפּניקאָװ פֿלעגן אים אַלעמאָל פֿרײַנטלאַך אױפֿנעמען און פֿאַרברענגען מיט אים פֿרײַנטלאַך. ער פֿלעגט פֿון דאָרט אַלעמאָל אַװעקפֿאָרן אַן אױפֿגעראַמטער, כאָטש אַפֿילו אַלץ אַ מאָדנע־שמײכלענדיקער, און זיך אָפּט — אַזױ שמײכלענדיק — כאַפּן אױפֿן געדאַנק, אַז אַט־דער צײכן אױפֿן פּנים האָט, דאַכט זיך, אַניוטקאַן נאָך אַזױ װי שענער געמאַכט.

אַנטאָן ניקיפֿאָראָװיטש בולאַק איז אײַנגיכן, נאָך אַניוטקאַס איבערגײן צו שליאַפּניקאָװן, אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ פֿערד אינמיטן פֿון די קונצן, װאָס ער האָט געהאַלטן אין װײַזן אין צירק, און האָט זיך צעבראָכן עטלאַכע ריפּן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט פֿאַרלאָרן דאָס גלײַכ־

געוויכט איבער זיין צערודערטקייט, איבער זיין ערגערניש פאַר דעם פאַרלוסט פון אַניוטקאַן.

אַנטאָן ניקיפאָראָוויטש בולאַק איז נאָכדעם לאַנג אָפּגעלעגן אין האָספּיטאַל. מען האָט אים דאָרט אַריינגעשטעלט זילבערנע ריפּן און ווען ער איז געזונט געוואָרן איז ער אַוועק פון ניו יאָרק ערגעץ אין אַ שטאָט אין דער וועסט און אין עטלאָכע יאָר אַרום האָט פרענקל אָפּן אַדרעס פון „דאָס ליכט" דערהאַלטן אַ שיינע ענגלישע וואָכנבלאַט „דער סאָציאַליסט" אונטער דער רעדאַקציע פון אַנטאָן נ. בולאַק.

פרענקל איז געוואָרן און געבליבן דער רעדאַקטאָר פון „דאָס ליכט", וואָס פלעגט זיך פון־מאָל־צו־מאָל אָפּשטעלן איבער די קלעגלאָכע געלט־מיטלען. און מען פלעגט אַלעמאָל מוזן מאַכן נייע אונטערנעמונגען און גלאַט אַזוי געלט־זאַמלונגען, כדי צו פאַרזיכערן די שווערע עקזיסטענץ פון דעם קליינעם צייטונגל. צו דעם פלעגט פרענקל נאָך אַלץ מוזן אויפטרעטן אויף לעקציעס עטלאָכע מאָל אַ וואָך. פון דער איינגאַמע פון די לעקציעס פלעגט ער ווי־ניט־איז פאַרדינען אויף דער אויסקומעניש פון זיין אייגן הויז, און אָפט פלעגט נאָך ליזאַ מוזן גיין אין שאַפּ אַרבעטן כדי צו קאָנען דורכקומען.

מיט ליזאַן איז ער זיך צונויפגעקומען, אָבער בלויז פאַר דער וועלט און מענטשן, אָבער ניט ווי אַ מאַן און פרוי, ווייל ער האָט איר קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעבן דאָס, וואָס זי האָט דעמאָלט צוליב מינדלינען גענומען בייטן אירע מיינונגען, וועלכע, ער איז געווען זיכער, זי האָט שטענדיק געהאַט. זי האָט, לויט זיין מיינונג, געמענט פאַר זיך אויסקלייבן מינדלינען, צי וועמען ניט איז און וואוינען מיט אים, אָבער גיין פלוצלונג און אויך בייטן איר איבערצייגונג צוליב דעם, — דאָס איז געווען שרעקלאַך; דאָס האָט פרענקל איר קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרגעבן.

דערפאַר האָט אָבער פרענקל שטאַרק ליב געהאַט זינאַן, זיין טאָכטער, און פלעגט אין אַלע זיינע שווערקייטן און דורכפאַלן שטענדיק געפינען אַן אָנלען און אויך אַ טרייסט אין זיין טאָכטער.

זינאַ איז שוין געווען אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן. פרענקל פלעגט זי אָפט מיטנעמען מיט זיך. פלעגט זיך מיט איר ביי געלעגנהייטן דורכ־

רעדן, ווי מיט זיינעם א גלייכן, און אים פלעגט פון דעם ווערן לייכטער און ליכטיקער אפן הארצן. לייכטער און ליכטיקער פלעגט אים אויך ווערן, ווען ער פלעגט פאר זיך דערזען פיינמאנס טאכטער גערטרוד — ווי די מאמע איז זי, נאר מיט א גאר אנדער בליק אין די גרויסע אויגן...

— א נייער, א ליכטיקער דור וואקסט דא אויף פאר אונזערע אויגן — פלעגט ער ניט איינמאל זאגן צו זיינע פריינט, און עס פלעגט אים פון דעם ווערן גרינג אפן הארצן.

דערצו נאך האט אין די לעצטע יארן אנגעהויבן צו קומען א גאנץ נייער סארט אימיגראנטן: אזעלכע ריינע, מיט ליכטיקע און זיכערע אידעאלן.

מיט אייפערזוכט, אבער דאך ווי א פארבלאנדזשעטער, וואס דער־זעט א זיכערן וועג נאך פלוצלונג אינמיטן פון זיין בלאנדזשען, האט פרענקל גענומען קוקן אף אט־די נייע אימיגראנטן. ער פלעגט זיך, ווי ווייט מעגלאך חברן מיט זיי; זיי איינלאדן מיט זיך אף איין פלאט־פארמע, זיי איינלאדן צו זיך אהיים און פרואוון צוציען זיי אלס מיטאר־בעטער.

אף איינעם אזא, מיטן נאמען בערמאן, האט ער גענומען קוקן ווי אף זיך אליין מיט יארן צוריק, האט אים דערפאר זייער ליב געהאט און זיך ווי אביסל געשראקן פאר אים...

— עפעס איז ער ווי א נייער פרענקל, אט־דער בערמאן — האט פרענקל וועגן בערמאנען אפט געטראכט — גאר א נייער דור איז אונטערגעוואקסן, א נייער דור איז אונטערגעקומען...

דער ים האט גענומען ברייננגען צו זיין גרויסער ים־שטאט ניו יארק שיפן מיט אזוינע און אזויפיל ליכטיקע מענטשן, כאטש נעם און דאנק און בענטש דעם ברייטן ים דערפאר.

IV

דער נייער שטראָם

קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

יאָ, דער ים האָט גענומען ברענגען צו די ברעגן פון ניו יאָרק שיפן מיט אַ נייערן, אַן אינטעליגענטערן עולם. עס זיינען אָנגעקומען מענטשן פון דער בארימטער „עם־עולם“־באַוועגונג. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די אידן, דאָס פאָלק פון דער וועלט, מוזן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט, אויב זיי ווילן דערלייזט ווערן, און אַז זיי, די מיטגלידער פון דער „עם־עולם“־גרופּע, דאַרפן דאָס זיין די ערשטע צו ווייזן זייער פאָלק דעם וועג צו דער ערד, דעם וועג צו אמתער דערלייזונג.

טרויעריקע געשעענישן האָבן ברוטאַל און בייז געטראָפן די מענטשן פון זייער פאָלק אין דעם לאַנד, וואו זיי זיינען געבוירן און דערצויגן געוואָרן. די געשעענישן זיינען געווען שוידערלאַך, ניט גראָד בלויז מיט דעם, וואָס זיי זיינען גרויזאַם, נאָר מער פון אַלץ מיט דער שווערער און דריקנדיקער באַליידיקונג, וואָס זיי האָבן געבראַכט. אָט־די באַליידיקונג האָט געוואָרפן אויף די שטאָלצערע און פיינער־פילנדיקע יונגע אידן שווערער פון אַ שווערן צלם, — ערגער פון אַ שווערן דערנער־קראַנץ.

דאָס זיינען אַלץ געווען מענטשן, וואָס האָבן מיט אַן אומענדלאַכער ריינקייט געגלויבט אין דער ריין־מענטשלאַכער זייט פון דעם מענטשן. זיי זיינען געווען גרייט אוועקצוגעבן זייער לעבן כדי צו באַפרייען די מענטשן, די פעלקער פון זייער לאַנד. און ווען זיי האָבן דערזען, ווי אָט־די מענטשן און פעלקער זיינען ווי צערייצטע און ווילדע חיות אויפגעשטאַנען אויף זייער אייגן פאָלק, האָבן זיי פון דעם דערפילט אַזאַ מין שולדיקייט, אַזאַ מין אומדערטרעגלאַכע באַליידיקונג, איבער וועלכער זיי האָבן פאַר זיך מער קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען אין זייער לאַנד.

אמת־גלויבנדיקע מענטשן בלייבן אָבער שטענדיק ריין און גלויביק. זיי האָבן שוין אַזוינע אינעווייניקסטע מאָראַלע כוחות, וואָס פּלאָטערן־אויף און קומען זיי צו הילף אפילו אין פּנים פון דעם גרעסטן אומגליק. האָבן דיזאָזיקע מענטשן, כדי צו ראַטעווען זייער גלויבן אין דעם מענטשן־מין, אויפגעשטעלט פאַר זיך, ווי אַ לייכט־טורעם, דעם גע־דאַנק, אַז די אידן מוזן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט.

עס האָט ביי זיי אַזוי געהייסן: דער פּשוטער און אמתער מענטש פון יעדן פאָלק איז אַן ערד־אַרבעטער. אַט־די ערד־אַרבעטנדיקע רייניקן, ביז אַ געווויסן גראַד, די איבעריקע מענטשן פון זייערע פעלקער. מיר אידן האָבן גאָרניט קיין ערד־אַרבעטנדיקע און מיר זיינען דערפאַר אין די אויגן פון די פּשוטע מענטשן פון די אַנדערע פעלקער גאָר קיין מענטשן נים. זיי זיינען דערפאַר כמעט גאָרניט אַזוי שטאַרק שולדיק מיט דעם, וואָס זיי זיינען אָנגעפאַלן אַף אונז. מיר זיינען אַליין אין דעם שולדיק ביז אַ גרויסן גראַד. מיר זיינען שטאַרק שולדיק.

די מענטשן זיינען מערסטנס געווען היימישע רוסישע נאַראָדאָ־וואָלצעס, האָבן זיי דערפאַר באַשלאָסן צו ווערן נאַראָדאָוואָלצעס פון זייער אייגן אידיש פאָלק, און נאָך מער, זיי האָבן באַשלאָסן אַליין צו ווערן די ערשטע ערד־אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פון זייער פאָלק, גלויי־בענדיק שטאַרק, אַז יעדער אינטעליגענטער און ערנסטער מענטש פון זייער פאָלק וועט זיי נאָכפאָלגן און וועט זיי העלפן אויסגלייכן די ליניע פון זייער פאָלק.

אין זייער היימלאַנד, אין רוסלאַנד, איז פאַר אידן געווען פאַר־באָטן צו באַזעצן זיך אַף ערד, האָבן דיזאָזיקע „עם־עולמניקעס" זיך געלאָזט אין גרופּעס צו דער פרייער אַמעריקע. דאָ האָבן זיי דערוואַרט אויפצובויען קאָלאָניעס אַף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. דאָ, אין דעם לאַנד, האָבן זיי געהאָפט אָפּצואווישן דעם שאַנד־פלעק פון זייער פאָלק. דאָ וועלן זיי לערנען די פעלקער פון דער וועלט צו דערזען און פאַרשטיין דעם אמתן ווערט פון דעם פאָלק פון דער וועלט.

נאָך אַ פאַר ניט־געלונגענע פּראָבן זיינען דאָ די מענטשן פון די „עם־עולם"־גרופּן ביטער אַנטוישט געוואָרן. דער טומל, דער טעמפּאָ פון דער גרויסער שטאָט, און אויך דאָס, וואָס זיי האָבן אַלע גלייך גע־מוזט אַריינפאַלן אין די שעפּער כדי צו פאַרדינען אַף אַן אָרימען לעבן,

האט פארדארבן די פיינע פעדים, וואס האבן זיי צונויפגעבונדן; זיי האבן זיך איינגיכן גענומען ברעקלען און רייסן צווישן זיך.

די מערסטע פון זיי זיינען ארייננעפאלן אין די שניידער־פאבריקן און פאבריקלאך, וואו עס האט דעמאלט עקזיסטירט א „שפאן־סיסטעם". מען פלעגט נעמען א צען מענטשן און יעדן פון זיי אויסלערנען ווי צו מאכן בלויז איין קליינעם טייל פון א מאנטל, למשל. נאכדעם פלעגן אלע צען מוזן ארבעטן אין שפאן אויפצומאכן איין מאנטל... מען פלעגט זיי צאלן א נישטיקן, א הונגער־לוין פאר א וואך ארבעט. א וואך, פארשטייט זיך, האט זעקס טעג. פלעגט אבער זיין דער אפמאך אזוי: יעדער „שפאן" האט געדארפט אויסארבעטן פופצן רעק א טאג. כדי אויסצוארבעטן די פופצן רעק פלעגט דער גאנצער „שפאן" מוזן ארבעטן אין שוויים און געאייל פון זעקס־זיבן אינדערפרי ביז צען־צוועלף אינדערנאכט אין איינגע און שלעכט־געלופטערטע שעפער, און ווען עס פלעגט אריינקומען א פאסאן אדער א שטאף, צו וועלכן די פינגער פון די ארבעטער זיינען ניט געווען איינגעוואוינט, פלעגט דער „שפאן" נאך מוזן צולייגן צו יעדן טאג א טייל פון דעם קומענדיקן טאג, כדי אפצומאכן די נויטיקע צאל רעק. אזוי, אז צום סוף פון דער וואך פלעגן די ארימע פארדינסטן ווערן נאך ארימער. ווארים ווי שווער מען האט געארבעט און געטריבן איינער דעם צווייטן ביי דער ארבעט, פלעגט צום סוף וואך אויספעלן א טאג אדער צוויי פון די פארדינסטן.

אפט פלעגט פון דעם ביליק־געפארבטן שטאף אויפגעשלאגן ווערן אין דעם איינגן ארבעט־צימער אזא מין פארב־שטויב, פון וועלכן די ארבעטער פלעגן זיך פארהוסטן און איניקע פון זיי פלעגן פון דעם נעמען שפייען מיט בלוט.

געוואוינט האבן דידאזיקע מענטשן אין איינגע, שמוציקע וואוינונגען צו־עטלאכע אין איין צימער, און ווי נאר עס פלעגט קומען די נאכט, פלעגן פון אונטער די ווענט, פון אונטערן דיל, פון אונטער די קאסטנס און שאפעס ארויסלויפן אזוינע ושוקלאך. דאס זיינען געווען אזוינע פלאטשיקע, לאנגלאכע, הערנערדיקע, שווארץ־ברוינע חיהלאך מיט פיל רירעוודיקע, פליגנדיקע פיסלאך. זיי פלעגן באפאלן די ארימע וואוינונגען פון די מענטשן און נעמען לויפן אונטער די פיס און אף די פיס, איבער די טעפ, די טעלער, איבער דעם ברויט און אף די ווענט.

איילנדיק און רירנדיק פלעגן זיי לויפן און זיך אָפּשטעלן פון־מאָל־צו־מאָל, זיי פלעגן אַנוואַרפן אַ שרעק און אַן עקל אַף די מענטשן. אַף די געלעגערס ביידערנאַכט פלעגן אַנדערע פּלאַטשיקע, קלענערע חיהלאַך אַרויסקריכן פון די שטרויענע מאַטראַצן און פּייניקן די מענטשן. אַסאַך פון די „עם־עולמניקעס" האָבן געמוזט טראַכטן, אַז עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן צו באַזעצן זיך אַף דעם שוים פון דער נאַטור דעמאָלט, ווען אַזוי פיל פון זייער פאָלק לעבט אַזאַ לעבן, דאַרף זייער אינטעליגענטערע כוחות, דאַרף זייער העלפנדיק וואָרט און זייער פירנדיקן געדאַנק.

צווישן עטלאַכע אָרימע, ניט גאָר הויכע מויערן אין דער אידישער געגנט, איז געווען איין אָרט אַזאַ, וועלכן מען האָט גערופן „דער חזיר־מאַרק". אַף דעם „חזיר־מאַרק" פלעגן זיך צונויפקומען די פילע אַרבעטלאָזע. אַהער פלעגן אויך קומען די פאַבריקאַנטלאַך, ווען עס האָט אויסגעפעלט אַ „שפּאַן" אָדער אַ פּאָר מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן פון זייערע שפּאַנען.

קיינער האָט ניט געוואוסט אַף קלאָר, פאַרוואָס מען האָט אָט־די געגנט, אָט־דעם סקווער גערופן „חזיר־מאַרק". אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מיט אַסאַך יאָרן צוריק איז טאַקע אַף אָט־דעם אָרט געווען אַ חזיר־מאַרק. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז פון גרויס עקל, פון דעם זיין געצוואונגען צו ברייגגען זייערע הענט אַף אָט־דעם קויף־און־פאַרקויף־אָרט האָבן די אידן אַליין אַ נאָמען געגעבן דאָס אָרט — „דער חזיר־מאַרק".

עס האָט ביי זיי געהייסן: אָט, גיי, טראָג זיך אַוועק אַף דעם „חזיר־מאַרק", אפשר וועט דיך אימיצער דאָרט אויסכאַפּן. דאָס האָט מען אַזוי ביטער געשפּאַסט אַף דעם אייגענעם חשבון. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָבן די איינגעבוירענע, אָלס האָס צו די אַריבערגעקומענע, אַ נאָמען געגעבן זייער צונויפזאַמל־פּונקט „דער חזיר־מאַרק".

פרענקל פלעגט זיך אַהער אָפט פאַרקלייבן מיט אַ פּאָר פון זיינע כּוער און פלעגט דאָ האַלטן רעדעס פאַר דעם אומגליקלאַכן עולם, זיי פרוואוון איינרעדן, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין יוניאָנס און אין פאַראייגען כדי צו קעמפן קעגן דער שוידערלאַכער עקספּלואַטאַציע.

פֿרענקל פֿלעגט פֿאַר זײ מיט טרעפֿנדיקע, לעבעדיקע פֿאַרבן מאָלן זײער אומגליקלאַכן לעבן.

אידן מיט קאַלטענעװאַטע בערד, מיט פֿאַרמאַטערטע, פֿאַרבײנקטע און אָפֿט פֿאַרהונגערטע פּנימער פֿלעגן זיך אין גרױסע צאָלן גערן אַרומ־שטעלן אַרום פֿרענקלען. דאָס, װאָס ער אַלײן האָט נאָך אַלץ געטראָגן זײַן קלײנע, לאַנגלאַכע, שװאַרץ־גרױ בּאָרד, דעמאָלט, װען אַלע „שאַל־טיקעס" נעמען דאָ גלײַך אַראָפּ די בערד מיט די װאַנצן אינײנעם, האָט אים צוגעגעבן שײנקײט אין זײערע אױגן און זײ האָבן אים מיט דער צײַט גאַנץ פּשוט גענומען רופֿן „משה רבנו"... ער װיל זײ אױסלײזן פֿון עבֿודת־פּרך. אַסאַך פֿון די דעמאָלטדיקע אַריבערגעקומענע אידן זײַנען בכלל געװען געניגט צו זען אַ מין נײַעם יציאת־מצרים אין זײער לאַנג און פֿלעגן ליב האָבן אָנצורופֿן זאַכן מיט אַזױנע יציאת־מצרים־דיקע נעמען. אַזױ, למשל, פֿלעגן זײ דעם קעסל־גאַרדן ליב האָבן אָנ־צורופֿן מיטן נאָמען „גושן". דער קעסל־גאַרדן איז דעמאָלט געװען דאָס אָרט, װאוהין אַלע אימיגראַנטן האָבן געמוזט אַראָפּגײן בײַ זײער אָנ־קומען מיט דער שיף קײן אַמעריקע.

די אַלטע, ברױנע געבײדע איז װי אַ פֿעסטונג געשטאַנען אָפֿן סאַמע בּרעג ים — מיט זײַן הינטן צום ים און מיט זײַן פּנים צו ניו יאָרק. אַרום דעם מױער איז געװען אַן אָפּגעצאַמטער, גרױסער הױף, װאוהין מען װאָלט געקאָנט פֿאַרטרײבן אַ גאַנץ גרױסע טשערעדע בהמות — אָט אין דעם הױף פֿלעגט מען לאָזן די אָנגעקומענע אימיגראַנטן פֿאַרבלײבן שלאָפֿן אונטערן אָפֿענעם הימל אין ליכטיקע און קאַלטע און פֿײכטע און אָפֿט אױך אין רעגנדיקע נעכט, און זײ פֿלעגן זיך דאָ אױפֿהאַלטן, ביז זײ האָבן פֿאַר זיך אױפֿגעזוכט באַשעפֿטיקונג אין שטאָט.

בײַ די אַריבערגעקומענע האָט דאָס געהײסן, אַז אַזױ לאַנג, װי אײנער קאָן שלאָפֿן אינײנעם מיט די איבעריקע טשערעדעס מענטשן אין דעם הױף פֿון קעסל־גאַרדן, איז ער אין גושן, װאָרים ער דאַרף דאָך ניט צאָלן קײן דירה־געלט. לאָזט אָבער אײנער איבער דעם הױף אָדער די שטאָל, װי זײ פֿלעגן אױך רופֿן דעם קעסל־גאַרדן, און גײט אװעק אין שטאָט, װאו ער האָט געקראָגן אַרבעט, האָט דאָס געהײסן, אַז ער פֿאַרלאָזט גושן און גײט אװעק צו עבֿודת־פּרך, קײן מצרים. אין דעם איז געװען אי אַ ביטערער ערנסט, אי אַ ביטערער שפּאַס — און האָט

אַף אַ געווּיסן אופן ווייטיקדיק אָפּגעדעקט די אינעווייניקסטע וואונ־
דיקע באַציאונגען צו די געהאַפּטע און צעשלאָגענע „אַמעריקאַנער גליקן"
און אַז מיט אַזאַ ענלאַכן ערנסט האָבן זיי אויך גענומען רופן פרענקלען
„משה רבנו".

אָבער באַוועגן אַ געניגנדיקע צאָל פון זיי אַנצושליסן זיך אָן זייערע
יוניאָנס און פאַריינען האָט פרענקל פאָרט ניט געקאָנט, און ער פלעגט
נאָך זיינע רעדעס אָפּן „חזיר־מאַרק" אָפּט מיט ווייטיק טראַכטן:

— אין יוניאָנס ווילן זיי ניט גיין, אָבער גיין און אַוועקזעצן זיך
אונטן אין די בתי־מדרשים און לערנען צום טויזנטסטן מאָל ווי אַזוי
אַ סוכה דאַרף געבויט ווערן, צי וועגן אַנאַנדער נאַרישקייט, דאָס יאָ.
פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פאַרוואָס?... וואָס פאַר אַ כוח ציט זיי צו
אָט־יענע פאַרשימלטע גמרות?

און ער פלעגט זיי גאַנץ אָפּט נעמען מוסרן און זידלען מיט כעס,
מיט פייערדיקע ווערטער און פייערדיקע בליקן.

די פּאָליציי פלעגט קוקן אַף די אַריבערגעקומענע ווי אַף ווילדע
חיות און פלעגט ביי דער קלענסטער געלעגנהייט באַפאַלן דעם „חזיר־
מאַרק" און נעמען טרייבן און שלאָגן דעם עולם מיט אַזוינע ספּעציעלע
שטעקנס, וואָס זיי פלעגן טראָגן פאַר דעם צוועק. פרענקל און די זיי־
ניקע האָבן דערפאַר גענומען האַלטן אַלץ זעלטענער זייערע אַגיטאַ־
ציע־רעדעס אַף דעם „חזיר־מאַרק". ווען די „עם־עולמניקעס" אָבער
זיינען געקומען און האָבן פאַרלאָזט „גושן" און זיך גלייך נאָכדעם גע־
נומען באַווייזן אָפּן „חזיר־מאַרק" און דאָרט פריידיקן זייערע אידייען
וועגן דערלייזן דאָס אידישע פאָלק דורך ערד־אַרבעט, האָט זיך אויך
פרענקל ווידער גענומען באַווייזן אָפּן חזיר־מאַרק. ער האָט דאָרט גע־
נומען אַטאַקירן די „עם־עולמניקעס"; ער האָט זיי אָנגערופן רענע־
גאַטן, טרוסן, — איר האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דאָס אומ־
גליקלאַכע רוסלאַנד כדי פאַר זיך אויפצובויען רואיקע נעסטן אַף דער
שויס פון דער נאַטור, און איצט, אַז איר זענט דאָ, האָט איר ווידער ניט
קיין רעכט צו טראַכטן פון אַזוינע גאָלדענע חלומות. אָט־אָ דאָ, אין דעם
פינצטערן לעבן, צווישן אייערע אָפּגעגאַרטע, אומגליקלאַכע, פאַרשקלאָפטע
ברידער דאַרפט איר בויען אייער היים, אויב איר זענט באמת אידעַ־
אַליסטן.

דאס אייגענע פלעגן אויך טאן ליזא, די מים פינק, קארפילאוו, מינדלין און אנדערע. זיי האבן מיט דעם געשלאגן אף די סאמע שוואכ־סטע פונקטן פון די פארעקשנטע אבער פארט ריינע און געוויסנהאפ־טיקע „עם־עולמניקעס”, און די „עם־עולמניקעס” אליין האבן נאכדעם גענומען קעמפן אפן חזיר־מארק מיט זייערע אייגענע חברים. אסאך פון די „עם־עולמניקעס” זיינען גלייך אריין אין די היגע סאציאליסטישע און אנארכיסטישע פאריינען. דאס זיינען אלע געווען יונגע, אייגנגע־גלויבטע ענטוזיאסטן, וואס האבן אין די אוונטן, נאך דער שווערער ארבעט אין די שוויץ־פאבריקן, נאך נעפונען אין זיך גענוג ענערגיע צו שטודירן, צו גרינדן יוניאנס, צו שפרייטן בילדונג צווישן זייערע ברידער, וואס האבן געמוזט קומען מיט די שיפן פון אריבערן ים אין אלץ גרעסערע מאסן און פלעגן זיך לאזן דערקענען אין די ברויזנדיקע ניו יארקער גאסן דורך זייערע עלנטע, צעטומלטע, צעשראקענע און ברייט־צעעפנטע אויגן.

איינער פון די „עם־עולמניקעס”, וואס האט זיך גלייך גענומען צו העלפן ארגאניזירן דעם פארווארלאזטן לעבן פון די ניט־ארגאניזירטע ארבעטער, איז געווען דער יונגער בערמאן, דער יונגער ענטוזיאסט מיט די געזונטע, שטארקע ציין אין מויל, מיט וועלכע ער וואלט, דאכט זיך, געקאנט שטיינער קייען. ער האט אויך געהאט אן אויסגעהאמערטן שטערן און א שווערן קאפ האר און אויגן פארעקשנטע, וואס האבן גע־קוקט פאר זיך — גרייט דורכצוברעכן אלע צאמען.

די גאנצע וועלט איז פינצטער, נאר אויגן ברייננען ליכט; די גאנצע וועלט איז באאס, נאר אויגן לייגן פאר זיך א וועג.

בערמאן — דאס איז, דאכט זיך, געווען א צעגליטער שטראם ענערגיע, נאר פאר פרענקלען פלעגט ער בלייבן שטיין אביסל א צע־טומלטער, און פרענקל פלעגט במעט אויך אזא צעטומלטער בלייבן שטיין פאר אים.

קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק

די קליינע לינא איז פאַרטיק געוואָרן מיט אירע לעקציעס און גע־נומען גענעצן.

— נו, לינא, גיי, נעם דיין באָד און לייג זיך שלאָפן — האָט זיך די מאַדאַם פיינמאַן אָפּגערופן.

— אָ, מאַמע, איך בין מיד. איך וועל נעמען מאָרגן אַ באָד.

— „נעווערמיינד" מאָרגן. אויב דו נעמסט ניט קיין באָד, קאָנסטו מיט מיר ניט שלאָפן אין איין צימער — האָט זיך גערטרוד, לינאס עלטערע שוועסטער, אָנגערופן — שוין דריי טעג, אַז דו האָסט קיין באָד ניט גענומען.

— אַ, אַ, אַ, גערטרוד, איך בין מיד.

זינא, פרענקלס טאָכטער, איז גראָד אויך געווען אין הויז, האָט זי זיך אומגעקוקט אַף לינאן, אַף גערטרודן און אַף דער מאַדאַם פיינמאַן און האָט זיך ניט־באַקוועם אָבער אויפריכטיק צעשמייכלט.

פון דער מאַדאַם פיינמאַן האָט פרענקלס טאָכטער, זינא, מיט דערוואַכטער מיידלשער נייגעריקייט פלייסיק געלערנט וועגן זאַכן, וואָס זי האָט ניט געוואוסט. זי האָט דערפאַר איינגעוויליקט צו בלייבן אַף נאַכט ביי די פיינמאַנס, וואָרים דורכדעם וועט זי קאָנען אביסל לייגער פאַרברייננגען מיט דער דערפאַרענער מאַדאַם פיינמאַן. זינא איז געווען אין יענעם מאָדנע־צעטומלטן עלטער, ווען מיידלאַך פרעטענדירן אַף באַזונ־דערע איינגאַרטיקייטן און דאָס האָט זי געמאַכט ליב האָבן די מאַדאַם פיינמאַן פאַר די נייע וועלטן, וואָס זי האָט פאַר איר געעפנט, און גער־טרודן — פאַר איר גאַנצער פאַרקערטער, אָפּגעשלאָסענער, ריינער וועלט. ביידנס וועלטן האָבן זי געלאָקט, ווייל צעטומלט און פרעטענציעז איז זי געווען. גערטרודס רעדן צו איר שוועסטערל לינא האָט זי אָנגעלאָקט. עס איז איר אויסגעקומען, אַז דאָ, אין הויז פון די פיינמאַנס, רעדט מען שטענדיק וועגן בעדער, וועגן וואַשן זיך. פאַרוואָס איז דאָס? זיי

האָבן, דאַכט זיך, הנאה, פון וואַשן זיך פּונקט ווי גענדז, און זינאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ווייסטו וואָס, גערטרוד, לאָמיר איר געבן אַ „באָד־פּאַרטי".

—טאַקע! — האָט זיך גערטרוד אָנגערופן — דאָס איז אַ וואונ־דערלאַכע אידייע.

און ביידע מיידלאַך האָבן זיך אַ הויב געטאָן און אַ נעם געטאָן די קליינע לינאַ אונטער די הענט און זי כמעט אַריינגעטראָגן אין באָד־צימער און האָבן זי דאָרט מיט גרויס טאַראַראַם אויסגעבאָדן און אויס־געפּליעסקעט, אויסגעפּודערט און אָנגעקיצלט. זיי האָבן מיט איר היל־כיק געקאָמאַנדעוועט. לינאַ האָט אונטער זייערע הענט געלאַכט און געקוויטשעט. גערטרוד האָט פון מאָל־צו־מאָל געפרעגט:

— האָב איך ניט אַ קליינע שיינע שוועסטער?

— יאָ, דו האָסט אַ קליינע שיינע שוועסטער — האָט זינאַ געענט־פערט.

— ווי גרויס און שיין און ריין איז מיין שיינע קליינע שוועסטער?

— ווי גרויס און שיין און ריין איז דיין שיינע קליינע שוועסטער?

— האָט זינאַ איבערגעפרעגט.

— ווי אַ ווייסער פויגל איז שיין און ריין מיין ריינע, קליינע שוועסטער — האָט גערטרוד געענטפערט.

דער שפּרוך „ווי אַ ווייסער פויגל" האָט זיך אַרויסגעריסן פון גערטרודס מויל ווי אַ ליבטיקע, פריידיקע זאַך און אומדערוואַרט פאַר איר אַליין. דאָס איז עפּעס געוועזן אַ מין באַהאַלטן ווייס ליכט, וואָס האָט אויפגעשוועבט פאַר אירע גרויסע אויגן, ווי אַ זאַך וואָס זי וואָלט געוואָלט פאַרהוילן, ווי אַ בליץ, וואָס זי וואָלט געוואָלט באַהאַלטן.

נאָכדעם, אַז מען האָט שוין לינאַן אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, זי איינגעדעקט אַזוי, אַז נאָר דער פריש־אויסגעוואַשענער קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט, האָט זיך די קליינע לינאַ אָנגערופן צו זינאַן:

— און איצטער, זינאַ, נעם דו אַ באָד, ווען ניט וועט דיך גערטרוד ניט לאָזן צו זיך אין בעט אַריין.

ביידע מיידלאַך האָבן זיך פון דעם דערפילט ניט באַקוועם... זינאַ האָט זיך פאַרשעמט און זיך צעלאַכט, און גערטרוד האָט זיך פאַרשעמט און זיך צעטומלט.

און לינא האָט זיך נאָך ווייטער אָנגערופֿן:

— אַף מיין וואָרט, זינא, דו קאָנסט זי ניט. זי וואָלט יעדן מענטשן געגעבן אַ באָד.

דאָ האָט זיך שוין גערטרוד אויך צעלאַכט און זינא האָט זיך פֿאַר־רויטלט אָנגערופֿן:

— דאָס איז גוט. געוויס. מענטשן דאַרפֿן זיין ריין...

— ווי ווייסע פֿויגלען... — האָט די קליינע לינא אַריינגעוואָרפֿן.

די עלטערע מיידלאַך האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט און זינא האָט פֿאַרענדיקט:

— אַט וועל איך זיך אויסטאָן און וועל אויך גיין נעמען אַ וואַנע. וועל איך אויך זיין ווי אַ ווייסער פֿויגל. דאָס איז גוט.

— יאָ, ס'איז גוט —האָט די קליינע לינא צוגעגעבן, דערפֿילנדיק מיטאַמאָל אַ גוטע מידקייט אין אירע אַלע גלידער און גלייך גענומען צומאַכן די אויגן — אַף ווייסע פֿויגל...

גערטרוד האָט ווי אַ לייכט־פֿאַרשולדיקטע שמייכלענדיק געטראַכט פֿון דעם ווייסן שפּרוך, וואָס האָט זיך אַזוי אומדערוואַרט גרינג אַרויס־געריסן פֿון איר און שוועבט איצט אום אינדערלופֿט און איז שוין אַף אַלעמענס מיילער.

זינא האָט זיך גענומען אויסטאָן, נאָר אינמיטן האָבן אירע אויגן מיטאַמאָל אָפּגעמאָסטן די גראַנדיעזע שטאַלטנע גערטרוד און זי איז שטיין געבליבן.

— וואָס איז מיט דיר, זינא? — האָט גערטרוד זיך פֿאַרוואונ־דערט אָנגערופֿן.

זינא האָט אַלץ געקוקט אַף גערטרודן און ניט באַלד געענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס טוסטו זיך ניט אויס? — האָט גערטרוד געפֿרעגט.

— איך שעם זיך... — האָט זינא געענטפֿערט. — דריי־אויס דעם לאָמפּ.

—אָ, דו ביסט אַ מאָדנע — האָט גערטרוד זיך אָנגערופֿן — אַט. נאָ, איך וועל דיר ווייזן.

און גערטרוד האָט גענומען איינס־צוויי אַראָפּנעמען פֿון זיך די קליידער.

זינא האָט נאָכגעקוקט גערטרודן מיט א פאַרשעמטער רויטקייט און מיט געשפּאַנטע בליקן... אָט־די ריינקייט און צוגעקליבנקייט פון גערטרודס קליידער האָבן אין זיך געהאַט עפּעס אַזאַ מין ציטערדיקע און ניט־אָנגעשטרענגטע אָפּגעהיטקייט, ווי אַלץ, וואָס אַף אָט־דער גערטרודס לייב, און אָט טאַקע דאָס לייב אַליין. אָט־דער שלאַנקער קערפּער, וואָס בויגט זיך אַזוי עלאַסטיש און אַנטבלויזט זיך אַלץ מער און מער, און אָט — גערטרוד גיט פון זיך פלינק א הויב איבערן קאָפּ אַריבער דאָס דינע העמדל, דאָס לעצטע פון איר לייב, און בלייבט פאַר א רגע שטיין אינגאַנצן א נאַקעטע, אַן אויפגעבליצטע, אַן אויפגעראַמטע. סאַראַ וואָגנדיקע שטאָלצקייט! סאַראַ פלינקייט פון געבוי — אויסגעקנאָטן ליכט. אויסגעשניטן, אויסגעהאַמערט ליכט! א טונקל־האַריקע. דאַכט זיך אויך א טונקל־הויטיקע און פאַרט עפּעס אַזאַ מירמלשטייןערדיקע, אַזאַ שנייאיקע, אַזאַ בלענדנדיקע בלאַסקייט — אויסער אָט־דער יונגער שוואַרצקייט ביים ברעג פון בויך, אויסער דער בלייך־צעבליטער ראָזקייט אַף די שפּיצן פון אירע אָנגעשטייפטע רונדע בריסט, וואָס רויטלט זיך מיט דעם רויט פון אירע פולע ליפּן. און ווי ציטערדיק עס ווייסט און עס בלאַסט זיך די ווייכע הויט פון איר שלאַנקן קערפּער קעגן אָט־דער פריש־געצונדענער רויטקייט — ווי א ווייסער פאַנצער איבער א שאַרף־גליענדיקן פייער איז די דורכזיכטיקע הויט פון גערטרודס לייב. דאָס פייער דרימלט נאָך; דאָס פייער נעמט שוין מיט שיינע, ליכטיקע גלי־פונקען אַרויסקוקן פון אירע בריסט.

און אָט האָט גערטרוד, ספּרוזשינעדיק, א בויג געטאָן אין א ווייכן האַלבן רינג איר קערפּער, אַנגענומען איר נאַכט־העמד פון דערבייאיקן ביינקל, זיך באַלד גלייך אויסגעגליכן אַף אַרויפצואוואַרפן דאָס העמד אַף זיך. איז זינא דאַ א פאַרפלאָמטע גלייך אויפגעשפּרונגען און אַנגעכאַפּט גערטרודס נאַכט־העמד מיט איר האַנט און זיך גענומען רעדן צו גערטרודן ווי אין פיבער:

— גערטרוד, גערטרוד, לאָז מיך קוקן אַף דיר! דו ביסט דאָך אַזוי שיין, ווי א נימפע, אַזוי געטלאַך, ווי א נעטין — א יונגע, א ליכטיקע. זע נאָר, ווי דו הויבסט זיך אויף אַף אַזוינע הויבע שלאַנקע פיס, מיט אַזאַ ליכטיק, אויסגעטאַקט לייב. זע נאָר דיינע בריסט, דיינע אַקסלען, דיינע היפּטן, דיינע הענט, דיין בויך, ווי רייך געשניטן! ווי

מאַיעסטעטיש דיין טאַליע! ווי ווייך, ווי גלאַט געפּלאַסטערט עס שפּרייט זיך פון אַרום דיין נאָפּל אָט־דער גלייך־און־ווייך־געבעטער בויך. דיינע רונד־אויסגעבעטע היפּטן זיינען פון פאַרנט ווי אַ וואונדערלאַכע וואַזע; זיי טראָגן אַזוי גיריק אונטער דיין שיינעם בויך, דיין טאַליע, דיינע בריסט, דיין האַלדז און דיין קאָפּ. דו בליסט פון דיין אייגענער וואַזע מיט אַזויפיל ריינער זיכערקייט אַרויס, און רונד אַרום דיין נאָפּל — אַן אַרויסגעפּרעסטער ליכט־רינג, ווי אַ פאַנאַנדערגעשטראַל־טער ליכט־קרייז אַרום אַ שטערן. ווי שיין עס זיינען דיינע קניען. ווי ליב עס איז דיין דיך, און אָט־די אַלע צעבליטע און אָפּגערונדיקטע פאָרמען פון דיין לייב. ווי שטאָלץ און ציטעריק זיי קוקן דאָס פּאָר זיך! און ווי זיס עס איז דער ריח פון אָט־דעם לייב דיינעם — נאָט מייַ־נער, נאָט מיינער. גערטרוד, גערטרוד! איך בין גרייט צו קושן די נעגל פון דיינע פיס. דו ביסט געטלאַך, געטלאַך!

און זינא האָט זיך דאָ באמת אַראָפּגעלאָזט אַף די קני פאַר גער־טרודן.

קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

שפּעטער אינאָוונט זיינען די צוויי אויסגעבאָדענע גערטרוד און זינא און מיט זיי די מאַדאַם פיינמאַן געזעסן אינדרייען אין זייערע ווייסע נאַכט־העמדער אין דער מאַדאַם פיינמאַנס שלאָפצימער. דאָס צימער איז געווען גראָס און אָנגעפילט מיט ווייסן עלעקטרישן שיין. די פעל פון א גרויסן טיגער איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַפן דיל פאַרן בעט און פאַר די פיס פון די פרויען. די בליציקע טיגערישע שטרייפן האָבן זיך געוואָרפן איבערן פעל ווי א נערוועזע שריפט פון א בלוטיקן עקשן, וואָס ווידערהאַלט אָן אויפהער: „אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין", „אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט זיין".

דער גרויסער טיגערישער קאָפּ איז געווען לעבעדיק. די אויגן און דאָס ווילד־צעעפנט מויל מיט די גרויסע ציין האָבן געקוקט שאַרף און בייז. די פעל האָט די מאַדאַם פיינמאַן אַמאָל פון אירן א געליבטן א מתנה געקראָגן.

דער מאַדאַם פיינמאַנס קערפּער איז נאָך אַלץ געווען שיין און בויגיק און איר ברוינלאַכע הויט איז נאָך אַלץ געווען דין און גלאַט. איר טאָכטער, גערטרוד, וואָס איז געזעסן לעבן איר, איז שוין כמעט געווען אַזוי הויך ווי די מאַמע, נאָר אַביסל ליכטיקער און ווייסער. דער מאַדאַם פיינמאַנס אויגן זיינען ברענענדיק־שוואַרץ, שאַרף און גרויס, און דער טאָכטער גערטרודס אויגן זיינען סאַמעט־ברוין און גרעסער. די נעז זיינען אי ביי דער מאַמע, אי ביי דער טאָכטער געווען אַביסל ניט דערוואַקסן.

גערטרוד האָט ליב איר מאַמען. זי האָט אויך ליב איר פריינדן זינא, וואָס זיצט איצט מיט זיי, כאָטש זי איז אַזא מאָדנע. זי האָט אויך ליב דאָס דינע, ווייכע ליכט אַף זייערע ווייסע נאַכט־העמדער, אַף דעם ווייכן בעט און אַף די ווענט פון צימער. זי האָט אָבער ניט ליב צו הערן, ווען איר מאַמע און זינא רעד׳ן זיך פאַנאַנדער וועגן ליבע. האָט זיך גערטרוד

דערפאַר פאַרקוקט אַפן טיגערס קאָפּ, אַף דעם ווייסן ליכט, וואָס האָט זיך געפּערלט אַפן טיגערס שאַרפע ציין און אַף דעם ווייסן רעמל פון איר, גערטרודס, אייגן בילד, וואָס איז געשטאַנען ביי דער מאַמען אַף דעם ווייסן טואַלעט־טיש. פריער זיינען איניינעם מיט דעם בילד גע־שטאַנען נאָך אַ פּאָר אַנדערע בילדער, און איצט שטייט שוין אַפן טישל נאָר איר, גערטרודס, בילד.

— דאָס איז גוט — טראַכט גערטרוד פאַר זיך — איבערהויפּט דאָס, וואָס מיסטער בערנשטיינס בילד איז דאָ ניטאָ.

גערטרוד האָט געוואוסט, אַז דאָס בילד פון דעם מיסטער בערנשטיין האָט די מאַמע אַראָפּגענומען פון טישל טאַקע דערפאַר, וואָס זי, גער־טרוד, פלעגט אַף דעם קוקן מיט בייזע בליקן און איבער דעם איינגאַנצן גענומען אויסמיידן דער מאַמעס צימער. גערטרוד האָט שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל געטראַכט אַריינצוגיין אין צימער און צונעמען איר אייגן בילד פון טישל: — זי וויל ניט איר בילד זאָל שטיין אַפן טישל אינ־איינעם מיט בערנשטיינס. און דער טאַטע זיצט נאָך איצט דאָרט מיט אים... מיט דעם מיסטער בערנשטיין, און שפּילט מיט אים דאָמינאָ...

— כאַפּט זיך גערטרוד.

גערטרוד האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם גאָר אויפגעהויבן אירע אויגן צום פענצטער. ווי גרויס און ליכטיק עס קוקט איצט דאָס פענ־צטער אינדערנאַכט. דאָס פענצטער זעט אָט־די אַלע פלאַך־צעלייגטע גרויע דעכער און קלויסטער־שפּיצן, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי אומיסטן אויסגעשטעלט און אויסגעשפּרייט צוליב דעם... דאָס פענצטער זעט אויך דעם הימל איבער די דעכער און אפילו אָט־יענעם וואָלקן דאָרט... און גערטרוד האָט אַזוי געקוקט אַהין איניינעם מיטן פענצטער, ביז זי האָט דערהערט, ווי די מאַמע „לערנט" מיט זינאַן:

— יאָ, זינאַ, ביסט אַ פרייע, האָסטו שטענדיק די געלעגנהייט צו געווינען; בינדסטו זיך אָבער צו, קאָנסטו שוין קיין גרויס געווינס ניט דערוואַרטן.

דאָ האָט זיך גערטרוד אויפגעהויבן...

די מאַמע האָט זיך אַף איר אומגעקוקט און געפרעגט:

— וואָס איז, גערטרוד ? !

גערטרוד האָט דערויף געענטפערט:

— א גוטע נאַכט, מאַמע.

— פאַרוואָס?... — האָט די מאַדאַם פּײַנמאַן ווײַטער געפרעגט.

— אָ, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט ליב די שמועסן — האָט איר גערטרוד געענטפערט.

— גערטרוד, ביסטו ניט קיין קינד?! — האָט זיך זינא אַנגערופן מיט פאַרליבטער און וואַרימער צערטלאַכקייט אין קול און צוגעגעבן:

— איך שעם זיך פאַר דיר, גערטרוד!

גערטרודן האָט פאַרדראָסן, וואָס מען רופט זי „קינד", האָט זי נאָכאַמאָל אָפּגעזאָגט „א גוטע נאַכט", זיך צעקושט און פאַרן ארויס־גיין ארויפגעשטעלט איינעם פון אירע שלאַנקע פיס אַפן טיגערס קאָפּ, ווי זי וואָלט אים וועלן צעקוועטשן, און מיט כעס געזאָגט צום טיגער:

— גוטע נאַכט, טיגער, גוטע נאַכט!

די מאַדאַם פּײַנמאַן און זינא האָבן איר נאָכגעקוקט, און ווען גערטרוד איז ארויס פון צימער האָט זיך די מאַדאַם פּײַנמאַן געווענדט צו זינאַן, זיפצנדיק:

— אַט, ווי דו זעסט, האָב איך מיר דערצויגן אַן אייגענעם שונא אין הויז.

— און עס איז עפּעס אַזוי קאָמיש, מאַדאַם פּײַנמאַן! — האָט זיך זינא דערוויף אָנגערופן — נאָכדעם ווי מען האָט אַזאַ מוטער ווי איר און אַזאַ פרייגעזאָנענעם פאָטער ווי מיסטער פּײַנמאַן...

א ווײַלע איז געווען שטיל. נאָכדעם האָט זיך די מאַדאַם פּײַנמאַן געווענדט צו זינאַן:

— הער מיך אויס, זינא, אָט איך וואָלט זייער וועלן, אַז דו זאָלסט זיך צולאָזן צו איר. איר זענט דאָך ביידע כמעט אין איינע יאָרן. מען דאַרף איר נאָר עפענען די אויגן. אָבער ווײַטער זיינען אַזוינע ווי זי דאָ נאָר ווייניק.

זינא ווערט פאַרפּלאָמט און זאָגט:

— ווען איר וואָלט וויסן, ווי שיין זי איז, מאַדאַם פּײַנמאַן, איך וואָלט זי זיך נאָר קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעלן אַזאַ... אַזוי איז, דאַכט זיך, איר פּנים ניט איבעריק שיין, די אויבערשטע באַקן־ביינער זײַנען אפשר אביסל צו ברייט, אירע ליפּן אביסל צו דיק, אָבער דאָך.

ווי שיין, שיין און נאָך עפּעס אַזוי פיל מער פון דעם. און אַזוי קינדיש...
און איר, מאַדאַם פיינמאַן, האָט נאָך גאָר טאַקע קיינמאָל איר קערפּער
ניט געזען?!

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זינאַ, זי באַהאַלט זיך פון מיר אינ־
גאַנצן, אַפילו מיט איר לייב.

— וואָס ווייסט איר? — רופט זיך זינאַ ווייטער אָן אין איר
מיידלש־פּרעטענציעזער און צעטומלטער באַגייסטערונג — ווער וואָלט זיך
דאָס גאָר געקאָנט פאָרשטעלן?... די „וואָלכן" זיינען אַראָפּ פון זייערע
אייזלען, געפאַלן אַף זייערע קני, ווען זיי האָבן פאַר זיך פּלוצלונג אינ־
מיטן דערנאַכט, אין מדבר, דערזען אַ נייעם שטערן געבוירן ווערן. אַזוי
בין איך אויך פאַר איר היינט פּשוט אַף די קני געפאַלן.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט צופרידן געשמייכלט פון זינאַס רייד.
איר אייגן לייב איז אַף איר פון דעם ווי אויפגעצויגענער און שענער
געוואָרן, און דאָס, וואָס זינאַ האָט פאַרענדיקט דעם לויב פון איר טאָכטער
מיט עפּעס אַ מעשה פון אַ שטערן און „וואָלכן", פון וועלכער די מאַדאַם
פיינמאַן האָט ניט געוואוסט, האָט זי געמאַכט צו פילן נאָך צופרידענער און
שטאָלצער.

קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

אין דעם ביכער־צימער זײַנען זיך געזעסן פֿײַנמאַן און בערנשטײַן און געשפּילט דאָמינאָ.

דער טיש־לאָמפּ מיטן גרינעם אַבאַזשור האָט געמיטלאַך שטיל פֿאַנאַנדערגעטײלט דאָס צימער אױף אַן אױבערשטער און אונטערשטער העלפֿט: — דאָס טישל, די בײדע זיצנדיקע מענער און די דאָמינאָ פֿון שוואַרצן און װײַסן בײן מיט די גלאַנציקע „אױגן" זײַנען געװען אין געדיכטן גאָלדענעם שײַן, און אױבן, איבער זײ, איז אַלץ געװען טונקל־גרין און שאָטנדיק.

ליאָװע בערנשטײַן, פֿול־בלוטיק און ענערגיש, האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פֿאַלשן גאַנג און ער האָט זיך גענומען אױפֿרעגן:

— אַזױ גאָר! אַ!? װאַרט נאָר, װאַרט.

דער ברײט־בײניקער און גוטמוטיקער פֿײַנמאַן, האָט שױן מיט זײַן גרױסער האַנט אַנגענומען זײַן „שטײן" אױף אױעקצולײגן. אים איז אָבער גראָד אין דער מינוט אײַנגעפֿאַלן צו דערצײלן בערנשטײנען די נײַס, װאָס ער האָט װעגן גאַבריעלן... ער האָט זיך דעריבער גאָרניט געמאַכט הערנדיק און זעענדיק בערנשטײנס אױפֿגערעגטקײט און האָט זיך מיט אַ שמײכל, און אַ גאָרניט געװאױנטער באַרערװודיקײט אָנגערופֿן:

— יאָ. און אַז גאַבריעל קומט צו אונדז אין גיכן װײסט איר שױן?

בערנשטײַן האָט שאַרף אָנגעקנײטשט דעם שטערן און אַראָפּגעלאָזט די ברעמען. אַלײן ניט װיסנדיק אױף קלאָר צי ער טוט דאָס איבער דער נײַעס, װאָס פֿײַנמאַן האָט אים ערשט דערצײלט, צי איבער אָט־דעם שלעכטן גאַנג זײַנעם, פֿון װעלכן ער װאָלט זיך װעלן אַרױסדרײען. און ער האָט װי ניט דײַנקענדיק געפֿרעגט:

— װער?!

— גאַבריעל! לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל! — האָט אים פֿײַנמאַן

געענטפֿערט, שמייכלענדיק.

— אַ, לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל? אַזוי! — האָט דערויף בערנשטיין געענטפֿערט, בלײַבנדיק, װי אינמיטן פֿון עפּעס... און נאָכדעם גלײַך צוגעגעבן:

— ער פֿלעגט דאָך אַלץ ליב האָבן אַפּלאָכן פֿון אונזער „ביבלישער ברודערשאַפֿט"! אַ מאָדנער סוביעקט געװען, אינטערעסאַנט, נאָר װאָס האָט ער זיך דערמאָנט אין אַמעריקע, נאָך אַזױ פֿיל יאָרן?

— ער איז אַנגאַזשירט געװאָרן פֿון דער היגער אָפּערא־הויז — דאָט פֿיינמאַן געזאָגט, אַלץ שמייכלענדיק...

— אַזױ, אַזױ! דאָס איז טאַקע נײַעס — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופֿן, כלומרשט שמייכלענדיק.

דער שטענדיק גוטמוטיקער און שװײַגעדיקער פּראָפֿעסאָר פֿיינמאַן איז גראָד איצט, בײַ דעם דאָמינאָ שפּיל, געװאָרן באַרעדעװדיק און קאָץ־און־מויזיש שפּילעװדיק, האָט ער אַזוי געקוקט אויף בערנשטיינס אָנגעשטרײַנגטע אויגן, אויף דעם כלומרשט־גלײַכגילטיקן שמייכל, װאָס בערנשטיין האָט אויף זיך אַרױפֿגעשלעפּט... און אַזױ קוקנדיק גלײַך אויף בערנשטיינען, האָט זיך פֿיינמאַן נאָך מער צעשמייכלט און געזאָגט:

ער האָט דאָרט אין דייטשלאַנד געמאַכט גרויס דערפֿאָלג אַלס „מי־מע", און איצט ברענגט מען אים פֿון דאָרטן אַריבער פֿאַר דער ראָל.

— נו. און... די מאַדאַם פֿיינמאַן װײסט שוין פֿון דעם? — האָט בערנשטיין געפֿרעגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צו דעם דאָמינאָ.

— ניין. איך האָב איר גאָר פֿאַרגעסן זאָגן פֿון דעם.

— װי קומט דאָס?! — האָט בערנשטיין געפֿרעגט, װי ער װאָלט װאָס געפֿאָדערט...

— װאָס מיינט איר, װי קומט דאָס? — האָט פֿיינמאַן איבער־געפֿרעגט לאַכנדיק.

ביידע מענער האָבן דערבײַ אויפֿגעהויבן זייערע אויגן און אַ װײַלע געקוקט איינער אויפֿן צװייטן. בערנשטיין האָט דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט זײַנע אויגן, זאָגנדיק:

— נו, איך װײס... װאָס גייט דאָס מיר אײַנגאַנצן אָן אָט־דער גאַבריעל?! זעט איר. אָט־דער גאַנג מײַנער טויג טאַקע אויפֿן פֿייער. נאָר איך קאָן זיך ניט העלפֿן. פֿאַרפֿאַלן.

פֿיינמאַנען האָט גראָד ניט אַזוי געאַרט דאָס, וואָס בערנשטיין איז געווען זיין פּרוים געליבטער, ווי דאָס, וואָס ער, פֿיינמאַן, האָט פֿאַר אים קיין דרך־ארץ ניט. פֿיינמאַן איז געווען געוואוינט צו האָבן דרך־ארץ פֿאַר זיין פּאַניאַם געליבטע. דורך אָט־דעם דרך־ארץ צו אירע געליבטע, איז זי נאָך אַזוי ווי שענער געוואָרן אין זיינע אויגן. דאָס האָט געפֿירט אַף וועגן, וואָס ניט אַלע מענטשן ווייסן און וואָס ער, פֿיינמאַן אַליין, האָט ניט געקאָנט אָנרופֿן מיט די ריכטיקע ווערטער. דרך־ארץ איז אַ גרויסע זאַך. אַ. יאָ. דרך־ארץ. אָבער אָט־דער בערנשטיין האָט אים אַזוי ווי פֿאַרפֿלעקט דעם ליכטיקן געדאַנק וועגן זיין ווייב. געווען אַמאָל אַ ביבלישער ברודערניק דער בערנשטיין — אַ סאָציאַליסט; איצט אָבער איז ער גלאַט אַ סוחר, אַ סוחר. און אַזוי טראַכטנדיק האָט פֿיינמאַן אַוועקגעלייגט זיין שטיין און גלייך נאָכדעם אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פֿערטן און דערביי כלומרשט אומשולדיק געזעדט:

— גאַבריעל, מוזטו וויסן, איז ניט אַבי־ווער, דאָס איז אַ מענטש מיט טאַלאַנט, ער איז אַלע מאָל געווען אַ קינסטלער, און דערצו נאָך מיט אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויאונג, האָט זיך זיין אייגענעם באַגריף פֿון אמת און זעצט אים גאַנץ ענערגיש דורך. דאָס איז אַ מענטש, וואָס קומט, זעט און נעמט... וואָס, איר קאָנט נאָך אַלץ ניט גיין?... און איך האָב געמיינט, אַז אָט־דעם „דאָבל” האָט איר יאָ. — אויב אַזוי, זייט איר דאָך טאַקע אין זאַק!

— וואָס, איר האָט שוין אויך ניט מער?! — האָט בערנשטיין דערשראָקן געפֿרעגט.

— איך האָב — האָט פֿיינמאַן געענטפֿערט, — אָבער קיין גוטס וועט אייך שוין פֿון דעם ניט אַרויסקומען. דעקט זיך אויף!

ביידע מענער האָבן גלייך מיט דער פֿלאַך פֿון זייערע הענט אַ קער געטאָן די אויפֿגעשטעלטע שטיינער אַפֿן טיש. ביידנס איבערגעקערטע שטיינער האָבן שאַרף אַ פּאַטש געטאָן אין גלאַטן טיש. דער פּלוצלינגער פּאַטש האָט אַזוי ווי אָנגעיאָגט נערטרודן, וואָס איז נאָר וואָס אַריין אין דעם לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר פֿון דער מאַמעס ליכטיקן צימער, וואו זי האָט אַן אומצופֿרידענע איבערגעלאָזט דער מאַמען מיט זינאַן. אַ קעלט האָט זיך פֿון אָט־דעם פּאַטש פֿלאַטערדיק אַ וואָרף געטאָן אונטער נערטרודס פּיס און מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ זיך מיט

איינמאָל א הויב געטאָן און אַנגערירט די גאַנצע הויט פון איר אויפגע־שפּרונגען לייב. איז זי פון דעם אַזוי געבליבן שטיין א ווײַלע אין דער טונקעלקייט פון דעם לאַנגן קאָרידאָר. עפּעס האָט פון דעם מיטאַמאָל ווייס א שוועב געטאָן פאַר די גרויסע שטילע אויגן אירע. אָבער נאָך איידער זי האָט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזוינס האָט זי זיך מיט גיכע טריט גענומען גיין ווייטער. זי איז אַזוי אַריין צו זיך אין צימער, דערזען אויפן צווייטן בעטל איר קליינע שלאָפנדיקע שוועסטער לינאַ און אין פענצטער א נאַקעטע שטיק פון א דערבייאיקן נידעריקן דאַך און איבערן דאַך ווייט אַרויף — אויפגעוואַקסענע הויכע מויערן ווי ריזיקע פלאַנצונ־גען אַזוינע. די נידעריקערע מויערן ליגן ווי אַרונטערגעוואָרפענע קליידער פון די גרעסערע און גאָר גרויסע מויערן וואָס וואַקסן זיי אַריבער. צו קורץ, צו איינג און צו קליין זײַנען די קליידער געווען, האָבן זיי זיי אָפּגע־טרייסלט פון זיך און רייסן זיך איצט באַפרייטע צום הימל. ווי איבער א וואַלד פון טורעמס און הייזער איז דער הימל געהאַנגען, די גאַנצע לבנה מיט אַן איינציקן שטערן... אַט־דעם שטערן האָט גערטרוד ליב. אַט־דער שטערן איז אירער. זי האָט אויך ליב די מאַמע, זי האָט אויך ליב די לבנה, זי האָט אויך ליב אַלע אַנדערע שטערן, נאָר דער שטערן קוקט איר אַריין גלײַך אין האַרצן אַריין... פאַר א דערוואַקסענער מיידל איז אָבער ניט שיין לאַנג צו טראַכטן פון אַזוינע זאַכן, האָט זי אויפ־געדרייט דעם לאָמפּ גענומען א בוך און זיך אויסגעצויגן אָפן בויך אַף דעם ווייס געבעטן בעטל, אַנגעשפּאַרט דאָס צעעפנט בוך אַף דעם קישן פאַר זיך. אָנגעלענט איר קאָפּ אַף די הענט, מיט די אויגן געווענדט צום בוך.

גערטרודס גרויסע אויגן האָבן געקוקט אַף דעם בוך און האָבן נאָך אַלץ געזען דעם הימל, דעם שטערן, איר שטערן, און זי האָט גע־טראַכט:

— דער שטערן איז אמת. און דאָס, וואָס די מאַמע רעדט איצט מיט זינאַן, איז ניט גוט. און צווישן דער מאַמען מיט בערנשטיינען האָט געמוזט פאָרקומען א רוגז, ווייל ווען ניט, וואָלט זיך בערנשטיין ניט פאַר־זעסן אַזוי שפּעט מיטן טאַטן, און די מאַמע וואָלט ניט אַוועקגעגאַנגען שלאָפן ווען ער איז נאָך דאָ אין הויז... — און מיט א באַזונדער פאַרדראָס האָט גערטרוד געטראַכט פון דעם, וואָס זינאַ רופט זי „קינד". — זינאַ

מיינט, אַז זי ווייסט זייער פיל... — האָט זי געטראַכט. — און דער טאַטע זיצט דאָרט און שפּילט מיט בערנשטיינען אין דאָמינאָ. די שטיי־נער האָבן ערשט אַ פּאַטש געטאָן אין טיש — דערמאָנט זי זיך — און אינאיינעם מיט דעם דערמאָנט זי זיך אויך, אַז דאָס בוך ליגט פאַר איר און זי לייענט ניט. הערט זי אויף טראַכטן און נעמט זיך לייענען. אָבער דער קלאַפּ פון די שטיינער אָפן טיש האָט אויף איר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ פויגל וואָלט דאָרט פלוצלינג אויפגעפּאַטשט מיט די פליגלען, אָדער ווי זיי וואָלטן איינער דעם צווייטן עפּעס אין פּנים גע־שליידערט... ווי אַ פויגל, ווי אַ ווייסער פויגל... ערגעץ האָט זי עמיצן אַמאָל געהערט זאָגן:

— ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט־פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ.

זי האָט יענעם בלויז איינמאָל געהערט און געזען. און זי ווייסט אַפילו ניט ווי ער הייסט. און זי געדיינקט אים דאָך אַזוי קלאָר. זי גע־דיינקט אים אַזוי, אַז זי וועט אים,דאַכט זיך, שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

עס איז געווען אַזוי:

גערטרוד פלעגט יעדן מאָנאַט און אַמאָל אַלע צוויי וואָכן קריגן אַ משעק פאַר פּיאַנע לעקציעס, וואָס זי פלעגט געבן. דעם טאָג, וואָס זי פלעגט קריגן דעם טשעק, פלעגט זי אַן אויפגעראַמטע אים ערגעץ אויף גיך אויסבייטן און אָוועקלויפן האַנדלען, — אַמאָל סחורה אויף אַ קלייד, צי אַ הוט, אַ שניר קרעלן, זיידענע זאָקן, פּודער, אַ נייעם האַנט־טאַש, אָדער מתנות אַהיים. און אַזוי פלעגט זי אַביסל אַ פאַרווילדטע אַרומ־לויפן קוקן מיט אירע גרויסע אויגן אויף אַלץ, ווי אויף אומדערוואַרטע אַנטפּלעקונגען און קויפן ביז זי פלעגט זיך אַרומזען, אַז איר איז שוין נאָר געבליבן קליינגעלט אין טאַש, דעמאָלט פלעגט זי בלייבן שטיין און אָפּהאַקן איר אימפּעט, ווייל דאָס לעצטע ביסל קליינגעלט האָט זי דאָך געמוזט איינהאַלטן אויף אַ שאַכטל שאָקאָלאַד, וואָרים וואָס הייסט זי וועט פון דעם גאַנצן טשעק ניט האָבן איינגעהאַנדלט קיין שאַכטל שאָקאָלאַד? ! און שאָקאָלאַד האָט זי דווקא ליב געהאַט הײלערס, וואָס זי פלעגט קויפן פון הײלערס געשעפט דערפאַר, וואָס דאָרט האָט זי

אליין געזען אַף אַ שילד אויפגעשריבן, אַז דאָס צוקערגעבעקס ווערט דאָרט געמאַכט פריש יעדע שעה. און פרישע שאָקאָלאַדן זיינען ניט נאָר מחיהדיק־גוט, נאָר דער אַראָמאַט פון זיי איז ליבער און באַטעמטער; דער גומען און די יאַסלעס ווערן פון זיי אַזוי וואַרעם אויפגעקיצלט. די נאָזפליגלען ווערן פון דעם באַוועגלאַך און די אויגן ווערן ליכטיקער.

און איינמאָל, ווען זי איז זיך שוין אַזוי אַהיים געגאַנגען מיטן שאַכטל שאָקאָלאַד, אַביסל שפּעט אין אָוונט אַריין, אַ פאַרשפּעטיקטע, האָט זי פאַר זיך אַזוי פלוצלינג דערזען אַ רעדל מענטשן און אַן אָנגע־צונדענער פאַקל האָט געברענט איבער זייערע קעפּ. דער אָנגעצונדענער פאַקל האָט פון זיך געוואָרפן אַ רויטן שיין און אין דעם רויטן שיין איז געשטאַנען אַ מאָדנער מענטש מיט אַ ווילד־צעפּאַטלטן קאָפּ־האָר און האָט געטענהט און גערעדט, ווי עפּעס אַ בישוף־מאַן פון אַ ווילדן שבט, צי ווי אַ נביא פון פאַרציַיטן. זיינע ווערטער זיינען, דאַכט זיך, געווען אַזוי רויט ווי דעם פאַקלס פייער און האָבן אויך אַזוי געפלאַטערט און זיך אַזוי אויפגעשריבן און פאַרבליבן אין דער לופט. אויפריכטיקייט און האַרציקייט איז אין זיינע רייד געלעגן. אַ ברענעדיקע אויפריכטיקייט און האַרציקייט האָבן זיך אַזוי ווי ציטערדיק געוויגט אין יעדן וואָרט.

גערטרוד איז אַזוי געבליבן שטיין אַף אַ ווײַלע, ווי אַ פאַרכשופטע. געקוקט יענעם אין מויל אַריין, געהערט און דאָך ניט געהערט וואָס ער זאָגט. און אָט דערהערט זי מיטאַמאָל — ער רעדט פון אמת... ער ענ־דיקט... ער הויבט אויף זיין האַנט און שרייט אויס ווי אַ וואָרנונג, ווי אַ נבואה, וואָס האַמערט זיך אויס אַפן האַרץ:

— ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט־פאַנאַדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ.

און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגערעדט האָט זי אים געזען: ער איז גע־ווען אַ פּשוטער, אַביסל אַ פאַרגרעבטער אַרבעטער.

און איצט, ליגנדיק אַזוי אַן אויסגעצויגענע אַפן בעטל איבער איר בוך, פאַלט גערטרודן איין, אַז דאָס קומענדיקע מאָל, ווען זי וועט קריגן איר טשעק, מוז זי ווידער נאָך איר איינקויפן דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד פרואוון גיין אַהיים מיט דעם אייגענעם וועג. אפשר טרעפט זי אים דאָרט ווידער... און זי באַשליסט: יאָ. זי מוז נאָכאַמאָל קויפן דאָס אייגענע

שאַכטל שאָקאָלאַד און טאַקע פריער אויפעסן א פּאַר, אַזוי ווי לעצטן מאָל. און נאָך דעם גיין אַהיים מיט דעם אייגענעם וועג. און ווי זי וועט זיך אַזוי פאַרקערעווען אין יענער גאַס אריין און אַפּגיין אַביסל, וועט זי ווידער אַזוי מיטאַמאָל, פּלוצלינג, א הויב טאָן די אויגן... אפשר וועט זי דאָרט ווידער דערזען און דערהערן... ווי א ווייסער פויגל...

דאָס צעעפנטע בוך פאַר די אויגן איז ווייס, נאָר נאָך ווייס־און־ווייסער ווייסט זיך דאָס ווייסע קישן אונטער דעם. אין דרויסן שפּרייטן זיך ווייסע דעכער אונטערן הימל און ווי א טאָכטער און א מאַמע גייען אום אין הימל א לבנה און א ליכטיקער שטערן און — זינא זיצט איצט דאָרט אין צימער מיט איר מוטער. זינא איז א „ראָשען" און דער אַרבעטער מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ איז אויך א „ראָשען"... אַלע רוסישע זיינען עפּעס אַזוינע מאָדנע.

און פּלוצלינג בלייבט גערטרוד ווי אָפּגעהאַקט אינמיטן... עס גיט איר א שלאָג אין קאָפּ: — זינא דערציילט דאָרט איצט געווים דער מאַמען, אַז זי האָט מיך געזען א...

און גערטרוד נעמט אַוועק אירע הענט פון קאָפּ; גרייט אַרונטער־צולאָזן דעם קאָפּ מיטן פאַרשעמטן פּנים אַפן קישן, אָדער אַף די בלעטער פון בוך. זי בלייבט אַזוי ליגן א ווײַלע אַף איר בויך אַן אויסגעצויגענע מיט א נאָך ניט אַוועקגעלייגטן קאָפּ. אירע אָנגעשטעלטע גרויסע אויגן ברעכן־דורך די ווענט. די ווענט פאַרשווינדן פון אַזא באַזונדער כוח אין אירע אויגן, זי ליגט איצט ווי א ספינקס און ווי א טיגער, ווי א טיגער פאַרן אויפשפּרונג. זי קוקט, זי זעט, זי הערט, ווי זינא רעדט איצט צו איר מאַמען וועגן איר... זי ליגט איצט, ווי עס ליגט דער טיגער אַף דער מאַמעס דיל. דער טיגער הערט דאָרט איצט, ווי זי — ניין זי איז ניט, ווי דער טיגער. ניין. אָט לאָזט זי אַראָפּ איר קאָפּ. די ווענט קומען זיך צוריק צונויף, שטעלן זיך אויף, מאַכן זיך צו, שליסן צוריק אָפּ איר צימער. זי נורעט זיך איין. זי איז ניט קיין טיגער. ניין. זי איז ווייס, ווי ...ווי א ווייסער פויגל... ווי א שוואַן.

קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

אין אַ שטילער ווינטער נאַכט פאַלן שטילע שנייען, שטיל, זיך צערט־לענדיק און וויגנענדיק קומען זיי פון ווייטע הויכן, פליען פלאַטערדיק ביז זיי גרייכן אַ בוים, אַ דאַך, אַ זוים פון אַ פענצטער, אַ טרעפּ פאַר אַ הויז, צי גאָר אַ שטיין אינמיטן גאַס, און לייגן זיך רואיק אויס איינס לעבן איינס, איינס אַף איינס.

ווייך און הימלאָך ווערט דורך זיי די נאַכט.

גייט ווער, פילט ער זיך ווי אַ געלאַדענער גאַסט. פריידיק איז זיין בליק און פריידיק איז זיין טראַט; שלאָפט ווער, ווערט ווייכער, רואיקער זיין שלאָף.

און ווען דער מאָרגן קומט, גייען אַרויס די הויז־וועכטער מיט זייערע שניי־לאָפּעטעס און בעזימער אין די הענט, ווי עס גייען אַרויס מיט זייערע שניידמעסער די שניטער אַף צייטיקע פעלדער. גאָט האָט היינט אַ ווייסן שניי ווי אַ זיסן מן פאַרשפּרייט. עסן זיך די לאָפּעטעס מיט אַ קלינג און קלאַנג, מיט „מאַד" און „וואַד" אין דעם ווייסן שניי אַריין. ביז דעם אַספאַלטענעם טראָטואַר, און הילכן זיך מער און מער פאַנאַנדער מיט געזונטער פרייד און לייכטן הונגער. גיט זיך אויך מיט קלינג און קלאַנג און „טאַד" און „וואַד" די ווינטערדיקע מאָרגן־זון אַ הויב. גיט יעדער הויז־היטער מיט אַ לאָפּעטע צי מיט אַ בעזים אין זיין האַנט אַ דער־פיל די גאָלדענע זון לעבן זיך. די פאַרשנייטע, גלייכע גאַסן זיינען לאַנג און ווייט, נאָר די זון איז נידעריק און נאָענט. אָט הויבט זיך די זון ביסלעכווייז אויף און בלייבט הייגען ווי אַ ליכט־קרייז איבער יעדערנס קאָפּ. און די לאָפּעטעס — באַנג, וואַנג, דאַנג! טאַד, וואַד! און די בעזי־מער — ריש, ראַש! — דער ווינטער־מאָרגן — סיפּ, סאַפּ! דער ליבער פרישער ווינטער־מאָרגן!

גערטרוד איז נאָך האַלב פאַרשלאָפן און האָט נאָך ניט געוואָלט די אויגן עפענען.

— און איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן, גערטרוד.

גערטרוד רירט זיך נים. הערט און הערט נים.

— אויף מיין וואָרט, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגן — טשעפּעט זיך ווידער די קליינע לינא.

— הער אויף! — רעדט גערטרוד אַרויס אַביסל בייזלאַך. נאָך אַלץ נים צעעפענדיק די אויגן.

בויגט זיך די קליינע לינא אַריבער מיטן מויל גלייך צו גערטרודס קליינעם אויער און רעדט מיט אַ גליקלאַכער זיכערקייט אַריין:

— אַ שניי אינדרויסן. אַ שניי...

צעעפנט גערטרוד מיטאַמאָל אירע ליכטיקע, גרויסע אויגן כמעט איידער זי ווייסט נאָך צוליב וואָס זי טוט דאָס, און דערהערט ערשט נאָכדעם: „אַ שניי אין דרויסן, אַ שניי"... און זי גלויבט זיך נים און פרעגט ביי לינאן:

—אמת?

— אויף מיין וואָרט, גערטרוד.

גיט גערטרוד פון זיך מיטאַמאָל אַ וואָרף אַראָפּ דעם צודעק, שפּרינגט אַראָפּ אַ פלאַטערדיקע, גיט מיטאַמאָל אַ ציִ אַרויף דעם פאָרהאַנג פון פענצטער און דערזעט — אַ שניי אין דרויסן, אַ נייער, פרישער שניי... צלע חלומות פון דער נאַכט ווערן מיטאַמאָל צערונען, עס בלייבט נאָר איבער איין גרויסער ליכטיקער חלום, אַט־דער שניי. הויכע מויערן אויף מויערן, טיפע גאַסן צווישן זיי. די גאַסן פאַרשפּרייט מיט שניי, די דעכער, די שפּיצן, די קאַרניזן, די אַנלענס פון די פענצטער, באַדעקט מיט פרישן שניי. מענטשן שלאָפן נאָך און ווייסן נים ווי צווייבערדיק־ווייס און פעדערדיק־גרינג די גאַנצע גרויסע שטאָט איז איצט געוואָרן.

— נו, גערטרוד, האָב איך דיך אָפּגענאַרט? — פרעגט לינא זיך לאַכטשענדיק.

— ניין, לינא. איצט ביסטו טאַקע מיין גוטע שוועסטער — און זי נעמט זי אַרום און גיט איר אַ קוש, דערביי אַלץ קוקנדיק און טראַכטנדיק פון שניי.

— שאַ, ווייסטו נאָר וואָס — זאָגט פלוצלינג לינא — זאָג מיר דעם אמת, ווען האָסטו בעסער ליב — מיך צי דעם שניי?

גערטרוד צעשמייכלט זיך, קוקט צום שניי און ענטפערט נים.

—ווען האָסטו בעסער ליב ? ! נו ? ! — פרעגט שוין לינא מיט פאַרעקשנט־אַנגעשטעלטע אויגן.

— גיי, דו מאַכסט זיך נאַריש — זאָגט גערטרוד, אַלץ שמייכלענדיק און קוקנדיק צום שניי — דיך האָב איך ליב ווי אַ שוועסטער, און דעם שניי ווי דעם שניי.

האָבן ביי לינאַן פון דעם אַזש אויפגעגלאַנצט טרערן אין די אויגן. זי האָט געמאַכט אַ צוריקטראַט פון איר שוועסטער און האָט אַן אויפגע־רעגטע אויסגעשריען :

— איך וועל דיך שוין מער קיינמאָל ניט אויפוועקן ! עס מעג אפילו פאַלן אַזאַ שניי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל פאַרשאָטן ווערן, אפילו ווען דו אַליין זאָלסט פאַרשאָטן ווערן. איך וועל מיר קוקן אַפן שניי און וועל דיר פון דעם גאָרניט זאָגן. דו וועסט שוין זען, דו וועסט שוין זען !

און לינא איז אַרויסגעלאָפן.

זינא האָט זיך פון לינאס אַרויסלויפן אויפגעכאַפּט, פאַנאַנדערגע־עפנט די אויגן און געפרעגט :

— וואָס איז דאָ געשען ?

האָט איר גערטרוד אַף דעם געענטפערט מיט פרייד :

— שטיי־אויף. אַ שניי אינדרויסן !

— טאַקע ! — האָט זינא זיך אָנגערופן און זיך איינגעוואָרימט אויס־געצויגן אונטער דער קאָלדרע — איך האָב ליב שניי.

נאָכדעם, ווען גערטרוד, זינא און לינא זיינען שוין מיט זייערע ביכער אונטער די אָרעמס אַרויס פון הויז אַף צו גיין אין זייערע שולן, זיינען זיי שוין באַגעגנט געוואָרן פון דעם הילכיקן „טאַך" און „וואַך" פון די לאָפּעטעס, פון דער נאַר־וואָס אויפגעריסענער גאָלדענער זון און פון דעם רוישן פון די בעזימער, וואָס איז כמעט געווען ענלאַך צו דעם הירזשען פון פערד.

די בליקן פון גערטרודס גרויסע אויגן האָבן זיך ווילד פאַנאַנדער־געוואָרפן. אַלץ האָט מיטאַמאָל אַ זינגענדיקן שפּיל געטאָן. די הויז־וועכטער, די לאָפּעטעס, די זון, דער שניי און די לופט — דאָס אַלץ האָט זיך ממש געפילט ווי אַ פרישער גוטער שאָקאָלאַד צום גומען. זינא האָט

באַמערקט אָט־דעם מאָדנעם ווילדן בליק אין גערטרודס אויגן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— ס'אַ וואונדערלאַכער מאָרגן!

גערטרוד האָט דערויף געענטפערט:

— אָ. איך האָב אים אַזוי ליב, אַז ווען מען גיט מיר אים וואָלט איך אים אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט.

— וועמען? — פרעגט זינאַ מיט אָנגעשטעלטע אויגן.

— אָט־דעם מאָרגן — ענטפערט גערטרוד מיט אַן אויסדרוק, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געפילט זיין גוטן טעם צווישן די ציין, און זי זאָגט ווייטער שמייכלענדיק:

— און איך וואָלט נאָך פון אים נאָכדעם אָנגעלייגט פולע קעשענעס.

— גערטרוד! — שרייט אויס זינאַ — איך קאָן דיך נאָך אַזוי ווייניק!

— אָ, זי איז משוגע, — רופט זיך אָן די קליינע לינאַ, — יעדן מאָל, ווען ס'איז אַ שניי, ווערט זי משוגע.

— אָבער דו וועסט זי דאָך שוין מער ניט אויפוועקן, — פרעגט זינאַ, וועלכע איז געוואָר געוואָרן וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן זיי.

— אָ, ניין! — זאָגט לינאַ מיט דער פריערדיקער עקשנות, — אפילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל פאַרשאָטן ווערן מיט שניי.

ביים עק גאַס האָבן זיי זיך פאַנאַנדערגעשיידט אויף פאַרשיידענע וועגן.

גערטרוד איז זיך נאָכדעם געגאַנגען אַליין, געקוקט פאַר זיך און געפילט ווי זיך אַריינצואוואַרפן אין דער לופט און זיך דורכשווימען און אויסבאָדן אין איר. די זון האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם שניי און זיך דאָ־און־דאָרט אַזוי ווי אָנגעטאָן אַפן קאָפּ פון אַ שניי־שאַרער. אויף אַ מינוט האָט זיך גערטרודן נאָר אויסגעוויזן, אַז ניט זי לויפט דאָס איצט אין איילעניש צו דער הויך־שול דאָרט אויף דעם שול־פּלאַץ, נאָר אַז די ווייסע גאַס, די שול, וואָס נעמט גליען מיט זון אין די פענצטער, לויפן איר אַנטקעגן אָדער אַז דאָס זיינען גאָר אַלץ זאַכן אַזוינע, וואָס טויכן־אויף פון אונטער אירע פּיאַנע־פינגער, אַז זי זיצט דאָס איצט ביי דער פּיאַנע און פון איר שפּילן וואַקסן דאָס אַרוים אָט־די אַלע פאַרשנייטע און לופּנ־דיקע גאַסן, מיט דעם נעזונטן קלאַפּן און רוישן פון די לאָפּעטעס און בע־

זימער אין די הענט פון מענטשן, וואָס טראָגן גאָלדענע זונען אַף די קעפּ. מיט מענטשן פאַר וועמעס אויגן און אונטער וועמעס פּלייצעס עס וואַקסן בליענדיקע מויערן, גאַסן און מויערן וואָס האָבן זיך צעבליט מיט זייער גאַנצער הויכער גרויס, מיט זייער גאַנצער גראַדליניקער לענג.

— אַט ווי נאָר זי וועט היינט קומען אהיים וועט זי זיך דאָס צוכאַפּן צו דער פּיאַנע, און זי וועט דאָס שפּילן, און זי וועט דאָס שפּילן!...

קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

עס האָבן דאָך אַלע טאַטע־מאַמע ליב זייערע קינדער, דאָס איז דאָך דער געבאָט פון דער ערד און פון אַלץ, וואָס מערט און פּרוכפּערט זיך אַף איר. האָט דערפאַר אויך פּרענקל ליב זיין זינאַ. „זי איז אַ מאָדער־נער מענטש, מיט אַ פיינער אינטעליגענץ, לייענט אַסאַך און פאַרשטייט. קאָן רעדן מיט אַ מענטשן, קאָן אויפנעמען אַ געדאַנק, מען קאָן מיט איר רעדן פון אַלץ. אַזוינע קינדער זיינען דאָ גאָר ווייניק. זי איז אַ פולער דערוואַקסענער מענטש". — אַט אַזוינע און ענלאַכע זאַכן פלעגט דער צעווייטיקטער פּרענקל אָפט זאָגן וועגן זיין טאָכטער און מיט אַ באַזונ־דער פאַרגעניגען פלעגט ער וועגן איר ליב האָבן רעדן צו פאַניאַ פיינמאַן, און דערביי כמעט יעדן מאָל צוגעבן: ער ווייסט, אַז עלטערן האָבן זיך ליב אָפּצונאַרן אין זייערע קינדער, אָבער ער, פּרענקל, האָט זיין טאָכטער דערצויגן ניט ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ פריינט, ווי אַ חבר און אַט דערפאַר האָט זי דאָס טאַקע אַזאַ פרייען גייסט און איז אַזוי זעלבסטשטענדיק.

און אָט־די רייד פון פּרענקלען האָבן דאָס געבראַכט צו דעם, וואָס די מאַדאַם פיינמאַן האָט גענומען רעדן מיט זינאַן אָפן און פאַרטרויט, און זינאַ האָט זיך פון דעם גענומען פילן הויך און העכער. וואָרים יונגע סענטימענטאַלע מיידלאַך, ווען גאָט העלפט זיי, אַז אַ דערוואַקסענע, דערפאַרענע פרוי נעמט מיט זיי רעדן, ווי מיט זייערס אַ גלייכן, דערפילן זיי זיך מיטאַמאָל הויך און אויפגעהויבן; קיינער איז צו זיי ניט גלייך — זיי ווייסן פון אַסאַך און פון אַלץ, און ווייסן מער פון טאַטע־מאַמע און מער פון אַלע גוטע און ליבע פריינט. און עפּעס אַזאַ שמייכלדיקער, ווייסערישער בליק האָט זיך טאַקע גענומען פאַרריסן באַוויזן אין זינאַס אויגן און מיט אַ מין באַזונדער פון אויבן־אַראָפּיקן, פריינטלאַכן שמייכל האָט זי גענומען אויסמיידן אַסאַך פון אירע פריערדיקע פריינט און צווישן זיי אויך איר אייגענעם געשוואָרענעם פריינט — דעם טאַטן.

יעדעס מאָל, וואָס זינאַ פלעגט פאַרברענגען מיט דער מאַדאַם פיינ־

מאָן, פֿלעגט זי זיך דערפֿילן אַלץ צייטיקער, גערייצטער און פֿלעגט פֿון איר אוועק אַזוי, ווי עמיצער וואָלט פֿאַר איר אַ נייע ערד פֿאַרשפּרייט.

איז זינאַ אַזוי אין איינעם אַזאַ פֿרימאָרגן, גייענדיק פֿון די פֿיינמאַנס איינגעפֿאַלן, אַז היינט אוונט דאַרף מען גאָר אַראָפּפֿאָלן צו באַרין, צו באַרי בראַוועדמאַן, אַזוי... פּלוצלינג... כאָטש צוגעזאָגט האָט זי אים דאָס ערשט אויף איבערמאָרגן. אַ ?... כאַפּט אים דער רוח!... זאָל ער הנאה האָבן, דער חזיר.

אין אוונט האָט זינאַ גענומען אַ באָד און נאָכדעם איז זי אַן איינגעוואַשענע געבליבן שטיין פֿאַרן שפּיגל און געקוקט אויף איר אייגן לייב. פֿון אָנפֿאַנג איז איר דאָס אייגן לייב ניט געפֿעלן, איבערהויפּט ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן גערטרודס ליכטיק און שלאַנק אויפֿגעשלאַנגטן קערפּער, נאָר ביסלעכווייז האָט זי גענומען געפֿינען שיינקייטן און שיינקייט אין זיך, ביז זי איז אַזש געוואָרן לײַדנשאַפֿטלאַך און מיט לײַדנשאַפֿט גענומען אָנרירן איר אייגן לייב און זיך דערפֿון נאָכדעם צעלאַכט:

— נאַרציסיזם? אַנדראָגינע! אַנדראָגינע!

אָט־די אידייען פֿון נאַרציסיזם, אַנדראָגינע איז געווען איר ווייטער חלום. נאָר העכסט אינטעליגענטע און ראַפֿינירטע מענטשן קאָנען זיך דערהויבן צו אַזאַ קאָמפּליצירטקייט. זי האָט זיך פֿון דעם איצט דערפֿילט אַ הויך דערהויבענע און אין איר ליכטיקער דערהויבנקייט אַ טראַכט געטאָן, אַז אין איר ליבע צו דער מאַדאַם פֿיינמאַן, איבערהויפּט אין דער ליבע, וואָס האָט אין איר איינמאָל אויפֿגעוואַכט צו דער נאַקעטער גערטרוד, איז עפּעס פֿאַראַן אַזוינס, וואָס דערמאָנט אָן דער גרויסקייט פֿון סאַפֿאָ, פֿון בּיליטיס...

אַ באַרוישונג איז געקומען אויף איר: — גערטרוד, גערטרוד, האָב מיך ליב. לאָז מיך קושן דיין לייב, לאָז מיך שלאָפֿן מיט דיר אין איין בעט. זע, מיין לייב איז גוט, מיין לייב איז קיל און רונד און ווייך און דיין לייב איז אויפֿגעשפּרונגען און גרויסט זיך ווי דער קאָפּ פֿון אַ פּאַלמע. איך גיי היינט צו באַרין, נאָר ליב האָב איך דיך... און זינאַ דערזעט ווידער איר לייב אין שפּיגל. צעשמייכלט זיך צעפֿרידן, קוקנדיק אויף זיך:

— ס׳אַרט בריסט. ווען זי וואָלט קאָנען, וואָלט זי זיי צוגעטראָגן ביז צו אירע אייגענע ליפּן. — און זי באַשטעטיקט מיט צופֿרידנקייט: „איך בין

אַ קאָמפּליצירטע נאַטור — בין איך פֿאַרליבט אין זיך אַליין. בין פֿאַרליבט אין גערטרודן און גיי היינט צו באַרין גאַר...״

דער טאַטע אירער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר:

— זינאַטשקאַ!

— וואָס איז פּאַפּאַ?!

— דו קלייבסט זיך ערגעץ?

— המ־הם!

— וואוהין?

זינאַ האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם אַ שמייכל געטאָן און גע־ענטפֿערט:

— צו אַ פֿריינט.

פֿרענקל האָט דערפֿילט, אַז עפּעס האָט די טאָכטער זיך ניט געאײַלט מיטן ענטפֿער. און היינט — וואָס איז פֿאַר אַן ענטפֿער — „צו אַ פֿריינט״! דאָס האַרץ אין אים האָט זיך אַ ווייטיקדיקן וויג געטאָן — „זינאַ זאָל צו אים ניט רעדן גלייך און אָפֿן!?... און שוין ניט דאָס ערשטע מאָל אַזוי די לעצטע צייט״... און ער זאָגט:

— ניין, הער מיך אויס, מיין פֿריינט... ע... היינט רעדט דר. באַראַ־כאָוו... זיין ערשטע לעקציע און אויף רוסיש.

— נו איז וואָס? — פֿרעגט זינאַ אַלץ פֿון יענער זייט טיר.

— איך און די מאַמע גייען אים הערן, האָב איך געוואָלט דו זאָלסט אויך מיט אונדז גיין.

— צו וואָס?! — פֿרעגט זינאַ...

— וואָס הייסט צו וואָס?!... מען זאָגט, אַז ער איז זייער אַן אינטע־ליגענטער מענטש.

— און דו, פּאַפּאַ, גלויבסט אין דעם?...

— וואָס הייסט?! — האָט פֿרענקל נאָך אַלץ אונטער דער טיר גע־פֿרעגט אַ פֿאַרלוירענער...

זינאַ איז ווידער אַנשוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, געקוקט אויף זיך אין שפּיגל און נאָכדעם געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, פּאַפּאַ, דו גיי טאַקע מיט דער מאַמען, אים הערן. נאָכדעם וועט איר מיר דערציילן, צי עס איז געווען כדאַי.

פֿרענקלען האָט עפּעס פֿון דעם גענומען שטאַרק װײ טאָן. אַט־דער גאַנצער גײן צו דער לעקציע איז בײַ אים עפּעס געװען אַ װיכטיקער אױפֿטו פֿאַר זינאַס װעגן, און דאָ זינאַ...

פֿרענקל מיט זײַן פֿרױ זײַנען נאָכדעם אַלײן אַװעק צו דער לעקציע פֿון דאָקטאָר באַראַכאָװ און זינאַ האָט זיך אָנגעפּודערט, האָט אױף זיך אָנגעטאָן דאָס נײַע װײַסע קלײד, װאָס האָט איבער איר װאוקס גיכער אױסגעזען װי אַ קלײדעלע און איז געװען גענײט אַזױ, אַז עס זאָל זיך אַרױסזען װאָס מער לײַב, װײל אױף איר פּנים האָט זינאַ ניט געקאָנט לײגן קײן גרױסע האָפֿענונגען... און אַרױפֿציענדיק אױף זיך דעם װינטער־ראָק איז זי אַרױס אין גאַס און איז אַװעק.

קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

ווייל זינא איז געגאַנגען צו באַרי בראָווערמאַן, האָט זי געפונען פאַר בעסער ניט אָנצוטאָן איר קאָרסעט.

אין יענע יאָרן איז פאַר א מיידל געווען דאָס גיין אָן א קאָרסעט א גאַנצער יום־טוב, דערצו נאָך איז דאָס געווען ווינטער און דער ווינטער־ראָק האָט פריי געוואָרימט דאָס באַפרייטע יונגע לייב, איז זינא פון דעם געוואָרן ציטערדיקער, אויפגעראָמטער און איז דערפאַר אויך געוואָרן כמעט שיין. און וואָרים איז איר געוואָרן אַזוי, אַז זי האָט אַזש דעם ראָק צעשפּיליעט און די פּאָלעס צענומען. איר אָנגעוואָרימט, ווייס קליידל איז פונם פראָסט געוואָרן קאַלט. זי האָט אַף זיך דערפילט דאָס קאַלטע קליידל און אויך דאָס האָט זי גערייצט. האָט זי מיט פאַרגעניגן ווידער גענומען טראַכטן פון זיך, אַז זי איז אָן עכט קאָמפּליצירטער טיפּ. — זי וואָלט זיך אפשר גענקאָנט באַפרידיקן מיט זיך אַליין... זי פילט איצט אין זיך אַזא גוטע ליידנשאַפט צו זיך אַליין, זי דאַרף איצט בראָווערמאַנען אַף כפרות. נאָר אָט זאָל דער חזיר הנאה האָבן!

ווען אָבער זינא איז געקומען צו בראָווערמאַנען און האָט אים ניט געטראָפן אין דער היים האָט זי זיך דערפילט ווי אָן אָפּגעשמיסענע. זי איז אַזוי געשטאַנען פאַר דער טיר ווי זי וואָלט עפּעס ניט פאַרשטאַנען:

— וואָס הייסט!?... ניין! ריכטיק! — און זי האָט אָנגעקלונגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָן אָנגעברוגזטע איז זי נאָכדעם אַראָפּ פון די טרעפּ און, איידער זי האָט נאָך געעפנט די גאַס־טיר, האָט זי לאַנגזאַם פאַרשפּיליעט איר ראָק, ווייל — אין דרויסן איז איצט זייער קאַלט!...

און נאָכדעם איז זי איינע־אַליין געגאַנגען איבער דער גאַס, וואָס איז מיט־אַמאָל געוואָרן אַזוי אומגעריכט. אַזוי אומדערוואַרט לאַנג און פרעמד...

וואוהין וועט זי איצט גיין?

אַהיים?

ניין!

און זי איז זיך ווייטער אַזוי געגאַנגען אַליין אַ פאַרשפּיליעטע אין איר ווינטער־ראָק.

— זי האָט דאָך אין זיך אַליין לײדנשאַפט צו זיך, — האָט זי געטראַכט, — נאָר אַ חזיר איז ער! פאַרוואָס איז ער איצט ניט געווען אין דערהיים?!... און זי איז אַזוי געבליבן שטיין אינמיטן דער גאַס, געטראַכט מיט אַביסל אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

אַהיים?... ניין. זי וועט איצט ניט גיין אַהיים. דאָס לייב אירס איז איצט אַזוי פריי... — בערמאַן! — און עס האָט זיך ביי איר אויפגעהויבן דער קאָפּ. — שאַ, זי וועט טאַקע איצט אַרויפגיין צו בערמאַנען. מאָדנע, ער איז דאָך גאָר אַ וואוילער און דער טאַטע האַלט פון אים אַזוי שטאַרק... און ער וואוינט דאָך טאַקע ערגעץ דאָ אַרום. זי האָט אויפגעעפנט איר האַנט־טאַש. האָט פון דאָרט אַרויסגענומען איר אַדרעסן־ביכל, אויפגעזוכט אין דעם בערמאַנס אַדרעס און זיך נאָכדעם גלייך און מיט שנעלערע טריט געלאָזט גיין צו בערמאַנען. איז אָפן וועג איר פון דעם ווידער געוואָרן וואַרים, גוט און אויפגעראַמט.

ווען בערמאַן האָט דערהערט ווי דאָס טיר־גלעקל קלינגט איין מאָל און נאָך אַמאָל און קיינער פון די שטוב מענטשן גייט ניט עפענען די טיר, האָט ער זיך אַליין אַ הויב געטאָן, איז אַרויס פון זיין צימער מיטן הענטל־פּען אין מויל, האָט ראַש אַן עפן געטאָן די טיר און ער האָט פאַר זיך דערזען זינאַן, אַן אויפגעראַכטע, אַ פאַרפלאַמטע, מיט אַ צעשפּיעליעטן ראָק...

בערמאַן איז גלייך רויט געוואָרן, האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס הענטל־פּען פון מויל און איר געגעבן זיין האַנט און האָט אויסגעשריען אין רוסיש:

— זינאַ!... אַ גוטן אָוונט! וועלכער שיקזאַל?! — און ער האָט זי אַריינגעפירט אין צימער, אַראָפּגענומען דעם ראָק פון איר און האָט אַלץ ווייטער גערעדט:

— וואָס פאַר אַן ערע! וואָס פאַר אַן ערע! זעצט זיך. אָט־אַדאָ־אַ — האָט ער איר אָנגעוויזן אַף דעם איינציקן ביינקל, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין צימער.

זינאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפן ביינקל לעבן טיש, זיך אומגעקוקט אָפן ליכטיקן צימערל — אַן איינציקע גאַז־ליכט האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט פון דער וואַנט און דאָס פייער פון דעם ליכט האָט אין דער

פּאַרמע פון אַ רונדן בלאַט גאָלדיק־רייַן און דורכזיכטיק געפלאַטערט און אויסגעפילט דאָס צימער מיט אַ גאָלדענער הימלאַכקייט און האָט דאָס צימער אַזוי ווי אָפּגעהאַקט פון דער איבעריקער וועלט...

— ווי גוט עס איז ביי אייך! — האָט זיך זינאַ אָפּגערופן. — און דערזעענדיק דאָס ניט דערשריבענע פּאַפּיר אויפן טישל, האָט זי געפרעגט:

— און וואָס שרייבט איר דאָס?

בערמאַן, דערזעענדיק ביי זיך אין צימער זינאַן, דעם רעדאַקטאָרס טאָכטער, אין איר ווייס קליידל, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט די נאַקעטע הענט און די טיפע דעקאָלטע, האָט זיך דערפילט זייער ניט באַקוועם, און איר „וואָס שרייבט איר דאָס?" האָט אים רויט געמאַכט זיין פּנים און אויפגעציטערט דאָס האַרץ. ער אָבער, האָט זיך געמאַכט, אַז דאָס אַרט אים ניט; אַז אי זינאַס קומען צו אים, אַזוי ווי זי איז, אי דאָס וואָס ער שרייבט איצט, זיינען פאַר אים גאַנץ געוויינלאַכע זאַכן. און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטל און זיך אָנגערופן:

— אָ, דאָס שרייב איך אַן אויפרוף צו אַ מאַסנמיטינג.

— אַ מאַסנמיטינג!

— יאָ. פון אונזער „טרייד". איצט איז פּונקט ערב סעזאָן און מ'דאַכט, אַז איצט איז פּונקט די צייט צו קלאַפּן אין „נאַבאַט". — בערמאַן האָט דאָס אָפּגעזאָגט מיט אַ שמייכל, ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ זאַך, וואָס ער אַליין האַלט פאַר ניט וויכטיק.

— אָ, בערמאַן, איר וואָלט דאָס בעסער אַוועקגעוואָרפן. צו וואָס דאַרפט איר דאָס? — האָט זיך זינאַ אָנגערופן כלומרשט שמייכלענדיק...

בערמאַן האָט געשמייכלט. די אויגן האָבן ביי אים אויפגעגלאַנצט אַזוי, ווי ער וואָלט געפילט, אַז ער איז רויט און וואָלט געוואָלט קוקן ווייטער פון זיך און פון זיין רויטקייט און ער האָט געענטפערט שמייכלענדיק:

— צו וואָס דאַרף איך דאָס? צו וואָס דאַרף איך אַסאַך אַנדערע זאַכן?... — און דערביי האָט ער דערפילט, אַז איצט איז ער טאַקע אויף דער אמתן רויט...

— וואָס הייסט? — האָט זינאַ געפרעגט, הנאה האָבנדיק פון זיך און פון איר מאַכט, וואָס זי פילט איצט אין זיך אַזוי באַשיינפערלאַך.

— דאָס הייסט, — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן, — דאָס הייסט, אַז איך ווייס אַסאַך זאַכן ניט. איך ווייס אַפילו ניט צו וואָס איך דאַרף, למשל, וואוינען אין אַ צימער און ניט אין גאַס, — איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן צו זאָגן.

בערמאַן האָט זיך אַליין ניט געריכט אָפּצוזאָגן דאָס, וואָס האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט און ער האָט דעריבער ניט געוואוסט וואָס ער וועט ווייטער זאָגן, אָבער דאָס טרעפט דאָך מיט אים אַזוי אָפט, ווען ער האָלט אַ רעדע און — גאָט העלפט...

— איר זענט דאָך אָבער אַ מענטש! — האָט זיך זינאַ דערויף לאַכנדיק אָנגערופן.

— נו איז וואָס? — האָט בערמאַן געפרעגט.

— וואָס הייסט איז וואָס?... אַלע מענטשן וואוינען דאָך אין הײַזער!

— קאָן דאָס בײַ אײַך דינען אַלס אַ תירוץ?...

געמיינט האָט דאָס דער „בײַ אײַך", — בײַ אַזאַ אינטעליגענטער און פאַרגעשריטענער מיידל...

זינאַ האָט מיט אַ צעפרידענעם בליק אויפגענומען אַט־דעם קאָמפּלימענט און בערמאַן האָט דערווייל געוואונען צייט און מוט און האָט אין זיך מיטאַמאָל גענומען שפּירן אָפּענע וועגן און מעגלעכקייטן ווי אַזוי זיך צו באַפעסטיקן אויף דער פּלוצלונג־אַרויסגערעדטער פראַזע. ער האָט זיך גענומען באַפרייען פון זיין אומבאַקוועמלאַכקייט, נאָך איידער ער האָט קלאָר געוואוסט וואָס ער גייט זאָגן. ער האָט מיטאַמאָל אַ פרייען קוק געטאָן אויף זינאַן, וואָס איז אַ דעקאָלטירטע, אַן אָנגעפּודערטע געקומען איינע־אַליין צו אים אין זיין בחורשן צימער און זי האָט זיך אין דער מינוט אַריינגעשפּיגלט און אַרויסגעשפּיגלט פון בערמאַנס אויגן, ווי אַ לעבעדיקער ביישפּיל, אַז אָנגענומענע כללים קאָנען זיך ענדערן. מוז זי דען אַלץ, ווי אַלע מענטשן טוען? און ער האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס וואָס אַלע מענטשן טוען אָדער טוען ניט, איז דאָך פאַר אײַך קיין תירוץ ניט און קיין באַווייז ניט.

— ניין, ניט דאָס. — זאָגט זינאַ אַלץ שמייכלענדיק. — נאָר עס איז פּשוט באַקוועמער. בעסער.

— יאָ? אָבער שטעלט זיך פאָר, אַז אַט גראָד דאָס ווייס איך ניט.

— וואָס, איר ווייסט ניט, אַז אין צימער איז וואַרים און אַז אין דרויסן איז קאַלט?...

בערמאַנען האָט דאָ ווידער עפּעס אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט אַף קלאָר וואָס דאָס איז, נאָר ער איז מיט־אַמאָל געוואָרן אומדערוואַרטעט ערנסט און אָנגעהויבן רעדן, ווי וועגן אַ צוגעגרייטער און לאַנג־איבערגעטראַכטער זאַך:

— יאָ, מיס פרענקל, דאָס איז אפשר אַ גוטער וויץ, און ווען מען גיט אַן אָפּאָנענט אַזאַ ענטפער פון דער פּלאַטפאָרם, קאָן מען פאַר דעם אפשר קריגן אַפּלאָדיסמענטן אויך. אָבער איך זאָג אייך גאַנץ ערנסט, אַז איך ווייס ניט צי עס איז באַקוועמער און בעסער, וואָס מיר וואוינען אין וואַרימע הייזער.

און דאָ איז בערמאַנען מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס עס האָט פריער בלויז אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן:

— שטעלט זיך פאָר, מיס פרענקל, אַז מיר האָט זיך איינמאָל גע־טראָפן אין אַ שיינעם פּראָסטיקן פרימאָרגן צו באַגעגענען אַ מאַנאַך פון אַ יאָר פערציק, וואָס איז געווען זייער לייכט אָנגעטאָן און איינגאַנצן באָרוועס. איך בין דעמאָלט געווען אין אַ דאָרף אין רוסלאַנד. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקער רוסישער פראָסט, אַלצדינג איז געווען ווייס פאַרשנייט און אַפן וועג אַרויף איז אָנגעקומען אָט־דער באָרוועסער מאַנאַך. איך בין אַרויס פון הויז, נאָך איינער איז מיט מיר אַרויס. ער האָט אונז דערזען און איז צו אונז צוגעקומען, זיך פאַנאַנדערגעפרעגט דעם וועג. און גלויבט מיר, מיס פרענקל, קיין שענערן, קיין בעסערן, קיין באַקוועמערן מענטשן פון אים האָב איך נאָך ביז איצט ניט געזען. איך האָט געדאַרפט אָנקוקן זיין קלאָרן פּנים, זיין לויטערן שטערן, זיינע ליכטיקע אויגן און הערן זיין קול. עס האָט געקלונגען ריין און זיכער און אַזוי גוטמוטיק פריינטלאַך, אַז ווער פון אונז פאַרמאָגט דאָס גאָר!?...

און אַז דער מענטש זאָל וועגן אימיצן פיינט האָבן איז גאָר איבעריק צו טראַכטן. ווייל צו וואָס? אַז די וועלט איז אַזוי ווייס און ריין און האָט אַזוי פיל פרייע וועגן און די באָרוועסע פיס ווערן פונם שניי אַלץ ריינער און ווייסער, זיין קליינע טונקעלע באָרד, דער דינער שוואַר־צער „פּאָדראַסניק" און דער פּשוטער, הויכער שטעקן אין זיין האַנט האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ יעזוס. אָבער דאָס איז ניט גע־

ווען קיין מענטש, וואָס טראָגט די זינד פון אַ זינדיקער וועלט אויף זיינע אַקסל. ניין. דאָס איז געווען אַ געזונטער און פריידיקער מענטש. און איך מיין נאָך ביז היינט אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי ווײַניק געוואוסט פון אַט־די וואַרימע, באַקוועמע צימערן, אָדער געוואוסט און זיך באַפרייט פון זיי. עס קאָן דאָך זייער מעגלאַך זיין, אַז אַט־די וואַרימע, באַקוועמע צימערן האָבן געבונדן די הענט און די פיס און דעם גייסט פון די מענטשן און אַז אַלע צרות פון די מענטשן, קאָן זיין, קומען פון אַט־די וואַרימע און באַקוועמע צימערן...

בערמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן. זינאַ האָט אויף אים געקוקט מיט אַ האַלבן שמייכל און געפרעגט:

— וואָס, איר מיינט דאָס ערנסט?... דאָס האָט אפשר צוטאָן מיט אייער „עם־עולם" אידייען?... צי דאָס איז ביי אייך אַ שפּאַס אַזאַ?

ער האָט זי אָנגעקוקט... זי האָט זיך אַביסל פאַרלוירן און געפּרואווט אויסבעסערן:

— איך מיין ניט קיין שפּאַס! איך מיין דאָס איז ביי אייך אַן איינפאַל אַזאַ...

— אַן איינפאַל? — האָט זיך בערמאַן אָנגערופן מיט פאַרוואורף — ניין, מיס פרענקל, דאָס איז ניט קיין איינפאַל, נאָר אַ פּשוטער פאַקט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אפשר אַ יאָר פופצן־זעכצן. איך געדיינק ניט קלאָר, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן אַט־דעם געזונטן, גוטן מענטשן. אָבער אַריינגעשפּיגלט האָט ער זיך אין מיר אַזוי, אַז איך זע אים פאַר זיך, ווי אַט ערשט, אַ מינוט צוריק איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען...

— און טאַקע גאָר אַ באָרוועסער? ! — האָט זינאַ געפרעגט.

— יאָ. און מיט אַזעלכע ריינע באָרוועסע פיס, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף זיי. — האָט בערמאַן געענטפערט.

זינאַ האָט דערפילט, ווי זיך אויפצוהייבן, ווי זיך אַ קער צוטאָן... און איז צוריק געבליבן זיצן. אַ טראַכט געטאָן. דערפילט זיך צו זעצן צו בערמאַנען אויפן בעטל און זאָגן:

— ע... בערמאַן, איך בין איצט ניט געקומען צו אייך פילאָזאָפירן.

— זי האָט געוואוסט, אַז דאָס וואָלט אפילו אויך געווען העלדיש...

אָבער עס איז ביי איר ניט אַרויסגעקומען. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בײנקל, איז געבליבן שטיין און גאָר אומדערוואַרט פאַר איר אַליין געפרעגט:

— און ווי אַלט זענט איר איצט, בערמאַן?

— איך ווייס ניט...

— וואָס הייסט?... — האָט זינא געפרעגט.

— מאָדנע... נאָר שטעלט אײַך פאָר, אַז איך ווייס ניט ווי אַלט איך בין. אָט שוין אַ פּאָר יאָר ווי איך זאָג, אַז איך בין אַלט פינפאונצוואַנציק יאָר...

— אָבער ווי ווייסט מען דאָס ניט ווי אַלט מען איז?! — האָט זינא מיט אַ שמייכל געפרעגט. און זיך דערביי ווידער געוואָלט אַוועקזעצן אָפן בעטל לעבן בערמאַנען, נאָר עס איז ביי איר ווידער ניט אַרויסגעקומען. און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אָפן בײנקל.

בערמאַן האָט דערזען, ווי זינא האָט זיך אָן אַ סיבה אויפגעהויבן, ווי זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, נאָר עס איז פאַרבײַגעגאַנגען, ווי אַ ניט־אָנגעכאַפּטער געדאַנק, וואָס לייכט אַמאָל שווימענדיק אויף פאַר די אויגן. און ער האָט זיך פאַר איר גענומען פאַרענטפערן, אַז דערפאַר ווייסט ער ניט ווי אַלט ער איז, ווײַל, ווען זיין מאַמע איז געשטאָרבן איז ער נאָך געווען אַ אינגל און וויפיל יאָר עס איז זינט זיין מאַמע איז געשטאָרבן, ווייסט ער ניט.

— נו, און אייער געבורסטאָג פייערט איר גאָר ניט?

— ניין.

— מאָדנע!

— און איר פייערט יעדן יאָר אייער געבורסטאָג? — האָט בערמאַן געפרעגט.

— זיכער. — האָט זינא געענטפערט און דערביי מיט שטאָלץ אַ צי געטאָן איר קערפּער אַזוי, אַז אירע בריסט מיט די דינע אויפגעשפּיצטע ניפּלען האָבן זיך מיט קלאָרע און ווייכע באַוועגונגען אַרויסגעצייכנט דורכן דינעם ווייסן קליידל.

— יעדן יאָר? — האָט בערמאַן איבערגעפרעגט, קוקנדיק אָף איר מיט אויפגעפּראַלטע אויגן. ער האָט געוואָלט און ניט געקאָנט אויסמיידן פון צו קוקן אָף אירע גאַנץ אַנטבלויזטע הענט, אָפן דעקאָלטע, אָף דער

קורצקייט פון דעם קליידל, אַף די שיך און זאָקן, און אַף די בריסט, וואָס האָבן זיך פּלוצלינג אַזוי אַרויסרופנדיק גענומען אַרויסרונדן פון אונטער דעם לייכטן קלייד.

— געווים. — האָט זינא געענטפערט מיט נאָך מער שטאָלץ.

— און עס קומען צו אייך פריינט און מען ברענגט אייך בלומען און קענדי און גלאַט גוטע זאַכן, אַ? — האָט בערמאַן אַזוי מאָדנע איבער־געפרעגט און דערביי גוטברודעריש אָנגענומען מיט זיין האַנט איר אָרעם.

— המ־הם! — האָט זינא באַשטעטיקט שמייכלענדיק און דערביי מיט פייכט־פאַרגלאָצטע אויגן אויפגעראַמט געקוקט אַף בערמאַנען.

— און מען קושט אייך? — האָט בערמאַן ווייטער גערעדט, ניט אַרויסלאָזנדיק איר אַנטבלויזטן אָרעם פון זיין האַנט, — און דער טאַטע מיט דער מאַמען קושן אייך, אַ?

— המ־הם! — האָט זי אַלץ שמייכלענדיק באַשטעטיקט.

— און ווי אַזוי פילט איר זיך אין דעם טאָג? גוט? אַ?

— ההמ־ההם! — האָט זי קאָקעטירנדיק געענטפערט.

— איר פילט אין יענעם טאָג ווי אַף דער וועלט איז פאַראַן אַ יום־טוב, וואָס באַלאַנגט בלויז צו אייך, אַ?

זיין האַנט איז דאָ מיטאַמאָל אַזוי ווי געבליבן ליגן אַף איר היפּט. זינא האָט זיך אַ באַוועג געטאָן. בערמאַן האָט זיך דערשראָקן און איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך זינא אויך אַ הויב געטאָן פון ביינקל.

— וואָס, איר ווילט שוין גיין אַהיים? קומט איך וועל אייך באַ־גלייטן.

— ניין. — האָט זי געזאָגט אַביסל אַ צעטומלטע... — נאָר... איך האָב דאָך אייך געשטערט, איר האַלט דאָך אין מיטן טאָן אַן אַרבעט.

— ניין, ס'מאַכט ניט אוים — האָט ער געענטפערט — קומט איך וועל אייך באַגלייטן.

און ער האָט איר גענומען גאַלאַנט העלפן אָנטאָן דעם ראָק און האָט נאָכדעם אויך אַרויפגעשלעפּט אַף זיך זיין ראָק און הוט און איז מיט איר אַרויס.

קאַפּיטל דרייסיק

אינדרויסן האָט בערמאַן זיך דערפילט פרייער. ער האָט זינאַן פעסט און זיכער גענומען אונטער דער האַנט און גלייך דערפילט די רונדקייט און וואַרימקייט פון איר אָרעם און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי אַט־די וואַרימקייט שלאָגט זיך אַזוי גיך דורך דורכן ווינטער־ראָק.

די נאַכט איז געווען פריש און פּראָסטיק און דער אַנטקעגנענדיקער פאַרשנייטער פּאַרק האָט איבער זיך געהאַט אַסאַך הימל און שטערן. ווען זיי זיינען אַריין אין פּאַרק האָט ער אַ פּאָר מאָל אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל און אויף איר טאַליע, וועלכע האָט אים אויסגעזען צו זיין אַזוי מאָדנע עלאַסטיש און ווייך... ווי ס'וואָלטן דאָרטן, דאַכט זיך, גאָר קיין ביינער ניט געווען. — האָט ער פון מאָל צו מאָל הילכיק אויפגעלאַכט; ניט פון דעם חלילה, וואָס זי איז אַזוי בויגעוודיק און ווייך, אַז נאָר אפשר אַ פאַנטער קאָן זיין אַזוי ווייך. און ניט פון דעם, וואָס זי דערמאָנט אים מיט איר וואוקס און מיט איר עלאַסטישקייט טאַקע אויף אַ שאַרף געפלעקטן פאַנטער, האָט ער גענומען אַזוי הילכיק אַרויסלאַכן. נאָר פון דעם, וואָס אַט־דער איינגעבויגענער בוים זעט אויס ווי אַ זיצנדיקע מאַלפּע, און אַט־דער — ווי אַ גרויסער ריז מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט. און אָט יענער זעט גאָר אויס ווי אַ רוסישער פּריץ. ניין? און אַט־דער? — האָט ער אַליין זיך געפרעגט וועגן אַ הויכן גלייכן דעמב.

— נו, ווי זעט דער אויס? — האָט זינאַ געפרעגט.

— דער זעט אויס ווי אַ הויכער גלייכער דעמב — האָט בערמאַן אַרויסגעלאַכט. און דערביי אַלץ מאָדנע איבערגעפרעגט: — ניין? אַ?

זינאַ האָט אויף אים ניט פאַרשטענדלאַך אַנגעשטעלט אירע אויגן. בערמאַן האָט דערזען איר ניט־שיין, נאָר צופרידן פּנים און גלייך נאָכדעם דערזען פאַר זיך דעם גלייכן גרויען וועג. דער וועג האָט זיך געצויגן, ווי אַ טייך צווישן ווייס־פאַרשנייטע ברעגן.

— און אַט־דער װעג, — האָט זיך בערמאַן אָנגערופֿן, — קוקט ניט אױס, װי אַ קלוגער אַלטער, אַ? װי אַ קלוגער אַלטער מיט אַ צעפּרידן פֿאַנאַנדערגעשפּרײטער באָרד, װאָס קוקט און זעט און הערט און קלערט און װײסט אַסאַך?

זינאַ גיט אױף אים אַ מאָדנעם קוק און ער רעדט װײַטער:

— שפּעט אין דער נאַכט קאָן זײַן זעצט זיך אַט־דער ברײטער װעג אַװעק ערגעץ אױף אַ בערגל, די בױמער שטעלן זיך אַרום אים און ער דערצײלט זײ מיט אַ לײכטן שמײכל מעשׂות און גוטמוטיקע חכמהלאַך און זײ הערן זיך צו און גאַפֿן און לאַכן.

זינאַ קוקט אים װידער אָן און זאָגט:

— איר װאָלט אפֿשר גאָר געדאַרפֿט שרײַבן לידער אָפּן אָרט פֿון די פּראָקלאַמאַציעס אײַערע.

— לידער? — פֿרעגט בערמאַן און די אױגן, דאָס מױל און דער גאַנצער פּנים לאַכן בײַ אים אױך פֿאַרשעמט. — אַ?

און אַזױ רעדנדיק זײַנען בערמאַן און זינאַ מיטאַמאָל צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, װאו דער װעג האָט, װי אַ פּלוצלינג אַרױסרופֿנדיקע װענדונג, זיך פֿאַר זײ מיטאַמאָל אַ בױג געטאָן באַרג אַראָפּ, אַראָפּ צװישן בױמער, נאַכט און שנײ.

— מיר לױפֿן, מיס פֿרענקל! — האָט בערמאַן מיטאַמאָל אױסגעשריען און אומדערװאַרט פֿאַר זיך אַלײן פֿאַרװאָרפֿן זײַן האַנט אַרום זײַנאַס טאַליע, װאָס האָט מאָדנע געררײצט מיט דער ניט אײַנגעקאָרסירטער װײכקײט און נאַכגיביקײט — הו־רו־הו! — האָט ער װילד אױסגעשריען און זיך מיט איר, אַזױ אינאײנעם שנעל גענומען, לױפֿנדיק טראָגן באַרג אַראָפּ, פֿליענדיק, שפּרינגענדיק אַראָפּ, אַראָפּ!

זינאַ האָט זיך אין דער ערשטער מינוט גענומען װערן, זיך אָבער ניט געקאָנט העלפֿן און גלײַך מיט פֿרײד גענומען פֿילן איר שפּרינגענדיקן לײַב אין דעם רײַף פֿון זײַן פֿעסט אַרומגעקלאַמערטן שטאַרקן אָרעם. זי האָט זיך גלײַך דערפֿילט קלוג און פֿאַרפֿלאַמט. זי איז געלאָפֿן כמעט אָן אונטערגעהױבענע, אונטערגעשפּרונגען, אױפֿגעקװיטשעט און שרײַענדיק געלאַכט אין דער קלאָרער נאַכט אַרײַן.

װען זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט האָט פֿון זײערע מײַלער אױש אַ פּאַרע געזעצט און זי האָט מיט אױפֿגעשײַנטע אױגן לאַכנדיק געזאָגט:

— איך וואָלט דאָך גאָרניט געגלויבט, בערמאַן, אַז איר זענט אַזאַ...

בערמאַן האָט געמיינט, אַז מיט דעם דערמאָנט זי אים, אַז ער איז אַן „עם־עולמניק", אַז פון אַן „עם־עולמניק" האָט זי דאָס אַזוינס ניט דערוואַרט, און ער האָט זיך ניט־נאַטירלאַך צעלאַכט און אַביסל פאַרשעמט געפרעגט:

— וואָס הייסט אַזאַ?...

זי האָט ניט געענטפערט.

זיי האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעקילט און האָבן ביידע גענומען גיין אָפּן אויסגעגלייכטן, ברייטן וועג, וואָס האָט זיך ליכטיק געפּראָלט אין דער נאַכט און בערמאַן האָט, קוקנדיק פאַר זיך, אָפּן וועג און אָפּן הימל זיך אָנגערופן:

— אין הימל גייען איצט אום אַזוי פיל שטערן און מיר זיינען דאָ נאָר צוויי... אַ?...

— איז דאָך גוט — זאָגט זינאַ.

— גוט, אַ?...

— וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ מאַנערע צו פרעגן „אַ?" נאָך יעדן זאַץ?

ביי בערמאַנען האָט פון דער שאלה אַזש דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן. ווייל אָט־דער „אַ?" איז ביי אים שטענדיק געווען אַן אויסדרוק פון אומנאַטירלאַכקייט, פון שולדיקייט, כמעט פון לעסטערונג. ער האָט דאָס אפשר אַליין קלאָר ניט געוואוסט, נאָר ווען ער איז דאָ מיטאַמאָל אַזוי קלאָר און פשוט געפרעגט געוואָרן וועגן דעם, האָט ער פלוצלינג דערפילט, ווי אַ בליץ וואָלט אים אַ פּאַטש געטאָן פאַר די אויגן און אַ שאַרפן ווייטיק אין האַרצן... עפּעס אין אים איז ניט איינגעגאַנגען אָף די אַלע צערטלאַכקייטן, וואָס ער שפּילט דאָ פאַנאַנדער.

ערשט פאַרן אַרויסגיין פון פּאַרק, איז בערמאַנען איינגעפאַלן צו פרעגן זינאַן:

— יאָ, וואָס מאַכט דער פאָטער אייערער?

— ער איז אָלרייט — האָט זי געענטפערט.

— איר האָט אַ וואונדערלאַכן פאָטער. גריסט אים. ער האָט דאָך דאָ אַזוי פיל אויפגעטאָן, אַזוי פיל.

— ער האַלט פון אייך אויך זייער שטאַרק. פאַר וואָס קומט איר ניט אַרויף? קומט. — האָט זי אים איינגעלאַדן.

— איך האָב אַזוי קיין צייט ניט, מיס פרענקל, נאָר אָט וועל איך באַלד דאַרפן אַרויפקומען מיט אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פון אונזער טרייד.

— נו, זאָגט דעם אמת, בערמאַן — האָט זיך זינאַ עטוואָס קאַפּ־קעטיש שמייכלענדיק אָנגערופן —עפּעס איז אייך דאַכט זיך אַביסל ניט באַקוועם... — זינאַ האָט ניט דערענדיקט און אים נאָר אָנגעקוקט.

— מיט אייער פאָטער!? — האָט בערמאַן אונטערגעכאַפּט — וואָס רעדט איר? איך האָב באמת גרויס דרך־ארץ פאַר אים.

— נאָר?... — האָט זינאַ אַלץ קאָקעטיש געפרעגט.

— איך פאַרשטיי אייך ניט, מיס פרענקל — האָט זיך בערמאַן שוין היציק אָנגערופן — עס קאָנען זיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, אָבער...

— נו, נו — האָט זי זיך פּלוצלינג אָפּן צעלאַכט — איר ווערט ערנסט. איך האָב דאָך דאָס נאָר געזאָגט פון שפּאַס וועגן.

און עס איז אויסגעקומען: — „אָט האָב איך ביי אייך מיט אַ לייכטן שפּאַס אַזוי גרינג און שפּילעוודיק אויסגענאַרט דעם יאָ מיטן ניין...״

בערמאַן איז דאָ מיטאַמאָל געבליבן שטיין מיט אומדערוואַרט צע־עפנטע אויגן... זי אָנגעקוקט מיט פאַרלעגנהייט. זי איז געווען אַזוי פיל נידעריקער פון אים, אַז קוקנדיק אַף איר, האָט ער אַריבער איר קאָפּ ווייטער צווישן די בוימער דערזען אַן אָפּענעם, אַזוי ווי אַ נאָר־וואָס אָפּגעדעקטן שניי־פלאַך. אַ רויטקייט און אַ געלעכטער האָבן אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און זיך אַ צינד געטאָן פאַר די אייגענע אויגן — ווי אַ בונטער פאַרביקער געמיש. אים איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן:

— איר מאַכט פון מיר שפּאַס, וועל איך דערפאַר פון אייך מאַכן אַ מענטשן! — האָט ער זיך צו איר אָנגערופן מיט אַן אומדערוואַרטעטער שאַרפקייט אין קול, און נאָכדעם גלייך פאַרוואָרפן זיינע הענט אַרום איר קורצן ווייכן קערפּער, זי אויפגעהויבן און זיך מיט איר גענומען טראָגן צום אָפּגעדעקטן שניי־שטח צווישן די בוימער. זי איז, ווי שיכור געוואָרן פון דער פּלוצלונגקייט. זיך עפּעס ניט געגלויבט, עפּעס ניט פאַרשטאַנען,

האָט עפּעס לאַכנדיק אויסגעשריען, זיך דערפילט אַלץ שטאַרקער און פעס־טער אין זיינע הענט, און אָט זיצט זי שוין אין שניי, בעריעט זיך אויפ־צוהויבן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן איינפאַל!? וואָס טוט איר? לאָזט מיך אָפּ! שרייט זי אויס מיט שרעק און מיט געלעכטער.

נאָר בערמאַן לאָזט זי ניט אָפּ. זי קלאַמערט זיך מיט איר קאָפּ צו אים, מיט אירע הענט אַן זיינע לאַצן. ער אָבער לייגט אַרויף זיינע הענט אַף אירע אַקסלען און גיט זי האַסטיק אַ שפּאַר פון זיך:

— דערפאַר וואָס איר האָט געמאַכט פון מיר אַ שפּאַס, מוז איך פון אייך מאַכן אַ מענטשן — שרייט ער אויס. און אין אַ פינטל פון אַן אויג פּרעסן זיך שוין אירעביידע פּלייצעס אין שניי איניינעם מיט זיינע הענט אַף אירע אַקסלען. ער שטייט איבער איר אַף אַלע פיר ווי אַ בער. זי האַלט נאָך דעם קאָפּ עטוואָס אויפגעהויבן, שרייט אויס:

— בערמאַן!!!

ער נעמט אַוועק זיינע הענט פון אירע אַקסלען, נעמט מיט זיי אָן דעם נאָך אויפגעהויבענעם קאָפּ מיטן הוט און פּרעסט אים אויך אַריין אין שניי. זי הערט זיך אויף צו ווערן. ער נעמט נאָכדעם גלייך אַוועק אירע הענט פון זיינע לאַצן און ציט זיי ביידע אויס גלייך אַרויף איבערן שניי:

— איך מאַך פון אייך „אַ ריכטיקן" מענטשן, אַ ריכטיקן מענטשן. אָט וועט איר זען.

קאַפּיטל איינאונדרייסיק

בערמאַן איז נאָכדעם איינער־אַליין שפּעט אין דערנאַכט געגאַנגען צוריק אַהיים דורכן פּאַרק. איינגעלופּט און אין זיינע טריט האָט ער געהערט דעם פרישן שניי־קלאַנג, ווי דעם קלאַנג פון נייעם פרישן לייוונט, וואָס רייסט זיך רים־נאָך־רים. עס דערמאָנט אין זיין שטעטלדיקער היים, אין קרעמער און יאַרידן... די נאַקעטע שוואַרצע ביימער האָבן זיך געהויבן פון דעם ווייסן שניי, ווי זיי וואָלטן געוועזן אויפגעשטעלט פון פּאַרטריקנטער בלאָטע... שוואַלבן האָבן נאָר־וואָס אָט־די אַלע צעצווייגטע ביימער אויפגעשטעלט פון בלאָטע, ווי זיי שטעלן זייערע אייגענע נעסטן אויף אין זומער. עס הערט זיך נאָך זייער צוויטש און פלעסק אינדערלופט. בלויע נאַכט און שוואַרצע ביימער, ווייסער שניי און פייגלפלעסק אין דער לופט. און אָט איז דער מענטש, וואָס איך האָב פון איר אָפּן שניי צעשפּרייט.

— ווי זי איז דאָס מיטאַמאָל געבליבן רואיק. זיך אינגאַנצן אויפגעהערט ווערן... וואָס האָט זי געמיינט?... ווי עלאַסטיש ווייך עס איז איר קורצער קערפּער...

גוט אַזוי!...

ניט גוט!...

גוט!

איך האָב ניט ליב איר טאָטן. זי דערמאָנט אַן טאָטן. איר לייב, איר טאַליע איז אַזוי ווייך, אַזוי בויגיק, איך האָב נאָך אַזוינס ניט געפילט.

איז טאַקע איר קערפּער אַנדערש?... צי זיינען טאַקע אַזוי אַלע ברויען־קערפּערס?...

זי איז קורץ, נאָר קרעפּטיק און בויגיק, ווי אַ פּאַנטער. — די לופט גיט זיך אים שטאַרק אַ בלאָז אַרויס פון זיינע נאָזלעכער. — די לופט אין פּאַרק אַרום אים ווערט פול מיט פרויען־אָטעם, מיט פרויען־לייב. ער גייט אוועק פון אָט־דעם קורצן אויסגעשפּרייטן „מענטשן" אָפּן שניי.

ווי וואונדערלאַך עס איז אַט־דער פאַרשנייטער פּאַרק אין דער שפּעטער נאַכטיקער שעה. וועלכער חלום פון אַ גן־עדן קאָן זיך דען פאַרגלייכן צו אַט־דער אמתער, צו אַט־דער געזונטער גרויסער ווירקלאַכקייט, צו אַט־דעם פּאַרק, שטיל פאַרשנייט, צעצווייגט און אויפגעפּראַלט, מיט לופט פאַר די לונגען, מיט וועגן פאַר די פיס? אויב נאָט וויל קאָן ער קומען מיך באַגעגענען אַט־אָ־דאָ. אַ מענטש קאָן זאָגן:

—שלום!

— פון וואַנען און וואוהין?

— פון גן־עדן — אין גן־עדן!...

זאַכן דרעמלען אין די געדערים, אין די ביינער, אין דעם מאַרך פון אונזער לייב און קומען אַזוי אומדערוואַרט ארויס... און טרעף איך דאָ אַן משיחן, דערצייל איך אויך אים וועגן אַט־דעם באַרוועסן מאַנאַך. ס'אַ גוטע מעשה...

און אָט דערזעט בערמאַן מיטאַמאָל ווידער אַן אָפּגעדעקטע שניי־פּלאַך צווישן בוימער. שטיל, טיף, ווייך און גלאַט אויפגעבעט. עס בלאַנקט און רופט. קוקט ער אָף דער שניי־פּלאַך אַ ווייל און גייט נאָכדעם צו אהין, דרייט זיך אוים מיטן רוקן צום בלאַנקן שניי־שטיק, גיט זיך אַ בויג און פאַלט מיטן רוקן אָפן גלאַט־אויפגעבעטן שטיק, ציט זיך אוים, שפּרייט פאַנאַדער די הענט. קלאַפּט מיט זיי אַ פּאָר מאָל אָפּ אָף צוריקוועגס, טוט דאָס אייגענע אויך מיטן קאָפּ כדי זיך טיפער אריינגראָבן, כדי בעסער פילן די גוטע ווייכקייט פון פולן, ווייכן שניי אונטער זיך, ליגט אַזוי אַ ווײַלע קוקנדיק ארויף צו די בוימער און צום הימל, גיט אַ גוטן ציי די לופט אין די לונגען, הייבט זיך נאָכדעם אויף, טרייסלט זיך אָפּ, קוקט און זאָגט:

— אָט לאָז איך איבער נאָך אַ מענטשן אָפן שניי.

קאַפּיטל צוויאונדרייסיק

בערמאַן איז נאָך פון דער היים געווען אַן עלוי, וואָס האָט נאָך אַלס אינגל געהאַט סמיכות אַף רבנות, פלעגט מיט זיין פאָטער דעם מגיד אויפשטיין צו חצות, פאַסטן תעניתים, זיך טובלן, טראַכטן פון עלית־נשמה, חלומען פון משיחן. זיין אינגלש פנים האָט דעמאָלט געשיינט מיט אַן אָפּגעזונדערט ליכט; מיט אַן איינגעעקשנט ליכט פון איינעם, וואָס איז שטענדיק פאַרנומען מיט ראַמען פאַר זיך אַ וועג צו אינערגעץ ווייטע און ליכטיקע וועלטן. ערגעץ אינמיטן פון יעדן ליכטיקן וועג זיינעם פלעגט זיך שטענדיק זען דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער. דער פאָטער פלעגט שטיין ביי דעם וועג, ווי אַ שומר און ווי אַן אויסקוקער.

ווי עס איז פאַראַנען אַ צייט פון זיין, נאָך איידער מען ווערט געבוירן, ווי עס איז פאַראַן אַ צייט פון רייסן זיך צו געבורט און אַ צייט פון געבוירן ווערן, אַזוי איז פאַראַנען אַ צייט אין לעבן ווען מיר נעמען זיך רייסן צו צייטיקייט, צו אייגענער זעלבסטשטענדיקייט. אַט אין יענער צייט האָט אין דעם קליינעם אינגל גענומען וואַקסן אַ ניט־צופרידנקייט מיט דעם, וואָס אַלע האָבן אין אים געזען דעם טאַטן. עס איז עפּעס אויסגעקומען אַז וואָסער אַ גוטע דרשה ער זאָל ניט האַלטן, וואָסער אַ קלוגע זאַך ער זאָל ניט דערווייזן און דערקלערן, איז דאָס ביים עולם ניט ווי זיינער אַן אויפטו, נאָר ווי זיין טאַטנס אַן איינפאַל. ער איז עפּעס בלויז געווען ווי אַ מין רער דורך וועלכער זיין טאַטע רעדט. דער גוטער נאָמען פון זיין טאַטן האָט אים אַזוי ווי צוגעדעקט און כמעט ווי אָפּגעמעקט, ניט נאָר פאַר מענטשן, נאָר פאַר אים, פאַר דעם אינגל אַליין. עס איז ביי אים אויסגעקומען אַז דער טאַטע האָט שוין פאַרנאָמען האָט אויפגעהערט צו האָבן אַ ווערט, איז ניט געווען פאַר די נאָמען האָט אויפגעהערט צו האָבן אַ ווערט. איז ניט געווען געננו פאַר די מענטשן. — ער פלעגט ביי אַלעמען הייסן „דעם מגידס אינגל". „דעם מגידס בחורל". ביי אים איז אויסגעקומען אַז אַט־דער טאַטע,

װעמען ער האָט ליב און װעמען אַלע האָבן שטאַרק ליב געהאַט, װישט אים ממש אָפּ פֿון דעם פּנים פֿון דער ערד. ער פֿלעגט זיך ראַנגלען מיט דעם געפֿיל, דאָס שטיקן אין זיך און אָפּט װערן שטאַרק אױפֿגערעגט, װען אימיצער פֿלעגט אים פֿאַרשטעלן פֿאַר אימיצן און דערבײַ זאָגן „דאָס איז אונזער מגידס זון". אים האָט זיך אַלץ געװאָלט געפֿינען אַ װעג צו דערװײַזן, אַז ער איז ניט װי דער טאַטע. נאָר עס איז גאָר קײן האָפֿנונג און קײן אױסגאַנג ניט געװען פֿאַר דעם, װײַל אַלע האָבן דעם טאַטן ליב געהאַט און ער אַלײן האָט אים אױך טיף אין זיך פֿאַרט ליב געהאַט.

מיטאַמאָל אָבער, פּונקט אין דער צײַט, װען בערמאַן האָט זיך גע־האַלטן אין צײַטיקן, האָט ער גענומען און פֿאַרברענט אַט־די אַלע בריקן הינטער זיך און זיך מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבן דעם סאָציאַליזם. ער, דאָס אומשולדיקע ליכטיקע אינגל, װאָס פֿלעגט שױן יעדן שבת צװישן מנחה און מעריב האַלטן דרשות פֿאַר אַן עדה אידן אין בית־המדרש װעגן אַ ביצה שנולדה ביום־טוב, װעגן אַ קאַפּיטל תהלים, װעגן דער הפֿטורה, צי װעגן דעם נביאס װײַב, דער אַלמנה, װאָס האָט ניט געהאַט קײן אױל... און נאָך אַזױנע זאַכן. ער, װעמעס דרשות זײַנען געװען אַזױ־נע, אַז זײַן פֿאָטער, דער מגיד, פֿלעגט בײַ זײ נישט קאָנען אײַנשטײן, װײַל אים פֿלעגט זיך אַזש װעלן נעמען װײנען אָפּן קול פֿון צעבראָכנקײט פֿאַר דעם גרױסן חסד, װאָס גאָט האָט מיט אים געטאָן. ער, װעמען די מאַמע פֿלעגט מיט טרערן אין די אױגן בעטן: „קינד מײַנס, גײ ניט צו די דאָ־זיקע דרשות, װאָרים מען װעט דיר חלילה אַן עין־הרע געבן". ער האָט זיך מיטאַמאָל · מיט אַ פֿאַנאַנדערגעבונדענעם, פֿאַרגרעסערטן פֿײַער, איבער־געגעבן דעם סאָציאַליזם און געאַרבעט אין רוסלאַנד אַזױ לאַנג, ביז ער איז מיט דער צײַט אַריבערגעװאָרפֿן געװאָרן קײן אַמעריקע, אַנטלױפֿנדיק פֿון זײַן עטאַפּ אָפּן װעג קײן סיביר.

אױף זײַן װעג קײן אַמעריקע האָט בערמאַן זיך פֿאַר אַ צײַט געװאַל־גערט אין אַ פֿאַר אײראָפּעאײשע שטעט.

װין איז געװען די ערשטע, גרױסע, אײראָפּײאישע שטאָט אין װעל־כער ער איז אַרײַנגעפֿאַלן. דאָרט האָט ער זיך פֿאַר אַ צײַט אַרומגעדרײט און עפּעס אַלץ געזען מאָנומענטן פֿאַר די אױגן. געטראַכט אַז אַט־דאָס איז אײראָפּע. דאָס זײַנען לענדער װאָס בױען מאָנומענטן. אָט אױך װאָ־

סער גאָס דו זאָלסט ניט גיין שלאָגסטו זיך אַלץ אָן אַף עפּעס אַ מאָנומענט, אָדער אַף אַ געביידע וואָס איז ווי אַ מאָנומענט. אפילו אַ באָד זעט דאָ אויך אויס ווי אַ מאָנומענטאַלער פּאַלאַץ אַזאַ. אין סאַמע מיטן שטאָט לויפט דער דוניי, אָן איינגעהאַמערטער אין הויכע ברעגן און אָן איבערגעפּאַסטער מיט אייזערנע און שיין געפלאָכטענע בריקן, אָדער גאָר מיט שטיינערנע בריקן און מיט מאַסיווע סטאַטועס אַף ביידע זייטן טייך. די סטאַטועס — פּול לייביקע, האַלב־נאַקעטע פּרויען שטייען זיך אַזוי אינ־מיטן פון דער שטאָט ביי די פיר ווינקלען פון בריק און קוקן אויס אַז מענטשן זאָלן קומען, זאָלן גיין. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי מאָדנע אומדער־וואַרט. נאָר פונדעסטוועגן פּאַרט פאַרשטענדלאַך. ווייל עס איז דאָך פּאַרט געבויט אַף דער אייגענער האַרטער ערד, אַף וועלכער מען בויט אין רוסלאַנד און אַף דער גאַנצער וועלט. מיט איין זאַך אָבער האָט בער־מאַן אינגאַנצן ניט געקאָנט שלום מאַכן: — ס'איז ווינטער און דער דרויסן דאָ אין ווין איז גאָר געווען נעבלדיק, רעגנדיק און בלאָטיק. — ס'איז דאָך פּאַרט אַזוי נאָענט פון דער היים, פון רוסלאַנד, און דאָרט זיינען דאָך איצט אַזוינע לויטערע, ברענעדיקע פרעסט און אַזוי פיל ווייסער גוט־סקריפּענדיקער שניי אונטער די פיס. טאָ, ווי אַזוי לעבן דאָ מענטשן אָט־אַזוי אַ, ווען ניט ווייט פון זיי איז פאַראַנען אַ לאַנד מיט אַזויפיל קלאָרע פרעסט און שניי דורך טאָג און נאַכט? און דאָס הייסט דאָס איז אייראָפּע?!

אַ מאָדנע אומרו האָט גענומען שטייגן אין אים. עס פלעגט אים אַפּט אויסקומען מאָדנע דאָס, וואָס די טריט זיינע שלאָגן זיך צוריק אָפּ אין דער ערד, נאָכדעם ווי ער הויבט זיי אויף און גייט. עס איז דאָך ניט רוסלאַנד, עס איז דאָך אייראָפּע. ער פלעגט דערביי, פאַרשטייט זיך, אַ לאַך טאָן פון זיך: — וואָס וואָלט איך געוואָלט, אַז די טריט זאָלן זיך דאָ אַפשר אָפּשלאָגן אָן פּיערעסטאַלן, צו וואָס? אַ געפיל אָבער האָט ער געהאַט צו נעמען און אַריבערשפּרינגען פון דאַנען אַף יענער זייט פון דער רוסישער גרענעץ, גלייך אין פראָסט און אין שניי אריין און זאָלן זיי מיט אים דאָרט טאָן וואָס זיי ווילן.

נאָכדעם האָט אָבער געטראָפן אַ גליקלאַכער צופאַל, וואָס האָט געגעבן בערמאַנען אַביסל רו און אַ שטיקל אַנהאַלט. — ער האָט איינמאָל אינ־מיטן פון זיינע וואַנדערונגען איבער דער שטאָט, זיך דערזען פאַר אַ

גרויסן שוי־פענצטער, וואו עס זײַנען געווען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע כינעזישע זאַכן. טיף אין דעם פענצטער איז געווען פאַרהאַנגען אַ גרויסער כינעזישער טעפּיך. דער מיטן פון דעם טעפּיך איז געווען איין גרויסער גאָלדען־געלער פירעק. דער ברעג איז געווען בלוי. אין איין ווינקל פון דעם בלויען ברעג, איז געווען אַ גאָלדענע זון און גלייך איבער דער זון איז געווען אויפגעשטעלט אַ שפּיציק כינעזיש הײַזל, שאַרף אַרײַנגעשניטן אין דער זון מיט בלוי און מיט ווײַס; אין אַנאַנדער ווינקל איז געפלויגן איבער אַ זון אַ גאָלדענער פויגל, געפלויגן מיט פיינער שאַרף שוועבנדיקער דינקייט. נידעריקער אַף דעם בלויען ברעג, אַף איין זייט לאָטוס־בלומען און אַ בריקל פאַרוואָרפן, דאַכט זיך, אַף וואָלקנס צי אַף בערג. נאָכדעם ווידער אַ הייזל און לעבן דעם אַראָפּ, אין ווינקל פון טעפּיך — אַן אויסטערלישע ווילדע שלאַנג, מיט שופּען, מיט פליגלען, פליט אָדער ליגט גרייט אַראָפּצושפּרינגען, זיך פאַנאַנדערוויקלען און פליען. אַף דעם אַנטקעגנדיקן ווינקל שטייט און עסט פון אַ בוים אַ הויז־חיה, דאַכט זיך, אָבער פאַרט אַזאַ וואָס נאָר אַ כינעזער קאָן אויסטראַכטן און ווייטער איבערן זוים — אין דער לופטן, אַף וואָלקנס און אונטער וואָלקנס — כינעזער מיט דינע צעפּלאַך, מיט דין פאַרשפּיצע היטעלאַך און אָן היטעלאַך, זיצן אין פאַרשיידענע גרופּירונגען, שטייען, גייען, שלאָגן זיך. און אינמיטן איבער דער גרויסער גלאַטער, טיף־האַריקער גאָלד־פלאַך וואָס גיסט זיך איבער מיט איר אייגענער זיידיקייט, ברענט אַרויס פון אַ בלויען רינג איין גרויסע שווערע חיה מיט רונד אַרויסגעפּרעסטע אויגן, מיט אַן אויפגעהויבענעם גריוועדיקן קאָפּ, מיט אַ ברייט און גרויס צעעפנט מויל, מיט אַן אונטערגעבויגענער גרויסער שווערער צונג. די צוויי ווינקלען פון זײַן אויבערשטער, גרויסער, שווערער ליפּ הויבן זיך אַרויף ווי די ווינקלען פון אַ כינעזישן דאַך, וואָס נעמען זיך ביים סאַמע אַראָפּלאָזן הויבן אַרויף, און גלייך איבער דער ליפּ אַ שווערע ברייטע נאָז מיט וואַכנדיק צעעפנטע נאָזלעכער. דער אונטערשטער טייל פון דער חיה איז זיצנדיק, די פאָדערשטע — איז שטייענדיק און אויפגעטורעמט. אײַנאײַיעם מיט דעם גרויסן גריוועדיקן קאָפּ, אײַנײַנעם מיט דעם אויסקוקערישן מענטשלאַד־פאַרמירטן ברייטן שטערן.

די חיה טראָגט די פעל אַף זיך ווי אַ צוגעשניטענעם פאַנצער, און

טראגט אויך א מעדאליאן אפן האלדז. די חיה איז אפשר דער כינע־זישער קדמון. די חיה איז מן הסתם די זון אדער דער זון־גאט און דער מעדאליאן איז מן הסתם די לבנה אף איר האלדז. איין גרויסע שווערע פאדערשטע לאפע האלט די חיה אף דעם בויך פון איר קינד, א קליין, איבערגעקערט חיהלע. דאס קליינע באשעפענישל אונטער דער לאפע שפילט זיך און צערטלט זיך מיט דער גרויסער לאפע איבער איר, און ברענט פון דעם גאלד ארויס איינעם מיט דער גרויסער באשעפעניש איבער איר.

— אפשר האבן די כינעזער אזוינע ווילדע אויסטערלישע זעאונגען, ווייל זיי זיינען אפיום־רויכערער, — האט בערמאן א טראכט געטאן קוקנדיק אף דעם טעפיך. אין דעם פענצטער זיינען אויך געווען אויס־געשטעלט און אויסגעשפרייט פארשיידענע אנדערע כינעזישע שטיקערייען און געוועבן, כינעזישע אפדרוקן פון בילדער און שניצערייען פון על־פאנטביין, פון שווארצן און רויטן האלץ, געשיר און שיינע דין־און־פאנ־טאסטיש־ רייך באמאלטע וואזן.

ווען בערמאן איז נאכדעם אוועק פון דעם שוי־פענצטער, האט ער גענומען פילן אז ער איז אליין ווי אין אן אפיום־טראנס. דער דרויסן איז נאך דעמאלט אלץ אזוי, ווי אף צו להכעיס, געווען נעבלדיק און כמורנע. און בערמאן איז אזוי געגאנגען א בארוישטער, געזען פאר זיך די פרעמדע גאסן, און צו דער אייגענער צייט ניט אויפגעהערט צו זען די פאנטאס־טישע כינעזישע געמעלדן. דאס בלוי פון דעם באפעלקערטן בלויען ברעג פון דעם טעפיך האט צוגעגעבן שיינעם פרישן בלוי צו דער לופט פון דער שטאט. דאס גאלד און גרין פון די וואזן האט צוגעגעבן גאלד און גרין צו דער שטאט. אנגעפילט די לופט מיט פיינע פארמען פון כינעזישן געשטעל און געבוי, פון כינעזישער איבערוואלקנדיקער און אונטער־וואלקנדיקער פאנטאסטיק. — א זון — אן אויסגעצירקלטער, שוועבנדי־קער גאלדענער פויגל, א זון, א שלאנג, אדער גאר א הייזל, א זון — אף האלב א גאלדענער אקס און האלב גאלדענער בוים. און אט־דער גאלדענער מיטן פון אט־דעם טעפיך מיט דעם גרויסן ברענענדיקן בלויען מאנסטער כיטן צעעפנטן גרויסן מויל, מיט דעם קליינעם חיהלע אונטער זיין לא־פע, אט־דער גרויסער מאנסטער פראלט און שוועבט איבער דער לופט. גליענדיק גאלד איז די לופט ארום אים. ער ברענגט ווארעמע גרוסן, ער

נעמט אָטעם און ברייננט וואַרעמען אָטעם אין אָט־דער פרעמדער, פאַר־סטאַטואירטער, באַטייכטער און באַבריקלטער שטאָט.

—דאָס אַלץ איז אַפּיום — האָט בערמאַן געטראַכט. — ווען דו בענקסט אַהיים איז זייער גוט ווען דו קענסט פאַר זיך אָט־אַזוי אײַנמיטן־דערינען אויפשטעלן אַן אַפּיום־היים. אַ מענטש, קאָן זײַן, דאַרף גאָר קיין אַפּיום ניט פאַרזוכן. יעדער מענטש, קאָן זײַן, האָט אין זיך אַליין אַזאַ מין אַפּיום־צענטער, וואָס ביי געוויסע געלעגנהייטן נעמט ער פון זיך אַליין אַרבעטן. און אפשר... אפשר אַרבעט אין אונז שטענדיק אַזאַ אַפּיום־שטראָם, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער...

ער האָט זיך נאָכדעם גענומען צוקוקן אויף די טעפּיכן און וואָזן פון אַנדערע אָריענטאַלישע פעלקער. בכלל גענומען ליגן אין די פאַרשיידענע מוזעאומס פון אייראָפּע. דער געדאַנק פון דעם אַפּיום־צענטער, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין יעדן מענטשן, האָט אים נאָכדעם פאַר אַ צייט גענומען באַשעפטיקן. — אַ וואַנדערער אין דער מדבר הויבט־אָן זען וויזיעס — דאָס הייסט אַז איבער יענער באַשטימטער סיבה נעמט אין אים שטאַרקער אַרבעטן דער אַפּיום־אָדער. קינסטלער דאָס זײַנען, מן הסתם, מענטשן מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן אַפּיום־צענטער און זיי דאַרפן ניט זײַן מידע און אויסגעמאַטערטע אין דער היץ פון דער מדבר־זון, כדי צו דערזען וויזיעס. דער אונטערשייד פון קולטורן ליגט געוויס אין דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אַפּיום־צענטערס. ביי די כינעזער איז די ליניע אַ שוועבנדיקע, אָבער פאָרט אַ קלאָרע, אַ באַשטימטע. ביי די אַנדערע אָריענטאַלן איז די ליניע מערסטנס אַן אַנגעוואָרפענע. אַן אַנגעדרייטעטע און מישט זיך גלייך מיט נאָך אַנדערע, אַנדערש־פאַר־ביקע ליניעס און פאָרמען, וואָס שטראַלן אַריין איינע אין דער צווייטער. ביי די כינעזער איז אַן אוועקגעלייגטע שטיק פאַרב אויף אַ טעפּיך. אַ ריינע שטיק פאַרב, פונקט ווי אַ ליניע איז ביי זיי אַ ריינע ליניע. ביי די אַנדערע אָריענטאַלן איז אַ ליניע, מערסטנס אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשיידנפאַרביקער שטיקלדיקייט. אַ שטיקלדיקייט וואָס האַלט זיך צוזאַ־מען, ווי די ערד אויף וועלכער מיר טרעטן מיט די פיס. ניטאָ קיין ריינע ריאיקע פאַרב. פאַרב שפּילט אין פאַרב, קריגט זיך בלומרשט און פאַר־אייניקט זיך אין אַ פריידיקער שברות. פאַרב ביי די אַנדערע אָריענטאַלן די כינעזער איז אַ געדאַנק אַ שטיק באַהערשטער, אַ שטיק געפּרווירענער

זעט אויס און שמעקט. כמעט ווי ערדיש, ווי גאַרטנדיקע בליאונג. ביי כאָאס. ביי די אַנדערע איז כאָאָס אַן אָרט פאַר לעבעדיקע פאָרמען. מאַכן אַז אַ געדאַנק אָדער אַ בילד זאָל אויסקוקן ווי אַ שטיק געפרוירענער כאָאס איז געווים אַ גרויסע זאַך, עס איז כמעט אַן איבערמענטשלאַכע דערגרייכונג. — האָט בערמאַן געטראַכט — נאָר פונדעסטוועגן, האָט ער בענקענדיק אַהיים, מיט אַ שמייכל צוגעגעבן, אַז אָט ווען אַ כישוף־מאַכער וואָלט פאַר אים אויסגעשפרייט אַ כינעזישן און אַן אַנדער אָריענטאַלישן טעפּיך, אַף וועלכן מען זאָל זיך קאָנען אויפהויבן און פליען איבער רוסלאַנד, וואָלט ער פונדעסטוועגן גיכער אָריינגעשפּרונגען אין דעם אַנדער אָריענטאַלישן. אים איז אויסגעקומען אַז דאָס איז היימישער. אי אידישער, אי רוסישער.

דערביי איז בערמאַן פון־מאָל־צו־מאָל געבליבן שטיין פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ פרעמדן און זיך געוואונדערט ווי אומענדלאַך עס זיינען די מענטשלאַכע מעגלאַכקייטן, ווי אומענדלאַך עס איז דער מענטשלאַכער געדאַנק. וויפיל אומדערוואַרטע נייע טיבן עס קאָנען זיך פאַר דיר אויפעפענען. האָט זיך דען ער, דעם מגידם בחורל און אפילו ער, דער שפּעטערדיקער, פאַרברענטער סאָציאַליסט, זיך גאַר ווען געקאָנט פאַר־שטעלן, אַז אין אים זאָל זיך מיטאַמאָל אָט אַזוי, אַן עפּן־טאָן אַ זין פאַר אַזוינע זאַכן. און דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן ניט פון דעם טאַטן, ניט פון ש"ס און פוסקים, ניט פון קבלה, און אפילו ניט פון זיינע נייערע סאָציאַלע אידייען, וואָס האָבן אים אַזוי שטאַרק און אינגאַנצן פאַרשלונגען. דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אָט־די פילע סטאַטועס אַף די ווינער גאַסן. ווי וואונדערלאַך און אומענדלאַך עס איז דער מענטש. נו יאָ, נו יאָ, אייראָפּע איז אויך עפּעס. און ביז מען וועט נאָך דאָס רוסישע פאָלק אַ באַוועג טאָן צו אָט־דעם. פאַרב און פאָרמען דאָס מאַכט דאָך אַזוי פיל רייכער דעם מענטשן עס עפנט דאָך אַזוי פיל נייע טירן, אַז ווער ווייסט וואוהין און ווי ווייט, אַף וועלכע נאָענטע און ווייטע וועגן די מענטשן קאָנען נאָך דערגיין. אָט זאָל נאָר אויפוואַכן רוסלאַנד, זאָל זיך נאָר באַפרייען אָט־די רייכע ברודערשאַפט פון פעל־קערשאַפטן און ראַסן. מיר וועלן אריינגעמען אין זיך אָט־די דערגרייכונ־גען זייערע און וועלן נאָך צו זיי צולייגן אונזער אייגענעם רוסישן כוח אין דעמאָלט וועט דאָס ערשט ווערן אַ וועלט.

בערמאן איז נאך געווען זייער יונג און זייער פארכאפנדיק פון נייע איינדרוקן און אלץ גלייך געוואלט צומעסטן פאר זיין היים, פאר רוסלאנד.

אין זיין היים, אין רוסלאנד, איז אבער אינגיכן אויפגעהויבן גע־ווארן א כוואליע פון צערייצטן, בלוטיק און גרויזאם געפלעקטן האס אף די מענטשן פון זיין ראסע. עס איז געווען אזוי ניט גלייבלאך און אזוי אמתדיק־ברוטאל, אז דער יונגער בערמאן האט אינגאנצן פארגעסן זיינע גדאנקען און פלענער וועגן די ניי־אנטדעקטע וועלטן. ער האט געמיינט — אט, און ער וועט פשוט פון זינען אראפ.

—וואס הייסט? די קריסטלאכע, די הארעפאשנע קריסטלאכע בא־פעלקערונג, פאר וועלכער ער, און אסאך אזוינע ווי ער, זיינען געווען גרייט זיך מקריב זיין, איז אזוי חיהש ווילד אויפגעשטאנען אף דער אידישער באפעלקערונג. ווער איז אין דעם פארט שולדיק? אפשר דאס אידישע פאלק? פארוואס זאל דער הארעפאשנער, גוטער, רוסישער פויער אנפאלן אף זיין שכן, דעם אידן? מען וואלט געדארפט געפינען, ערגעץ מוז, ערגעץ דארף זיין אזא וועג, ווי אזוי צו דערקלערן די זאך. אלץ אין אים האט זיך געריסן צו באפרייאונג, צו אויסלייזונג פון אט־דעם שאנד־פלעק, פון אט־דעם ווייטיק.

ווען די „עם־עולם"־באוועגונג איז אויפגעקומען, האט זי אינגיכן געפונען אין אים א שטארקן אנהייגער. ער האט זיך גענומען זען ביים פערד און ביים אקער אף איינעם פון די אמעריקאנער פעלדער אי א פוי־ער, אי א טרעגער פון א דערלייזנדיקער אידייע.

די גרופע, אין וועלכער ער האט זיך אנגעשלאסן, איז אלץ באשטאנען פון יונגע לייט און יונגע פרויען פון וועלכע עס האט ממש געאטעמט מיט ריינעם אידעאליזם, מיט ריינעם, גלויבנדיקן כוח.

דאס אידישע פאלק וואס האט געהערט פון די „עם־עולמניקעס". האט דערפילט אין זיי דעם בעסטן אויסדרוק פון זייער אייגענעם ווילן. אין די שטעט און אין די לענדער, וואו די גרופן פלעגן דורכפארן אף זייער וועג קיין אמעריקע, פלעגן זיי ביים אנקומען באגעגנט ווערן פון די פארשיידענע אידישע קהילות. מען פלעגט אנטקעגן זיי ארויסקומען מיט פרייד, מיט ברכות און אפט מיט ספר־תורות אין די הענט. די גרופע, אין וועלכער בערמאן האט זיך אנגעשלאסן, האט נאך דערצו

געהאַט אַן אייגענע ספר־תורה.

עס האָט געהייסן:

די תורה איז געשאַפן געוואָרן ביים אידישן פאָלק אין דער צייט, וואָס עס איז געווען אַ פאָלק פון אַקערבויער. ערד, תורה און דאָס אידישע פאָלק — זיינען איינס. און בלויז דעמאָלסט זיינען זיי גרויס און גאַנץ. ווען זיי זיינען איינס. זיי גייען צוריק גאַנץ און גרויס מאַכן דאָס אידישע פאָלק פאַר זיך און פאַר דער וועלט. די צייט איז פונקט איצט רייף געוואָרן פאַר דעם. עס האָבן זיך אפשר געלוינט די אומקגליקלאַכע געשעענישן. די בלוטיקע שטראָף, וואָס איז געפאַלן, האָט מיט זיך געבראַכט דעם אמתן אָנזאָג פון לאַנג געגאַרטער דערלייזונג.

ווען אָבער בערמאַנס גרופּע איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און ער איז אינאיינעם מיט די אַנדערע באַגייסטערטע „עם־עולמניקעס" נאָך איניקן געצוואונגען געוואָרן ארויסצולאָזן זיך זוכן ארבעט אין די פינצטערע, שטיקענדיקע, ניו יאָרקער שעפּער, האָט ער זיך מיטאַמאָל און גיך אויסגעניכטערט.

די לופט אין שאַפּ און די לופט אין גאַס איז דאָ געווען אַ האַרטערע. די שטיינערנע און פעלזיקע גאַסן און מויערן האָבן דאָ ארויסגערופן אַ גאַנץ אַנדער ענערגיע. זיין געדאַנק און זיין פאָרשטעלונג האָט דאָ גלייך דערזען די מעגלאַכקייט און די נויטווענדיקייט פאַר גרויסער סאָציאַליסטישער ארבעט. אינדערהיים, אין רוסלאַנד, איז סאָציאַליזם אין אַ געוויסן זין געווען בלויז פליגלען פון אַ פאַרלאַנג אַ גרויסן, אַט כמעט ווי די „עם־עולם"־אידייע פאַר די „עם־עולמניקעס". דאָ אָבער איז פאַר בערמאַנען דער סאָציאַליזם געוואָרן אַ רעאַלע זאַך אַזאַ, אַט ווי די גיגאַנטישע מויערן, אַט ווי די אויפגעשטיינערטע און אויפגעהויכטע גאַסן, פון וועלכע ער האָט פריער בלויז געהערט און געטראַכט, אַט ווי אַט־די אייזערנע בריקן איבער די דעכער, איבער וועלכע עס לויפט די אויבערשטע שטאַט־באַן, אַט ווי די אייזערנע בריקן וואָס הענגען איבער די טייכן דאָ. דערצו נאָך איז סאָציאַליזם, ווי אַ דערלייזנדיקע אידייע אַזוי פיל יאָרן געווען נאָענט צו אים; אַז די „עם־עולם"־אידייע האָט אָן באַזונדערע שוועריקייטן גענומען זיך בלייבן און שווינדן. אפשר איז נאָך פאַר אַ צייט געבליבן און פאַרבליבן אביסל פון דער „עם־עולם"־אידייע אין די פאַרעקשנטע און עקבערדיקע בליקן פון זיינע שאַרפע

אויגן און אין דער בלייבקייט פון זיין אויסגעהאַמערטן הויכן שטערן. אפשר האָט זיך די אידייע נאָר געהאַלטן ווי אַ דינער שאָטן אין זיינע געזונטע און שטאַרק־וואַקסנדיקע האָר פון קאָפּ. די ברייטע אַקסלען אָבער און די געזונטע הענט זיינע האָבן זיך שוין אינגאַנצן געפילט באַפרייטע.

בערמאַן האָט זיך גענומען צו העלפן בויען אידישע יוניאָנס דאָ אין דעם נייעם און אַנגעלאָפּענעם לאַנד. און גענומען האָט ער דאָס טאָן אויף אַזאַ אופן, אַז פּרענקלען פלעגט פון דעם אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּן. בערמאַן איז געווען אַזוי יונג און אַזוי ריין. ער פלעגט, דאַכט זיך, פאַרזעצן פּרענקלס אַנגעהויבענע אַרבעט מיט דעם אייגענעם ריינעם פּרענקלישן אימפּעט און פונדעסטוועגן פלעגט ער עפּעס פּאַרט אַזוי ווי אָפּלייקענען פּרענקלען. ער פלעגט אָפּט אָפּלייקענען פּרענקלען מיט פּרענקלס אייגענע ווערטער; אָט גראָד מיט דער, דאַכט זיך, אויגנשיינלאַכער ענלאַכקייט צו פּרענקלס געדאַנקען־גאַנג און איינפאַלן. אַזוי, למשל, האָט איינמאָל געטראָפן אַזאַ זאַך:

די פּאָר יוניאָנס, וואָס זיינען שוין ביז דעמאָלט געווען אָרגאַניזירט, זיינען ניט געווען אַזוינע, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן פאַך. למשל, אין דעם שניידער־פאַך זיינען בלויז די „צושניידער" און די וואָס מאַכן די לעכלאַך פאַר די קנעפּ געווען אָרגאַניזירט און דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז איין יוניאָן האָט ניט געאַרט צי די צווייטע סטרייקט אָדער סקעבט.

די שטעפּער, די פּרעסער און די אַנדערע צווייגן פון דעם אייגענעם פאַך זיינען נאָר אינגאַנצן ניט געווען אָרגאַניזירט. פלעגט בערמאַן זיין צווישן די, וואָס האָבן געקוקט מיט שטאַרק באַשולדיקענדיקע בליקן אויף פּרענקלען דערפאַר, וואָס ער האָט צוגעלאָזט צו אַזאַ צושטאַנד. די פּאָר אָרגאַניזירטע צווייגן פלעגן נאָך דערצו רעכענען די ניט־אָרגאַניזירטע מענטשן, מיט וועלכע זיי האָבן געאַרבעט אין איין שאָפּ, פאַר נידעריקערע מענטשן און פלעגן וויכן פון זיי, ווי פון אַ נידעריקערער קאַסטע, מיט וועלכער מען טאָר ניט קומען אין נאָענטער באַרירונג, כדי ניט פאַר־אומווירדיקן זייער ריטערלאַכן שטאַלץ, זייער הויפּט־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט טאַקע געהייסן „די ריטער פון אַרבעט". די נייע צוגעקומענע אַרבעטער פון יענער זייט ים, זיינען לויט זייער מיינונג געווען אַלץ אַזוינע, וואָס האָבן חלילה געקאָנט פאַראומרייניקן זייער ריטער־לאַכקייט.

כדי װען ניט איז אַרױס פֿון אָט־דער ניט באַקװעמער לאַגע, איז בעסי מינדלין־פּינק געפֿאַלן אױף אַ פּלאַן. אין יענער צײַט זײַנען נאָר װאָס אַרײַן אין דער מאָדע באַנקעטן. בעסי האָט בכלל געהאַט אַ נײַגונג אױפֿצוכאַפּן און אױסנוצן באַװעגלאַכע נײַקײטן, איז זי אַװעק און צונױפֿגעזאַמלט געגנוג געלט פֿאַר אַ לײַטישן באַנקעט, װעלכן זי האָט אײַנגעאָרדנט אין אַ לײַטישן האָטעל און האָט אַהין אײַנגעלאַדן אַלע פּירער און טוער פֿון די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס און אױך די טוער, װאָס האָבן זיך געמיט צו גרינדן יוניאָנס פֿון די אַריבערגעקומענע שנײַדער־אַרבעטער, כדי אױף אַזאַ אופֿן זיך צונױפֿפֿרעדן און דערנענטערן בײַדע עלעמענטן.

בערמאַן האָט אַפֿילו ניט געאַרבעט בײַ שנײַדערײַ, פֿונדעסטװעגן איז ער אײַנגעלאַדן געװאָרן צו דער סעודה. ערשטנס צוליב דעם אַז — אָט זאָל ער ניט אַרומגײן מיט אַזױנע בײזע בליקן, פֿונקט, װי מען װאָלט אים אָפּגעקױלעט די קאַפּאָטע; זאָל ער זען, אַז מיר װענדן אָן מיטלען, װי אַזױ פֿאָרט צו אָרגאַניזירן די איבעריקע אַרבעטער. און צװײטנס, האָט פֿרענקל שטאַרק געהאַלטן פֿון בערמאַנס רעדנער־טאַלאַנט. — אָט זאָלן זײ זען װאָסערע טאַלאַנטפֿולע יונגע אַרבעטער מיר האָבן.

װען בערמאַן איז אין דעם אָװנט צוגעקומען צו דעם רײַך־באַלױכטענעם האָטעל איז ער צוטומלט געװאָרן. אים האָט זיך ניט געגלױבט. ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרשװעכונג, פֿאַר אַ לעסטערונג, פֿאַר אַ בײזן און װיסטן געלעכטער.

אײנער פֿון די שענסטע מאָמענטן אין זײַן „עם־עולם"־גרופּע איז געװען װען זײ פֿלעגן זיך אױסזעצן אַרום אַ לאַנגן, פּראָסטן, הילצערנעם טיש און רעדן װעגן דערלײזונג־אידײען. אַרום דעם אײגענעם לאַנגן טיש, בײַ װעלכן מען פֿלעגט עסן דעם אָרימען מאָלצײַט. אײנער פֿון דער גרופּע פֿלעגט פֿאָררעדן און נאָכדעם פֿלעגט מען אַזױ קאָנען אַװעקדיסקוסירן ביז שפּעט אין דער נאַכט. און דאָ גאָר אינמיטן דרינען אַ האָטעל מיט מירמלשטײנערנע טרעפּ, מיט פּאָלירטע מירמלשטײנערנע זײַלן, גילדערנע באַפּוצונג, מיט אַזױ פֿיל ליכט און אַזױ פֿיל לאָמפּן.

— װי קומט ער אַהערצו? אפֿשר זאָל ער גאָר ניט אַרײַנגײן?

דער שאַרף באַלױכטענער גרױסער צימער מיט װײַס־געדעקטע טישן, װאָס האָבן געבלאַנקט מיט זײער װײַסקײט און האָבן אױסגעזען, װי ליכט

אונטער ליכט, דערצו די פּילע שפּייזן און געטראַנקען אויף אַט־די ליכט־ווייסע טישן, איז ער נאָך מער צעטומלט געוואָרן, זיך אַוועקגעזעצט ביים עק פון אַ טיש, ניט געגומען גאָרניט אין מויל אריין. אַלץ געענטפערט, אַז ער האָט שוין אָפּגעגעסן, איידער ער איז געקומען. ער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָ וועט זיין אזא זאַך...

די רעדנער פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זיך אויך דאָ גרויס־האַלטעריש געהאַלטן, אָדער זיי האָבן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז דער מענטשן־מאַטעריאַל פון די ניט־אָרגאַניזירטע, פון די אַריבערגעקומענע, איז פון אַ נידעריקערן גראַד, אָדער זיי האָבן זיי גאָר פאַרגעוואָרפן, אַז זיי, די ניי אַריבערגעקומענע, זיינען גאָר סאָציאַליסטן...

ווען בערמאַן איז אויפגערופן געוואָרן צו רעדן, האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאַרביטערקייט און געזאָגט:

— איך וואָלט וועלן וויסן, צי איר דאָ ווייסט, אַז עס זיינען פאַראַנען מענטשן, וואָס ווען זיי גייען דורך אַ רייכן האָטעל, קוקן זיי אויף אים און טראַכטן, אַז דאָס איז אַ „פרעס־פאַלאַץ", אַז אין די אונטערשטע עטאַזשן פרעסט מען און אין די אויבערשטע פראַוועט מען אָרגיעס?!

בערמאַן איז געבליבן שטיין; זיי אָנגעקוקט פאַרשנדיק און צוגעגעבן:

— איך בין איינער פון די מענטשן. איך האָב שטענדיק דאָס געפילט, אַז אימיצער וואָלט געדאַרפט אָנבאַפּן אַט־די צוויי מיטלסטע זיילן פון אזא גרויסן פרעס־פאַלאַץ און אים אומוואַרפן. און זאָלן אַט־די אַלע פרעסער אין אָרגיע־פראַוועט דערהאַרגעט ווערן, אפילו ווען איינעם מיט אים. און איצט בין איך דאָ אַליין אזוי אומדערוואַרט אַריינגעפאַלן אין אזא פרעס־פאַלאַץ.

דער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן: וואָס איז דאָס? און בערמאַן האָט אַ צעוואַרימטער מיט גאַל געגומען וואַרפן:

— אייערע ברידער, וואָס אַרבעטן מיט אייך ביים נייען רעק און הויזן, וואַלגערן זיך איצט אין שמוץ, צווישן וואַנצן און ווערים, שלאָפן צו־עטלאַכע אין איין איינגן. פאַרשטיקטן צימער און איר האָט זיך דאָ פאַרקליבן אין אַ רייכן פרעס־פאַלאַץ און הוליעט און עסט געפּרעגלטע עופות און פאַרטרינקט מיט וויין!

— אף זייער בראך פראוועט איר דאס אזא סעודה? — הערינג מיט ברויט וואלט געווען קארג פאר אייך?! פון וואנען קומט איר? וואו זענט איר געבוירן? איך ווארן אייך — ניט מיט קיין וויינען, ניט מיט קיין געפרעגלטע עופות, נאר מיט פשוטע נאקעטע ווערטער — אויב איר „ריטער פון ארבעט" וועט ניט העלפן ארגאניזירן אייער גאנצן פאך טאקע ווי עס וואלט געפאסט פאר „ריטער פון ארבעט", וועלן מיר ארגאניזירן ספעציעלע יוניאנס, וואס וועלן ארויסגיין „סקעבן" קעגן אייך. מיר וועלן פון די נידעריקע, פון די נידעריקסטע, אויפשטעלן שמשונס, וואס וועלן צעטרייסלען אייערע געביידעס. איך האב געמיינט, אז מיר וועלן זיך צוזאמענקומען ווי ארבעטער מיט ארבעטער. מיר זיי־נען זיך אבער דא צוזאמענגעקומען ווי פלישתים איבער א געבונדענעם שמשון.

עס איז געווארן א סקאנדאל... — סטייטש! ער האט באליידיקט די „ריטער פון ארבעט". זיי האבן פריער געוואוסט, אז מיט די סאציאליסטן טאר מען זיך ניט אנהויבן. בערמאנס רעדע האט צעשטערט אט־דעם גאנצן, אזוי קלוג פארטראכטן פלאן פון בעסי מינדלין־פינק און זי האט דאס אים שוין נאכדעם קיינמאל ניט געוואלט מוחל זיין. זי האט אויך באשולדיקט פרענקלען, לע'מאי ער האט איינגעלאדן אט־דעם אפגעריסענעם נאר. דער בעסטער באוויז, אז פרענקל איז שול־דיק איז געווען דאס, וואס ער, בערמאן, האט דאך טאקע איבערגערעדט פרענקלס אן אמאליקע חכמה וועגן ברויט מיט הערינג.

פרענקלען איז נאכדעם אנגעקומען גאנץ שווער, ביז אים איז מיט א געוויסן דערפאלג געלונגען צו איבערצייגן בערמאנען אויפצוגעבן דעם געדאנק פון ארגאניזירן „סקעב"־יוניאנס. אין די פאר שמועסן, וואס בערמאן און פרענקל האבן נאכדעם געהאט וועגן דעם, האבן זיי זייער זעלטן געקאנט קוקן איינער דעם צווייטן גלייך אין די אויגן אריין, ווייל בערמאן האט אלץ געטענהט, אז דאס איז דער איינציקער אויסוועג צו צע־ברעכן די פאר אומגעלומפערטע, הוצפהדיקע יוניאנס. דאס הייסע יונגע בלוט האט ביטער געשריען קעגן די „ריטער פון ארבעט". בערמאן האט אבער דערביי פונדעסטוועגן פארט געפילט דעם גערעכטן ווייטיק פון פרענקלען, וועמען עס איז אזוי שווער אנגעקומען צו דערזען א פאר איינגענע יוניאנס פאר די אויגן. און פרענקל וואס האט אים מיט אלע

כוחות געפּרואווט דערווייזן די געפאַר פון וועלן ברעכן די פּאַר אויפ־געבויטע דערגרייכונגען, האָט פונדעסטוועגן געפילט דערביי דעם אמתן רעוואָלוציאָנערן אָטעם פון בערמאַנס פלאַמיקן פאַרלאַנג...

און נאָך איבער אַ זאַך האָט זיי געשטערט, — דאָס זיינען געווען צוויי גלייכפאַרשאַרפטע, הערנערדיקע גרעניצן אַנגעשטעלט איינער קעגן צווייטן.

פרענקל האָט דערביי געטראַכט:

—ער איז פונקט ווי איך בין אַמאָל געווען. ער איז איך, נאָר אַן אַנדערער. עפּעס לייקנט ער מיך אינגאַנצן, כאָטש ער איז, ווי איך.

בערמאַן האָט אָט־דעם בליק פון פרענקלען אינגאַנצן ניט געקאָנט פאַרטראָגן און האָט מיט שרעק געטראַכט:

—אפשר בין איך, טאַקע, ווי ער. אפשר וועל איך אַמאָל זיין, ווי ער...? ס׳אַרא שרעק דאָס איז.

— איר פאַרשטייט, בערמאַן, — האָט זיך פרענקל אָפּגערופן — איך רעד צו אייך אַזוי, ווייל איך זע אין אייך זיך אַליין. גלויבט מיר... בערמאַן, מיר איז גוט צו קוקן אַף אייך.

אַף בערמאַנען האָט זיך פון אָט־די רייד אַזוי ווי אָוועקגעלייגט אַ שווערע פאַרב אַפן פּנים, און פרענקל האָט ווייטער גערעדט:

— ביז מען האָט דאָ דערלעבט אָט־די פּאָר יוניאָנס! איך זאָג — איר זענט גערעכט; נאָר מען דאַרף פריער אריין אין די עקזיסטירנדיקע יוניאָנס און פון דאָרט, פון אינעווייניק עגבערן מיטן פרייען וואָרט. און מיט די פרייע געדאַנקען, אָבער ניט מאַכן קיין אָפּאָזיציע־יוניאָנס.

— אַז זיי לאָזן דאָך ניט אריין קיין נייע מענטשן. אַז זיי האָבן זיך דאָך אונטער אייערע אויגן פאַרצאַמט און אָפּגעטיילט פון די איבע־ריקע אַרבעטער. דער איינציקער וועג איז אויפצוהויבן אַ קאַמף פאַר אינדוסטריעלע יוניאָנס. קיין איין צווייג אין דער אינדוסטריע טאָר ניט בלייבן ניט־אָרגאַניזירט, — און אין זיין איפּרעגונג האָט בערמאַן פּלוצלינג ארויסגערעדט:

— די גאַנצע וועלט דאַרף פונדאַסניי איבער־אָרגאַנאַזירט ווערן. ניט אַף שטעט און לענדער און פעלקער, נאָר אַף אינדוסטריען דאַרף די וועלט איבער־אָרגאַניזירט ווערן.

בערמאַן איז דאָ געבליבן שטיין, זיך אַזוי ווי דערשראָקן פאַר די

לעצטע פּאַר ווערטער, וואָס האָבן פון אים אַזוי פלוצלינג זיך אַרויסגעכאַפּט און מיטאַמאָל אַזוי ווי אַרויסגעבריענט זיך איינדערלופּט.

—איך רעדט ליכטיקע רייד, בערמאַן, — האָט זיך פראַנקל אָנ־גערופן, — אָבער איך זעגט נאָך יונג־איבערגעאיילט. עס איז אַ גרויסער געדאַנק, אַז די וועלט דאַרף איבערגעטיילט ווערן לויט די אינדוסטריען. אַ גרויסער געדאַנק, אַ ליכטיקער, אָבער צו וואָס ברעכן דאַרט, וואו עפּעס איז שוין אויפגעבויט? פאַרוואָס ניט אָנהויבן בויען דאַרט, וואו עס איז נאָך גאָר ניטאָ. אַט אין אייער איינגענער „טרייד" איז דאָך נאָך קיין סימן פון קיין יוניאָן ניטאָ און בכלל איז דען דאָ ווייניק כאַאָס אין אונזער הינן אומגליקלאַכן לעבן? זעגט איך דאָס דער, וואָס וועט נאָך פאַרגרעסערן דעם כאַאָס?

די מעשה, אָבער, מיט דעם באַנקעט פאַר די „ריטער פון אַרבעט", ווי עס האָט זיך דעמאָלט גערופן די הויפּט־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט אויך די ערשטע פּאַר אידישע יוניאָנס, די מעשה וועגן בערמאַנס רעדע, וועגן די „פּרעס־פּאַלאַצן", וועגן זיין אויסגעשריי: „און הערינג מיט ברויט איז קאַרג פאַר אייך!". די מעשה מיט אָרגאַניזירן אָפּאָזיציע־יוניאָנס האָבן זיך נאָכדעם פאַרשפּרייט אַפן חזיר־מאַרק און אין די נאָדל־שעפּער, און האָבן באַשאַפן אַ באַדייטנדיקע אומרואיקייט צווישן עולם.

עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט און די ריכטיקע טאַט. בערמאַנען האָבן זיי ניט געקאַנט און ניט געוואוסט, אָבער זיין געוואָרפענער לאָזונג פאַר אָפּאָזיציע־יוניאָנס האָט געשאַרפט די שווערד פאַר ברודער־קאַמף.

ט

דער גרויסער טורעם

קאַפּיטל דרײַאונדרײַסיק

גרויס איז די שטאָט ניו יאָרק, און די מויערן פון דער שטאָט זײַנען הויך און ברייט און זײַנען פּאַנאַנדערגעשטעלט אין געדיכטע און לאַנגע שורות. צווישן איין שורה מויערן און דער צווייטער לויפן גלײַכע און לאַנגע גאַסן אַן אַ שיר. שטייענדיק וואו מענטשן אין אַ שאַפּ, וואָס געפינט זיך אַף אַן אויבערשטן שטאָק פון אַ מויער, וואָס הויבט זיך ברייט און בלייצעדיק העכער פון די אַנדערע מויערן, וואָס אַרום אים, און כאַפּן זיי אַ קוק אַרויס אַף די פענצטער, זעען זיי פאַר זיך צוזרשט דעכער און דעכער אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, און נאָכדעם נעמען זיך פאַר די אויגן אויסטיילן די לאַנגע גאַסן, וואָס גראָבן זיך צווישן די דעכער, ווי טיפע קאַנאַלן, איבער וועלכע עס שפּרייטן זיך אויסגעפּרעסטע טײַכן פון גרויען אַספאַלט, און די מענטשן, און די פורן, און די טראַמווייען, וואָס לויפן אויף און אַפּ איבער די גאַסן, זעען אויס ווי שוואַרצע שווימענדיקע פלעקן. קומט דער ווינטער און באַשנייט די גאַסן, לייגט זיך דער שניי איבערן אַספאַלט ווי אַ פאַרגליווערטער ווייסער שוים. די פאַרשנייטע דעכער שפּרייטן זיך איבער דער שטאָט ווי אויפגעשפּרונגענע כוואַליעס, וואָס זײַנען אײַנגעגאָסן מיט זייער ווייסן שוים פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין דעם ליכט. די ניט־פאַרשנייטע טייל פון די דעכער שײַנען ווי אָפּגעדעקטע וואַסער־פלאַכן אונטער דער ווייסער ווינטערדיקער זון. פאַראַן אויך איבער דער הויכער מויערדיקער שטאָט ניו יאָרק ברייטע און גרויסע דעכער, פון וועלכע עס הויבן זיך אויף לאַנגע און שלאַנקע טורעמס. די טורעמס זײַנען די הויך פון צענדליקע שטאָקן און טראָגן אַף זייערע קעפּ גאָלדענע קופּאָלן און קרוינען פון פאַרשיידנערליי שפּיצן. דער ווינט היט אָפּ די קופּאָלן און די קרוינען פון דידאָזיקע טורעמס — ער לאָזט אַף זיי קיין שטויב און קיין שניי ניט פאַלן, שטייען די טורעמס הויכע, באַפרייטע און וואַכן איבער ניו יאָרק, ווי מען וואָלט זיי צוליב דעם אויפגעשטעלט איבער די דעכער פון דער הויכער, קאַנאַלן־און־טײַכנאַרטיקער שטאָט.

וואויל איז דעם מענטשן, וואָס האָט ניט קיין טענות צו גאָטס וועלט. נאָך בעסער איז דעם, וואָס האָט הנאה פון גאָטס וועלט — און בערמאַן האָט הנאה געהאַט פון גאָטס וועלט.

ווער קאָן איבערציילן די טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער, וואָס כאַפּן זיך אויף יעדן פרימאָרגן און פילן־אָן די גאַסן, די טראַמווייען און די פילע אויבערשטע און אונטערשטע באַנען פון דער שטאָט ניו יאָרק. דעמאָלט, ווען די גאַנצע גרויסע שטאָט מיט אירע גרויסע און שווערע מויערן נעמען זיך באָדן און שווימען אין ליכט?

בערמאַן קאָן זיי ציילן. — דאָס זיינען מיליאָנען מענטשן. און ווי נאָר ער זאָגט מיליאָנען, הייסט דאָס, אַז ער האָט זיי שוין איבערגע־ציילט.

ער גייט אינדערפרי צו דער אַרבעט און טראַכט... אין זיין „טרייד" זיינען באַשעפטיקט אַ פּאָר טויזנט אַרבעטער. ווען אים גיט זיך איין צו אָרגאַניזירן זיין „טרייד", אָדער אפילו נאָר דעם טייל פון זיין טרייד, וואָס מאַכן די דראָטענע פּאַסאַנען פאַר פּרויען־היט! אָך, ווען אים גיט זיך דאָס איין! ער וואָלט זיך גלייך נאָכדעם געווענדט צו די אַרבעטער, וואָס מאַכן דעם דראָט, און וואָלט צו זיי געזאָגט: „זעט, מיר, די פּאַסאַנען־מאַכער, זיינען אַלע שטאַרק אָרגאַניזירט; מיר קאָנען איצט שטעלן אַ פאָדערונג אין אונזערע שעפּער, אַז מיר וועלן ניט אַרבעטן מיט קיין דראָט, וואָס קומט פון אַ ניט־אָרגאַניזירטן שאָפּ. אָרגאַניזירט זיך, ברידער, און אייך וועט זיין וואויל און גוט. מיר וועלן אייך העלפן מיט אונזער גאַנצן כוח".

און אַזוי פאַרייניקט מען אויך די, וואָס מאַכן דעם דראָט. און נאָכדעם ווענדט מען זיך צו די, וואָס מאַכן דעם אייזן, פון וועלכן דער דראָט ווערט געמאַכט, און נאָכדעם צו די, וואָס מאַכן דעם זייד אַף צו באַדעקן דעם דראָט. און אַזוי קאָן מען אָרגאַניזירן די גאַנצע שטאָט. און נאָכדעם שטאָט נאָך שטאָט, לאַנד נאָך לאַנד, און אַלע מענטשן ווערן אַזוי אין בערמאַנס קאָפּ פאַראייניקט, און אַלע מענטשן לעבן־אויף פאַר זייער גליק אין גליק און אין פרידן.

אַלע מאָרגן ווערט די זון ווי פונדאַסניי געבוירן, און בערמאַנס גלויבן אינייִנעם מיט איר. — „די וועלט מוז, וועט און זאָל איבער־געטיילט ווערן!"

איניינעם מיט דער גרויסער מאָרגן־זון, וואָס הויבט זיך אָלץ ליכ־טיקער און פרייער, ווערט אויך אויפגעהויבן בערמאַנס געמיט און ער זעט שטאָט און שטעט, לאַנד און לענדער. אַלע איינוואוינער פון דער גאַנצער וועלט זיינען גליקלאַך און צופרידן און ער, בערמאַן, האָט אַ שוואַרצלאַך־ברוינע באָרד, שוואַרצלאַך־ברוינע לאָקן און זיין פּנים איז ליכטיק... ווי גוט עס וועט זיין דער וועלט, ווען זי וועט ווערן גוט! אַף אַ ווײַלע בלייבט בערמאַן ווי היינגען אינדערלופטן, ווי אַן אויפגעהוי־בענער אַף די פליגלען פון דעם ווינטערדיקן מאָרגן־ווינט. „ווי גוט עס וועט זיין דער וועלט, ווען זי וועט ווערן גוט!" — ווּעמען האָט ער דאָס געזאָגט? נעכטן — זינאַן? ניין. צו זינאַן האָט ער נעכטן גערעדט פון אַ מאַנאַך מיט אַ שוואַרץ־ברוינער באָרד און לאָקן און מיט באָרוועסע פיס אין שניי... און היינט דאַרף מען זען רופן אַלעמען צום מיטינג. און זינא פרענקל, אונזער רעדאַקטאָרס טאָכטער, ווי זי איז דאָס אַליין געקומען צו אים אין צימער, אין ווייסן, ווי זי האָט זיך געזעצט אָפן ביינקל, ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן פון ביינקל און זיך נאָכדעם אַליין צוריקגע־זעצט... און בערמאַן דערפילט זיך נאַריש און ווערט רויט... און טראַכט ווייטער וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט איר נאָכדעם, גייענדיק אַהיים, אַראָפּגעלאָזן פון באַרג, און ווי אַזוי זי האָט נאָכדעם אַ פאַרפלאָמטע געזאָגט: איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איר זענט אַזאַ... וואָס אַזאַ?... שניי און הימל, אַ פלאָם פאַר די אויגן... ער צעשמיי־כעלט זיך, דערפילט אַ וואַרימקייט אין האַרצן. ער קוקט זיך אום אַ צופרי־דענער. — מיט אים, פאַר אים און אונטער אים ציט זיך אַן אומענדלאָכע נעץ פון מענטשן און מענטשן, ווי פאַרשיידן־קאָלירטע פאַרבן, וואָס זיינען נאָר־וואָס פריש אָנגעוואָרפן געוואָרן אַף דער פּאַליטרע פון אַ מאָלער. — אימיצער האַלט איצט גאַנץ ניו יאָרק ווי אַ פּאַליטרע אין זיין האַנט.

— גוטמאָרגן, פרידבערג!

— גוטמאָרגן, בערמאַן! אַזוי פרי?!

בערמאַן ענטפערט שמייכלענדיק:

— איך גלויב, אַז דער זייגער האָט מיך היינט אָפּגענאַרט.

דער פּאָרמאַן קומט אַרויס פון טואַלעט־צימער:

— וואָס איך זע! בערמאַן אַזוי פרי אין שאָפּ! צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! וואָס טוט זיך דאָ? נו, נו, מזל־טוב, זאָל זיין איז אַ גוטער שעה! מ׳זאָל נאָר קיין גוט־אויג ניט געבן, — און ער גייט צו און גיט בערמאַנען די האַנט.

דער פאַרמאַן שמייכלט צופרידן. בערמאַן גיט אים די האַנט און דערפילט זיך נאַריש, כאָטש ער שמייכלט אויך צופרידן און נאָך אַזוי, אַז טרערן קומען אים אַזש אין די אויגן. און נאָכדעם טראַכט ער פאַר אַ ווײַלע: מענטשן, איידער דער טאָג האָט צייט זיי אײַנגאַנצן אַרײַנ־נעמען אין זיין נעץ, זיינען פאַרט מענטשן... און דער שאָפּ איז גרויס און פול מיט פענצטער און מיט גרויסע לאַנגע טישן, און אַט שיט זיך איבערן ליידיקן שאָפּ אויס אַ געלעכטער — פיר־פינף מיידלאַך מיטאַמאָל זיי־נען אַריינגעקומען און צווישן זיי דער פאַרשייטער בעני. אַלע לאַכן פון עפּעס אַזוינס, וואָס בעני האָט זיי געזאָגט. און אַט דערהערט זיך דיים־לאַך בענים קלינגעדיק קול:

— ניין, ראָזי, איך שווער ביי דעם פאַראַיאָריקן שניי, אַז דער ווינט האָט אַזוי שיין געמאַכט דיינע באַקן, אַז עס מעג אים אַ רוח אין די ביינער אַריין!

און בעני קוקט זיך פונדאַסניי איין אין ראָזין און לאָזט אויס צום ווינט:

— איי, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!

די מיידלאַך שיטן אָפּן שאָפּ אויס אַ נייעם געלעכטער, און לאַכנ־דיק זאָגט סיידי צו ראָזין:

— דו דאַרפסט אים ניט גלויבן, ווייל נעכטן האָט ער דאָס מיר גע־זאָגט...

— גיי, סיידי, דו מאַכסט זיך נאַריש. ווען דער שאָפּ האָט ניט אַזוי־פיל פענצטער וואָלט איך דיך אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

דאָס מיידלשע געלעכטער האָט דאָ דערגרייכט די דינסטע און הילכיקסטע סטרונעס. אָפּן האַלבן וועג פון דעם לאַנגן שאָפּ האָבן זיך די מיידלאַך אָפּגעקערט צו זייער טואַלעט־צימער. בעני האָט דערביי אַ כאַפּ געטאָן איינע פון זיי ביים אַרבל און געזאָגט:

— פּרענסים, איך בעט דיך, געפין פאַר מיר אויס, ווער פון זיי בײַ־דע האָט מיך בעסער ליב.

— זיכער, מיין אָרים קינד, זיכער — האָט אים פרענסים געענטפערט מיט אָנגעשטעלטע ליפּן, כלומרשט מיטפילנדיק.

דער שאַף האָט זיך גענומען אָנפילן מיט גרופּן און מיט איינצלנע. די לאַנגע טישן האָבן זיך גענומען אָנפילן מיט מענטשן. עס האָט זיך גע־נומען הערן אַלץ אָפטער און מערער דאָס קנאַקן פון די ביים־צווייגלאַך און דאָס גערויש פון פריש־צעעפנטע דראָט־רינגען. דאָרט, אין דער אַנ־דערער אָפּטיילונג פון שאַף, וואו די מיידלאַך ארבעטן ביי ניי־מאַשינען, האָט זיך דערהערט דער פאַרלייידים באַפעל:

— גוירלס, קאָם!

און גלייך דערויף האָט זיך איין מאַשין אָפּגעריסן אַזוי ווי אַ הונט פון אַ קייט און נאָך דער ערשטער מאַשין האָבן זיך אויך די אַלע אַנדערע אויפגעכאַפּט און דער שאַף האָט זיך גלייך אָנגעפילט מיט מאַשין־טומל. די מענטשן האָבן זיך נאָך פאר אַ קורצער ווײַלע געראַנגלט מיטן געפיל, אַז אינדרויסן איז אַ שיינער מאָרגן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך אין דעם איינגאַנצן פאַרגעסן. אימיצער האָט צו אימיצן אויסגעשריען:

— סעי, מענדל, דריי־אוים דיין קאָפּ אהער!

בעני האָט זיך באַלד דערויף אָנגערופן:

— וואָס, אַ קאָפּ איז דאָס?

— וואָס דען איז דאָס? — האָט יענער הויך איבערגעפרעגט.

—אַ קלעצל.

— אַ קלעצל? טאָ וואָס האָט דאָס אויגן?

— אויגן זיינען דאָס?

— וואָס דען איז דאָס?

— גריבלאַך זיינען דאָס.

— אַף וואָס דאַרף מען גריבלאַך?

— אַף צו לאָזן וואַסער אין זיי.

— ניי, גיי, לאָז אים אָפּ. זעסט דאָך, אַז ער איז שוין רויט געוואָרן.

— איך בין ניט רויט געוואָרן! — שרייט מענדל אוים מיט כעס — אַזאַ לויפער, שטענדיק טשעפעט ער זיך צו מיר, בילט ווי אַ הונט!

— אוי, אין זיין טאַטנס טאַטן אריין! — האָט בעני אויסגעשריען מיט אַ כלומרשטן כעס — וואָס'ט ער געזאָגט? הונט האָט ער געזאָגט?

וואָס הייסט ? איך וועל דאָך אים ! אין זיין טאַטנס טאַטן... — און אַזוי לאַכנדיק און שרייענדיק האָט בעני געדרייט דעם דראָט אַלץ שנעלער און געאַרבעט פעסטער. מענדל אָבער האָט זיך אָנגעצונדן אַזוי, אַז די הענט האָבן זיך ביי אים גענומען טרייסלען פון כעס, און ער האָט גענומען שרייען:

— דו, באָם, איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט אַריינמישן מיין טאַטן! דו זאָלסט מיר מיט דיין טריפהנעם מויל ניט דערמאָנען מיין טאַטן.

— זאָלסטו ניט.... — האָט אַנאַנדער אַרבעטער זינגענדיק אונטערגעכאַפּט.

און מענדל האָט זיך נאָך אַלץ ווייטער צעקאָכט:

— איך וועל דיר צעשפּאַלטן דעם קאָפּ.

— וועל איך דיר — האָט אַלץ יענער אונטערגעזונגען.

און מענדל האָט מיט ביטערן כעס פאַרענדיקט זיין זאַץ:

— אויב דו וועסט נאָכאַמאָל דערמאָנען מיין טאַטן... וואָס האָסטו צו מיין טאַטן, דו באָם איינער.

— איי, איי, איי! וואָס האָט ער געזאָגט?... באָם האָט ער געזאָגט? — האָט זיך אַנאַנדערער צעזונגען.

— מיין טאַטע האָט דיך געטשעפּעט? — האָט אַלץ מענדל ווייטער געשריען — האָט מיט דיר איינעם חזירים געפּאַשעט?

— וואָס'ט ער געזאָגט? חזיר האָט ער געזאָגט? איי, איי, איי, אַזאַ זאַך, חזיר גאָר!... — האָט איינער פון די זינגער געהילכט, געריצט זיך און געזונגען.

— סעי, טאַקע, וואָס האָסטו זיך גענומען צו זיין טאַטן? — פרעגט אַנאַנדער אַרבעטער, זיך כלומרשט אָננעמענדיק מענדלס קריוודע.

— דאַכט זיך, אַ קלוגער יונג בעני — רופט זיך אָן נאָך אַנאַנדערער אויך מיט אַ כלומרשטן ערנסט — פונדעסטוועגן זעסטו דאָך!

— אָ, אין אייערע אַלעמענס ביינער אַריין! — טאַקע, פאַרוואָס האָב איך אָפּגעלאָזן זיין מאַמען? סעי, דו לאַנגער לאָשיק, וואָסער אַ מאַמע האָט דיך געבוירן? זי האָט דאָך געמוזט זיין...

מענדל איז דאָ שיר ניט אַרוים פון זיין הויט, האָט געכאַפּט אַ רינג דראָט און אים גלייך אַ שליידער געטאָן צו בענין מיט געשרייען:

— דו פּאַסקודנער באָם, דו!

חברה האָט געגומען שרייען:

— גיב אים אריין, מענדל, גיב אים אריין!

בעני האָט אויסגעמיטן דעם רינג דראָט און האָט גענומען לאַכנ־דיק שרייען:

— וואָס, דו לאַנגער פלאָקן וואָס דו ביסט, ניט דיין טאַטן און ניט דיין מאַמען?! טאָ צו וואָס־זשע דען לעבסטו אָף דער וועלט? אָט נעם איך דאָך און מאַך פון דיר גלייך אַ טעלעגראַף־סלופּ.

דער פּאַרמאַן, וואָס איז אין דער צייט געווען ווייט ארויף אין שאַפּ, האָט פונדערווייטנס דערזען, ווי מענדל האָט געוואָרפן אַ רינג דראָט, איז ער צוגעלאָפן און גענומען שרייען הויך, אַזוי, אַז דער באָס זאָל אים הערן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַרפן זיך מיט דראָט?! וואָס איז דאָס!

מענדלען האָט זיך אָפּגעריסן אין הארצן און ער האָט גענומען הים־טעריש שרייען:

— ווייל ער איז אַ באָס, אַ טרעמפּ, זאָגט אים, ער זאָל האַלטן זיין מיאוסן פּיסק.

— „נעוווערמיינד" זיין מיאוסן פּיסק! — האָט זיך דער פּאַרמאַן אָפּגערופן — איר ווילט זיך מיט אים „פייטן", קאָנט איר אים ארויס־רופן אינדרויסן. דאָרטן קאָנט איר אים אפילו וואַרפן אייערע ציין אין קאָפּ. דראָט אָבער קאָסט געלט. און ניט נאָר אַ קוק אָף אייער ארבעט! וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַסאָן? וואָס האָט איר דאָ געמאַכט — אַ באַק־דיי־זשע צי אַ הוט פאַר אַ דאַמע?

מענדל האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זיין שטענדיקע רויטקייט אָף די שפּיצן פון זיינע באַקן האָט איצט אויסגעזען ווי אַן ארויפגע־קלעפּטע. אָפּן פּאַרמאַנס געשרייען האָט זיך פונווייטן ארויף נאָך באַ־וויזן דער באָס. אַ גליווערדיקער שווידער האָט זיך מיטאַמאָל אַ שפּרייט געטאָן איבער אַלע ארבעטער און דער פּאַרמאַן האָט גענומען שרייען נאָך העכער:

— איך האָב מורא, מענדל, אַז מיר וועלן זיך מוזן צעקריגן אָף דער אמתן. אַזאַ ארבעט קאָן דאָ ניט גילטן. ניט נאָר אַ קוק וואָסערע „הוקס" איר מאַכט, וואָסערע „קניפּן"...

נאָר אָט האָט דער פּאַרמאַן אָפּגעלאָזט מענדלען און האָט אַן אויפ־

געדעגטער געגומען שרײַען אַף בענין:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטיקער דראַט, וואָס?! עס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטן! ווי אַזוי שעמט מען זיך דאָס ניט צו שנײַדן אַזוינע גרויסע שטיקער דראַט פֿאַר אַזאַ קלײנער הוט.

און דער פֿאָרמאַן איז צוגעלאָפֿן צו בענין און האָט בײַ אים אויסגעריסן די אָנגעשניטענע שטיקער דראַט, בײַז שרײַענדיק:

— אַז ער האָט גאָר קײן גאָט אין האַרצן ניט.

— סעי וואָס פֿאַר אַ שטיק. — האָט בעני האַלב־לאַכנדיק גענומען שרײַען אָפֿן פֿאָרמאַן — גיב אַהער דעם דראַט און לאָז אַרבעטן.

— „נעווערמײַנד" „לאָז אַרבעטן!" איך האָב דיר צוואַנציק מאָל געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט פּטרן קײן דראַט פֿאַר גאָרניט, אָבער רעדן צו דיר איז אַזוי ווי צום הונט!

— אױ, וואָס'ט ער געזאָגט? „ווי צום הונט" — אַז אַט כאַפּ איך דיך פֿאַר די ליטקעס און מאַך פֿון דיר אַ ראָסל־פֿלײש — האָט זיך בעני ווײַטער געפּרואווט קליגן.

— הער אויף מיט דײַנע שמד־שטיק! איך וויל דאָס פֿון דיר ניט הערן —האָט דער פֿאָרמאַן בײַז געזאָגט.

בעני האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דער באָס, בערנשטײַן, איז אָנגעקומען נאָענט, האָט אַרויסגענומען זײַן סיגאַר פֿון מויל, אַרויסגעלאָזט דעם רויך און אויסגעשריען:

— היר! היר! — — — — — — — — — — — — — — —

בעני האָט זיך געמוזט נעמען שנײַדן נײַעם דראַט. די אַנדערע אַרבעטער האָבן געשמייכלט פֿון בענים דורכפֿאַל, כאָטש אַ ביטערקייט האָט זיך פֿאַר אַלעמען ווי אַ הייסע כוואַליע אַ הויב געטאָן איבערן שאָפּ און האָט זיך שטיל אָפּגעשלאָגן אין זײַערע הערצער.

דער פֿאָרמאַן האָט זיך נאָכדעם געווענדט צום באָס ווי אַ באַראַבעוועטער, דאָס פּנים איז בײַ אים אַזש געווען בלאָס פֿון אויפֿרעגונג:

— מיסטער בערנשטײַן, איך ווייס שוין גאָרניט וואָס מען טוט מיט זײ! וויפֿיל איך זאָל ניט שרײַען, העלפֿט ניט. אָט, זעט, אפֿשר צוויי אינטשעס דראַט לענגער...

מיסטער בערנשטײַן האָט נאָכאַמאָל אַרויסגענומען זײַן סיגאַר פֿון מויל, אָפֿן סיגאַר איז שוין געווען אַסאַך אָנגעברענט אַש, וואָס

ער האָט, ווייזט אויס, ביז איצט געהיט. איצט אָבער האָט ער זיי מיט אַ שמייכל אָראָפּגעטרייסלט און געזאָגט:

— נעקסטן מאָל, ווען דו זעסט אימיצן שניידן אַזוינע שטיקער דראָט, שיק אים אַרונטער פון פלאַץ.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ שמייכל, אָבער שאַרף און זיכער.

ווען מיסטער בערנשטיין און דער פאָרמאַן זיינען אוועק האָט זיך צווישן די אַרבעטער אָנגעהויבן אַ גערעדעריי איבערגעמישט מיט קללות און זידל־ווערטער:

— אַ פּאַסקודנער, ווערמדיקער יונג!

— עס זאָלן אים נאָר די הענט אָפּדאָרן, ווי נאָר ער דערפילט, אַז דער באָס איז נאָענט, אַזוי נעמט ער זיך טשעפּען.

— איך האָב אים נעכטן געוואָלט אָנשפּייען אין פּנים אַריין!

— עפּעס איז ער איבערהויפּט די לעצטע צייט געוואָרן ניט אויסצו־האַלטן.

— די לעצטע צייט? אַלע זיינע יאָרן געווען אַ וואַנץ. נאָר זינט ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער שיקסע דער סטרייק־ברעכערקע, וואָלט גלאַט געמעגט אַריין אַ בראָך אין זיינע ביינער.

— אָבער ווי געפעלט אייך, ווי אונזער בעני האָט אָפּגעשניטן? — האָט איינער געגומען רייצן דעם עולם אָף בענין.

— פע, מיאוס! — האָט אַנאַנדערער אונטערגעכאַפּט.

— הערסט, בעני, איך וואָלט זיך אָף דיר ניכער געריכט אַ קריינק איידער אַזאַ מפּלה.

בעני האָט זיך געמאַכט הארץ, האָט זיך צעלאַכט און גוטמוטיק אויסגעשריען:

— אוי, דו רויטער אינדיק! דו אויך אָף מיר? אָט נעם איך דאָך און מאַך פון דיר אַ הערינג און וואַרף דיך אַריין אין זאַלץ־ראָסל.

— וואָס? פון אַן אינדיק אַ הערינג?

— שאַ, ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועט אַ קוואָדער, אַז איך וועל פון דעם רויטן אינדיק מאַכן אַ הערינג, און דאָס געלט לייג איך איין ביי בערמאַנען.

בערמאַן איז שוין געווען צוגעוואוינט צו אָט־די ברוטאַלע, כמעט כאַדיסטישע פאַרווייַלונגען פון די אַרבעטער. די אַרבעטער, וואָס האָבן

כמעט אַלע געאַרבעט פאַר אַ הונגער־לוין, וואָס פלעגן שלאָפן אין שמוציקע, פאַרפעסטעטע און פאַרוואָנצטע וואוינונגען, פלעגן זיך אָפּפרישן און אַרויסווייזן דערפינדערישקייט אין אויסגעפינען די בעסטע מיטלען, ווי אַזוי צו באָדן זיך איינער אין דעם צווייטן. איינער אַף איינעם אָדער עטלאַכע אַף איינעם פלעגן זיי זיך באָדן אין בייזער פרייד, ווען זיי האָבן אויסגעפונען דעם שוואַכסטן פונקט, מיט וועלכן מען קאָן יענעם פייניקן. מען פלעגט זיך נאָך דערביי פלייסן אַרויסצובריינגען וואָס אַ גרעבערן וואָרט, וואָס אַ נידעריקערן פאַרגלייך. די מענטשן פלעגן ממש אויפשטיין ווי הויפנס שמוץ, ווי הויפנס עקל, וואָס פרייען זיך מיט וואָס מער שמוץ, מיט וואָס מער עקל. ווי פריי מען זאָל ניט וועלן זיין, קאָן מען אין דעם געדרוקטן וואָרט פאָרט ניט איבערגעבן די רייד, וואָס זיי נוצן אין דערווירקלאַכקייט.

בערמאַן פלעגט אָפט אַן איבערגעפילטער פון אומדערטרעגלאַכן איבל טראַכטן פאַר זיך: אַט פון אַזעלכע קאָן דאָס אויפגעשטעלט ווערן דאָס קעניגרייך פון ליכט? און ער פלעגט זיך אומקוקן מיט זיין טיף־איינגעגלויבטער עקשנות און זאָגן צו זיך מיט די ווערטער פונם מאַן פון נצרת:

— יאָ, אַט גראָד פון אַזעלכע וועט אויפגעשטעלט ווערן דאָס קעניגרייך פון ליכט.

עס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען גראָד אַט־דאָס, וואָס האָט אים און נאָך אַסאַך אַנדערע „עם־עולמניקעס" באַוועגט זיך אָפּזאָגן פון זייערע „עם־עולם"־אידעאַלן.

די אַרבעטער, ווידער, האָבן פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן דרך־ארץ פאַר בערמאַנען אַט גראָד דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי אַנדערש פון זיי, אַט גראָד דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט אַריינציען אין אַט־די „דערפרישנדיקע" שמועסן, אַט גראָד דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן עטלאַכע פון זייערע אַטאַקעס, וואָס זיינען שווער און ביטער געפאַלן אַף אים און ער האָט ניט געענטפערט.

טאָמער פלעגן זיך חברה פאַרפלאָנטערן אין אַביסל אַן ערנסטן שמועס און פלעגן ניט קאָנען אַרויסקריכן, פלעגט זיך דאָס געוויינטלאַך ענדיקן מיט: שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, לאָמיר פרעגן בערמאַנען. אָדער ווען איינער פלעגט וועלן צוגעבן אַביסל ערנסט זיינעם אַ געוועט,

פלעגט ער געפינען פאַר נויטיק צוצולייגן: און דאָס געלט לייג איך איין ביי בערמאַנען. און ווען בעני האָט דאָ אויסגעשריען: איך וועט אַ מזומנעם קוואָדער, אַז איך וועל פון דעם רויטן אינדיק מאַכן אַ הערינג. און דאָס געלט לייג איך איין ביי בערמאַנען, האָט דאָס געמיינט אַ געוויסע באַטאַנונג פון אַכטונג פאַר בערמאַנען.

בערמאַן, וואָס האָט געשוויגן די גאַנצע צייט, האָט זיך אויף דעם אויסגעדרייט מיט אַ גוטן שמייכל אויפן פּנים און זיך אָנגערופן צו בענין:

— האָסט טאַקע געלט ביי זיך?

— וואָס, איר גלויבט מיר ניט? — האָט בעני געפרעגט און גלייך אַוועקגעלייגט זיין אָפּצווייגל מיטן דראָט, אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע און טאַקע אַרויסגענומען פון דאָרט אַ מזומנעם קוואָדער:

— „היר איז קעש!“

בערמאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט:

— איך דאַרף דאָס נויטיק.

— אויף וואָס? — פרעגט בעני, דערפילנדיק עפּעס, נאָר ניט פאַרשטייענדיק קלאָר.

— אויף צו דרוקן אַן אויפרוף פאַר אַ מאַסנמיטינג.

— ווידער אַ יוניאָן?!

— יאָ.

— אַ מזומנעם קוואָדער! — האָט בעני אויסגעשריען אַרויסלייגנדיק זיין זילבערנע מטבע מיט אַ פּאַטש אויפן טיש.

בענין איז דער יוניאָן־עסק איצט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אויף דעם חשבון גלייך אָפּגעזאָגט אַ פּאָר מאָל אין טאַטנס טאָטן אַריין און האָט זיך מיט וואַרימקייט גענומען מאַנען ביים עולם קוואָדערס:

— סעי, מוישקע, אַרויס מיט אַ קוואָדער! — האָט בעני אויסגעשריען צו איינעם.

— אויף וואָס? — האָט יענער געפרעגט פאַרוואונדערט.

— נו, טענה ניט! אַ קוואָדער!

— איז וואָס וועט זיין?

— וואָס פרעגסטו קאַטשאַנעס! בערמאַן גייט דרוקן אַ צירקולאַר און מיט רויטע ווערטער וועט ער דאָרט אַריינשרייבן, אַז איך מיט

דיר קאָנען אונזער פּאַרמאַן אויסציען אפן „פּלאַר" אינמיטן טאָג און אים אריינשפּייען אַ פולן מויל.

— זעסטו, דאָס איז שוין ווערט אַ קוואָדער — און מוישקע האָט ארויסגעלייגט אַ קוואָדער.

— נו, לאַנגער, ארוים מיטן קוואָדער, וועלן מיר זיך איבערבעטן.

—עפּעס אזוי ווי אימיצער וויל זיך מיט אים איבערבעטן — זאָגט מענדל אָפּ, ניט קוקנדיק צו בעניו.

— נו, לאַנגער, גיט איר אַ קוואָדער, רופט בערמאַן איין אזא מי־טינג, וואו ער וועט באשליסן, אַז איך מיט אייך מעגן כאַפּן אונזער פאַרדריפּעטן פּאַרמאַן, אים אויסשטעכן די אויגן און זיי אָנשטאָפּן מיט ג.אַטע. ווען ניט וועל איך מיר מוזן זוכן אַנאַנדער פּאַרטנער.

— אַ קוואָדער וועל איך סיי־ווי־סיי געבן — האָט דער לאַנגער מענדל זיך אָפּגערופן. — אפשר, אַז מען וועט האָבן אַ יוניע, וועט פון אזא תכשיט ווי דו ווערן אַ שטיקל מענטש.

דער עולם האָט שטיפעריש געגעבן די קוואָדערס. בערמאַן האָט זיך פון דעם געפילט גוט און גליקלאַך און דערצו האָט נאָך געטראָפן, אַז גראָד אין דער מינוט, ווען מען האָט בערמאַנען דערלאַנגט דאָס אָנגע־זאַמלטע געלט, האָט אַ פּלוצלונג ליכט אַ שלאָג געטאָן אין שאָפּ און אָן ארבעטער, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון בערמאַנס פענצטער, האָט צייגנדיק מיט זיין פּאַלירט צווייגל אין האַנט צום דרויסן פאַר־ציטערט אויסגעשריען:

— זעט נאָר, זעט נאָר!

אַלע האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו די פענצטער, וואָס פאַר זיי: —

איבער די דעכער, ווייט ארויף, ערגעץ אף אַ פּלאַץ, וואו עס זיינען אויפגעבאַרגט געשטאַנען דער שטאָטס גרעסטע מויערן, האָט די ווייסע ווינטער־זון פון אַ זייט דערגרייכט די אויבערשטע פענצטער. וואָס איז דער שווערער, שוואַרצער קרוין פון דעם גאַר־הויכן טורעם און די גרויסע, שוואַרצע קרוין האָט פאַר אַ ווייַלע גענומען שלאָגן פון זיך מיט ראַשיק־ווייסע זון־זייַלן. דער הויכער שוואַרצער טורעם האָט אינמיטן פון אָט־די אַלע אַנדערע אויפגעבאַרגטע, הויכע מויערן גענומען ווי קוקן ארום זיך מיט זייליקן, ווייסן זון־גאָלד. שאַרף־געפּלעקטע נעצן פון גאָלד האָבן זיך גענומען שפּרייטן איבער שעפער און מענטשן, און געשניטן

איבער זיי פאַרשיידנפאַרמיקע לעקאַכער. אַלע זיינען ווי משופּעדיק צעפּאַסט געוואָרן, איניינעם מיט זייערע וואַרשטאַטן, איניינעם מיט זייער געצייג, איניינעם מיט די ווענט, מיט די דילן און סופיטן. ליכטיק־צעשטיקלט זיינען מיטאַמאָל מענטשן און זאַכן געוואָרן — ווער מיט אַ האַמער אין האַנט, ווער מיט אַ צווייַנגל, ווער מיט אַ שטיק האָלץ און ווער מיט אַ רינג דראָט אין האַנט. די מאַשינען, די מענטשן און די אַרבעט־אינסטרומענטן אין זייערע הענט האָבן גענומען אויסזען, ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעשטעלט פון שאָטנדיקע און ליכטיקע שטיקער, און יעדע שטיק אויף זיי שיינט באַזונדער. די שאָטנדיקע שיינען כישופדיק קעגן די ליכטיקע, ווי שאָטן וואָלט אַ ליכט אַזאַ געוואָרן. בערמאַן האָט אין דעם, וואָס דאָס איז פּונקט געשען איצט, גראָד אין דער מינוט, ווען מען האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט אָפּצודרוקן דעם אויפרוף, געזען אַ גוטן סימן און דערביי געשמייכלט מיט אַ צווייענדיקן שמייכל — אַ שמייכל פון לייכטער פרייד איבער דעם סימן, און אַ שמייכל פון זיין אַפּגעריסענער, נאַרישער גרייטקייט צו גלויבן אין אַ סימן...

VI

געסט

קאַפּיטל פּיראַונדרייסיק

פּאַרנאַכט. אין דער האַלב־פּינצטערער שטוב מיט די פּיל צימערן האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער קלונג פונם טיר־גלעקל. גערטרוד האָט אַוועקגעלייגט דאָס צעעפנטע בוך, וואָס איז געלעגן אַף אירע קני, און זיך געלאָזט דורכן לאַנגן קאָרידאָר צו דער טיר.

דאָס בוך איז ביז איצט געלעגן אַף גערטרודס שיינע קניען און האָט זיך מיט זיינע ווייסע בלעטער געווייסט אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט. זי האָט דאָס בוך ניט געלייענט, נאָר געקוקט אַף זיינע ווייסע בלעטער, און ווי לייכטע, ווייסע פליגלען האָבן זי די בלעטער אויפגע־הויבן און זי פאַרטראָגן ערגעץ־ווייט אין דער ווייטער ווערסט אריין: — זי, די וואויל־דערצויגענע גוטע גערטרוד האָט פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און די רייכע היים און איז אַוועק אין דער ווייטער ווערסט און איז דאָרטן געוואָרן די ווייב פון אַ פּשוטן פּאַרמער־יונג. דער פּאַרמער־יונג האָט גרויסע גראָבע הענט און אירע הענט זיינען דינע און מיט אַזעלכע איידל־דערצויגענע און לאַנגע פּיאַנע־פינגער. און אירע קליידער זיינען נאָך פאַר־בליבן זיידענע, ווי געווען... און דער פּאַרם־יונג שלאָגט זי מיט זיינע גרויסע, שווערע הענט... און איר טאַטע און איר מאַמע ווייסן ניט וואו זי איז אַהינגעקומען. זי האָט זיי ניט געשריבן און וועט זיי ניט שרייבן. און איצט, גייענדיק איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר צום טיר, איז גערטרוד נאָך אַלץ געווען ערגעץ דאָרט, אין דער פרעמדער ווייט, אַליין אין אַ ערדן שטיבל מיט איר מאַן — דעם פּאַרמער־יונג.

ווען גערטרוד איז צוגעקומען צום טיר האָט זיך שוין דערהערט דאָס צווייטע קלינגען. זי האָט געעפנט די טיר און דערזען זינאַ, מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן האַנט.

— העלאָ!

— העלאָ, גערטרוד, טייערע, ליבע, זיס־האַרץ, — האָט זינאַ זיך קושנדיק גענומען רעדן צו גערטרודן — האַרציקע, גיב מיר נאָך אַ קוש,

נאָך אײנעם. איך האָב דאָך דיך אַזױ ליב! פאַרװאָס ביסטו אַזױ קאַרג אױף קושן? פאַרװאָס קושסטו מיך ניט, גערטרוד, פּליז!

גערטרוד קוקט אױף איר מיט אױסגעשטעלט גרױסע אױגן, ניט אַ ליכטן שמײכל און זאָגט:

— איך האָב דאָך דיר געגעבן אַ קוש!

— אײן קוש — זאָגט זינאַ — זע, איך גיב דיר דאָך אַזױפיל קושן. נאַ, נאַ!

— דו האָסט זיך ליב קושן, און איך קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן — זאָגט גערטרוד שמײכלענדיק מער מיט אירע גרױסע אױגן װי מיט דעם מױל.

— װאָס קאָנסטו ניט פאַרטראָגן? — פרעגט זינאַ.

— קושן — ענטפערט גערטרוד.

— אפילו װען מען קושט דיך?

—יאָ — ענטפערט גערטרוד מיט אַביסל אַ פאַרשעמטער מאָדנע־קייט אױפן פּנים, און זי דערמאָנט זיך װידער אָן דעם גרױסן פאָרם־יונג מיט די גרױסע שװערע הענט און טראַכט: װען ער זאָל קושן װאָלט געװען גוט... און זי ציטערט־אױף פון דעם געדאַנק „װען ער זאָל קושן”.

— אָבער אַז מען האָט ליב? אַז מען איז פאַרליבט, גערטרוד? — פרעגט אַלץ זינאַ.

— נו, איז װאָס?... — ענטפערט גערטרוד.

ביידע מײדלאַך האָבן זיך אָנגעקוקט... זינאַס שמײכל האָט זיך געענדערט, האָט באַקומען אַ־דעם קלוגן צופרידענעם אױסדרוק מיט זיך, מיט דעם באַװאוסטזײַן פון איר קאָמפּליצירטער נאַטור, פון גערטרודס קינדערשן ניט־פאַרשטײן פון װאָס זי רעדט צו איר. זי, גערטרוד, איז אַ גרױס און ליכטיק קינד מיט צװײ גרױסע, ליכטיקע נאָר ניט־פאַר־שטײענדיקע אױגן. גערטרוד, װעמען זינאַ האָט קױם געגרײכט ביז די אַקסל, האָט זיך דערפילט געטראָפן פון זינאַס געענדערטע בליקן. איר דורכזיכטיק־בלאַס פּנים איז פון דעם געװאָרן בלאַסער, און אירע שטענדיק־שטילע, אין זיך פאַרטראַכטע גרױסע אױגן האָבן מיטאַמאָל אױפגערעגטער גענומען אַרױסגעבן זײער שײַן, װױסנדיק, אַז זינאַ טראַכט געװיס איצט, אַז זי איז אַ קינד...

— וואס, גערטרוד, דו ביסט גאר אליין איצט אין הויז? ! — האט זינא מיטאמאל אומקוקנדיק זיך געפרעגט און גענומען גיין אין פא־דער־צימער.

— יא — האט גערטרוד געענטפערט און איז איר נאכגעגאנגען.

זינא איז אריין אין פאדער־צימער, האט ארויסגעלייגט פון האנט דאס פעקל, האט אוועקגעלייגט אזוי, אז עס איז גלייך אראפגעפאלן אפן טעפיך. זינאן האט דאס אבער ניט געשטערט. זי האט זיך גאנץ געמיט־לאך גענומען אויסטאן דעם ראק אירן, און זיך גענומען פאנאנדער־פרעגן :

— וואו זיינען זיי אלע ? און ווען קומען זיי, טייערע ?

גערטרוד האט ניט געקאנט פארליידן, וואס זינא האט אזוי אוועק־געלייגט דאס פעקל, אז עס זאל אראפפאלן, און איבערהויפט, וואס זי האט דאס אזוי געמיטלאך געלאזט ליגן אפן טעפיך. האט זי זיך אליין אנ־געבויגן, דאס אויפגעהויבן און דערביי געענטפערט :

— איך גלויב, אז זיי וועלן באלד קומען.

נאכדעם איז זי צוגעגאנגען און אנגעפרעסט דאס עלעקטרישע קנעפל און דאס ליכט האט מיטאמאל א שלאג געטאן און אויסגע־פילט דאס גאנצע צימער.

זינא האט דא אזוי ווי פונדאסניי דערזען גערטרודן. די אויפגע־וואקסענע, די אויפגעשיינטע אין א ווייס קלייד מיט א ברייטן ווייסן גארטל ארום דער דינער טאליע, לייכט איבערגעבונדן איבער די שיין־אויסגעפילטע, רונדע היפטן. און אט־די שטענדיקע ריינקייט פון דער מיידל, ריין ווי אט־די פארטראכטע גרויסע אויגן אירע ! באלד אבער כאפט זיך זינא : — אבער וואס איז דאס אנטקעגן מיין דערפארונג מיט בערמאנען אין פארק ? זי קומט ניט אהין. זי גרייכט ניט. זי פאר־שטייט ניט. זי איז א „בייבי״.

זינא איז געווען אנגעטאן אין א נאר־וואס אויפגענייט רויט קלייד מיט קורצע לויזע ארבל, וואס האבן אפגעדעקט אירע ארעמס ביי יעדן הויב פון דער האנט. זי האט אויך געהאט א פאס ארום די לענדן, וואס האט זיך צונויפגעהעקלט אף א זייט, אבער איין העקל איז געווען אפן און די ברעגן זיינען זיך ניט שיין פאנאנדערגעגאנגען.

— וועל, ווי געפעלט דיר מיין קלייד? — האָט זינא געפרעגט גערטרודן.

גערטרודן האָט געשמייכלט דאָס, וואָס זינא פרעגט ביי איר מבינות. איר פּנים איז אַף אַ ווײַלע געוואָרן מונטער און זי האָט געזאָגט:

— גאַנץ וואויל.

באַלד אָבער האָט זי דערזען די צוויי פאַנאַנדערגעגאַנגענע שפּיצן, אין זי צוגעגאַנגען און געוואָלט פאַרשפּיליען דעם העקל, איז אָבער איין האַלבער געווען אָפּגעריסן...

גערטרוד איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס איז דער מער, גערטרוד?! — האָט זינא געפרעגט און איז רויט געוואָרן.

— גאָרניט — האָט גערטרוד געזאָגט און איז אויך רויט געוואָרן — אַ העקל פעלט.

— נו, איז וואָס? — האָט זיך זינא געפּרואווט בעריען — ביסט אַ קרענק.

— ס'איז דאָך אַ ניי קלייד... — זאָגט גערטרוד, ווי זיך פאַר־ענטפערנדיק, און ניט צו — אויב דו ווילסט, קום, וועל איך דיר דאָס צונייען.

זינא האָט זיך אַף אַ ווײַלע געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. זי איז אָבער גלייך מיטגעגאַנגען מיט גערטרודן אין גערטרודס צימער אריין.

אַף די ווענט פון גערטרודס צימער זיינען געווען פאַנאַנדערגעהאָנ־גען פאָנען פון פאַרשיידענע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטן, און גרופּנ־ווייז — בילדער פון מוזיקער. דער טעפּיך אַפן דיל איז געווען גרין און ריין, ווי פרישע גראָז. דאָס מעשענע בעט איז געווען ווייס און קלאָר פאַרשפּרייט. ווייס און קלאָר איז אויך געווען דער פאָרהאַנג פונעם פענצטער און די פאַרשפּרייטונג אַף די צוויי קליינע טישלאַך. אַף איי־נעם פון די קליינע טישלאַך זיינען אין אַ וואַזע מיט פרישן וואַסער גע־שטאַנען עטלאַכע פרישע ווייסע בלומען.

— הם! סאָרא שיינע בלומען! — האָט זינא געזאָגט — וואו האָ־סטו זיי געקראָגן?

— הונא האָט זיי אַרויסגעשיקט — האָט גערטרוד געזאָגט.

— הוגאָ קאַלמאַנאָוויטש! — האָט זיך זינאַ געוואונדערט — איך האָב, דאַכט זיך, געהערט, אַז דו ביסט מיט אים ברוגז. האָסט זיך שוין מיט אים איבערגעבעטן?

— ניין — האָט גערטרוד געזאָגט — פאַרוואָס זאָל איך זיך מיט אים איבערבעטן?

— צו וואָס דען אָט־די בלומען? — האָט זינאַ געפרעגט.

גערטרוד האָט דערויף געענטפערט:

— דאָס איז נאַר, ווייל איך האָב ליב, אַז אימיצער זאָל מיר שיקן בלומען...

— ע! אַזאַ ביסטו! — האָט זינאַ אויסגעצויגן פולדייטיק און שטיפנדיק...

גערטרוד איז גלייך צעטומלט געוואָרן, אירע אויגן האָבן גענומען קוקן פאַרשעמט און זי האָט געפרעגט:

— וואָס הייסט?.. וואָס מיינסטו?

— גאָרניט, גאָרניט — האָט זינאַ לאַכנדיק געזאָגט. — דאַרפסט אויף מיר אַזוי ניט קוקן... אָבער פאַרוואָס האָסטו זיך מיט אים צע־קריגט?

— אָ, דאָס איז נאָך פון לעצטן זומער.

— יאָ, אָבער פאַרוואָס? — האָט זינאַ געפרעגט.

— מיר האָבן זיך דאָן געבאָדן אין ים...

— נו, איז דאָך גוט.

— ניין, ער איז אַ ווילדער — האָט גערטרוד אויסגעשריען — ווען מיר זיינען אַזוי ביידע געשטאַנען ביים ברעג האָט ער זיך פּלוצלונג צוגעזעצט לעבן מיר און מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די אַקסלען און איז מיט מיר אַזוי אַריינגעלאָפן אין וואַסער, אַזוי טיף, אַז איך האָב געמיינט איך וועל שטאַרבן.

— איז דאָך אַוודאי גוט.

— ניין, איך האָב ניט ליב אַזעלכע זאַכן.

— פאַרוואָס? — האָט זינאַ געפרעגט.

— אַזוי — האָט גערטרוד געענטפערט — איך האָב ניט ליב, אַז אימיצער זאָל צו מיר צוקומען אַזוי נאָענט.

— אָבער דו ביסט זיך דאָך געגאַנגען באָדן מיט אים.

— נו, איז וואס?

— וואס מיינסטו „איז וואס?" — דו ביסט נעגאנגען מיט אים כדי צו האבן א „גוד טיים".

— אבער דאס הייסט ניט, אז ער דארף זיין פרעך — האט גערטרוד אפגעזאגט מיט רוגז, נייענדיק דעם העקל צו זינאס גארטל און שארף פארענדיקט:

—איך האס, ווען אימיצער נעמט מיך באהאנדלען פרעך.

זינא איז געבליבן שטיין, מארנע געקוקט אף גערטרודן און ארויסגעלאכט:

— דו ביסט א שיינע בייבי.

גערטרוד האט דא מיטאמאל ווידער דערפילט, אז זינא רעדט צו איר די גאנצע צייט ווי צו א קינד, ווי צו א בייבי... דאס בלוט האט איר פון דעם גענומען ווערן קאלט. זי האט אפגעריסן דעם פאדעם פון העקל און בייז געזאגט:

— איך וויים, אז דו מיינסט אלעמאל, אז איך בין א בייבי...

— גערטרוד, דו ביסט בייז אף מיר? — פרעגט זינא — איך האב גארניט געמיינט, אף מיין ווארט. איך האב דיך ליב אט ווי די ביסט. דו ווייסט אליין ניט ווי ליב איך האב דיך — האט זינא פארענדיקט פילדייטיק...

— איך וויים, אז דו מיינסט וועגן מיר קיינמאל גארניט, אויסער אז איך בין א בייבי.

— אבער גערטרוד!...

— דו וואלסט ניט געקאנט קוקן גלייך אף מיר און מיר זאגן, אז ס'איז ניט אזוי!...

זינא האט געפרואווט קוקן אף גערטרודן און איז אבער גלייך רויט געווארן.

— גערטרוד, איך האב דיך משוגענערווייז ליב. ווען איך דערמאן זיך אין דיין ליכטיקן קערפער ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן — און זינא האט ארויפגעלייגט אירע ביידע הענט אף גערטרודס טאליע, אזוי דערביי אזוי ווי פונדאסניי דערפילט בערמאנס הענט ארום איר אייגענער טאליע. אט־דער אפדרוק פון בערמאנס האנט, ווען ער האט זי אזוי פלוצלונג א הויב געטאן פון דער ערד אין פארק איז ווי געבליבן אף איר

ליב און זי אַזוי ווי געשיכורט. און זי האָט מיט אַ פֿאַרגרעסערטן עקסטאַז גענומען רעדן:

— גערטרוד טייערע, איך האָב דיך ליב און פֿון איצטער אַף אײביק — איך וועל דיר שיקן בלומען. יאָ? וועסט אָננעמען פֿון מיר בלומען? יאָ? יאָ?... — און זי איז צוגעפֿאַלן צו גערטרודן און זי גענומען קושן:

— מיין גוטע, מיין טייערע גערטרוד! לייג אַרום דיינע הענט אַרום מיין טאַליע. נעם מיך אַרום, האָב מיך ליב. — און זיך אַזוי ווי כאַפּנדיק אַן עפּעס, איז זינאַ נאָך שטאַרקער רויט געוואָרן, אַזש פֿאַרפֿלאַמט געוואָרן פֿון רויטקייט, און ווייטער גערעדט: — דו ביסט דאָך אַזאַ ריינע, אַן אָפּנהאַרציקע, אַ ליכטיקע, אַ מלאך.

גערטרוד האָט זיך געפּילט מאָדנע אומבאַקוועם פֿון אָט־די פּלוצלונגדיקע ליבע־שטראָמען, מיט וועלכע זינאַ האָט אַף איר לעצטנס גענומען רעגענען. אָבער דאָס, וואָס זינאַ איז פֿאַר איר איצט געשטאַנען אַ רויטפֿאַרשעמטע, אַ צעפֿלאַמטע, איז איר געפֿעלן געוואָרן, און זי האָט פֿון דעם גענומען צופֿרידן אויפֿשיינען. זינאַ האָט אָבער גערטרודס צופֿרידענקייט גאַנץ אַנדערש פֿאַרשטאַנען און האָט זיך דערפֿאַר נאָך צעוואַרימט און זיך גענומען לאַסטשען צו גערטרודן און קוקן אַף איר ווי אַף אַ געליבטער, וואָס זי האָט ערשט פּלוצלונג דערזען... איר קאָמפּליצירטע נשמה האָט שוין לאַנג נאָך אַזאַ געבענקט. די געטער האָבן זי איר צוגעשיקט. און זינאַ האָט זיך באַגייסטערט ווידער גענומען רעדן אינדערהויך:

— גערטרוד, גערטרוד! סאַראַ מאָדנע זאַך!... דו ביסט, דאַכט זיך, ניט שיין און דאָך אַזוי שיין, אַזוי וואונדערלאַך, אַזוי נעטלאַך! — און זי האָט ווידער אַרומגענומען גערטרודס שלאַנקע טאַליע און צו איר ליידנשאַפֿטלאַך גענומען טענהן:

— דיינע ליפּן זיינען ניט קיין שיינע, דיין נאָז איז ניט קיין שיינער, און דיינע באַקן־ביינער... אָבער, גאָט מיינער! ווי אָריגינעל און שיין דאָס איז אַלץ אין דיר. אַלץ אין דיר ווערט שיין און ליכטיק, ווען מען קוקט זיך איין אין דיר, דיינע לאַנגע שיינע אָרעמס הייגנען אַראָפּ פֿון שיינע רונדע אַקסלען, דיין האַלדז הויבט זיך שטאָלץ אויף פֿון אָט־די אַקסלען, און דיינע גרויסע אויגן! עס דאַכט זיך אויס, אַז זיי האָבן

זיך צעעפנט מיט אַ גוטער לאַנגזאַמקייט און קוקן פאַר זיך מיט אַ ליכטיקער שטילקייט, וואָס רייצט... און דיינע ליפּן... און דיינע הויכע פיס! און אינגאַנצן דיין פיגור מיט אָט־דער אויפגעשטאַלצטער שלאַנקער טאַליע! און אָט־די קלאָרע, דינע בלאַסקייט פון דיינע לאַנגע, כמעט דורכזיכטיקע, גוטע פיאַנע־פינגער און פון אינגאַנצן דער הויט פון דיין לייב. ווי ליכטיק דו שטייסט מיר נאָך פאַר מיינע אויגן. ווי שיין דו ביסט אַ נאַקעטע! ווי אַ נייע דערפרישנדיקע זון שטייט מיר פון דעמאָלט־אָן דיין לייב פאַר די אויגן. ווי וואַרים עס איז דיין בויך, פילסטו אויך די וואַרימקייט פון מיינעם? גערטרוד טייערע, ווען וועסטו מיך ווידער לאָזן דיך זען אַ נאַקעטע? אַ?... איך וועל דיר שיקן בלו־מען דיין גאַנצן לעבן. וועסט זען.

אַ געמיש פון כמעט קינדערישער פרייד פון דעם, וואָס זינאַ רעדט צו איר אַזוינע רייד, און אַ שאַרפער ווידערגעפיל פון זינאַס באַרירונגען האָבן אַריינגעבראַכט אַן אויפגערייצטע בלאַסקייט אין גערטרודס פנים. די לעצטע פראַגעס האָט זי שוין אינגאַנצן ניט געקאָנט פאַרטראָגן, האָט זי זיך צעשמייכלט, זיך האַסטיק באַפרייט פון זינאַס הענט און שמייכלענ־דיק און מיט שטוינען אויסגעשריען:

— וואָס?!

און נאָך איידער גערטרודס בלאַסקייט איז פאַרוואַונדן האָט זי מיט פאַרוואָרף געזאָגט:

— איר, רוסישע, זענט עפּעס אַלץ אַזוינע מאָדנע... דו ביסט איינפאַך משוגע. מען דאַרף מורא האָבן צו זיין מיט דיר אין איין הויז. איז דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס דו ביסט אַ „ראַשען״?

— פאַרוואָס רופסטו מיך אַ „ראַשען״? — האָט זינאַ אַ געטראָפּענע פאַרשעמט געפרעגט — ווען מיין מאַמע האָט מיך געבראַכט קיין אַמע־ריקע בין איך בלויז אַלט געווען אַנדערהאַלבן יאָר...

— אָבער דו רעדסט דאָך רוסיש. און מיר דאַכט זיך, אַז אַלע, וואָס רעדן רוסיש, זיינען מאָדנע... כאָטש זיי געפעלן מיר דווקא. נאָר... — האָט גערטרוד צוגעגעבן מיט אַן איבערגעבעטענעם שמייכל און אַביסל שפּאַ־סיק, ווי וועלנדיק גוטמאַכן די באַליידיקונג — נאָר דו האָסט, ווייזט אויס, גלאַט ליב צו זיין אַביסל משוגע...

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זיי שוין ביידע געזעסן איבערגעבעטענע איינס לעבן אַנדערן. זינאַ האָט צעפּאַקט דאָס פּעקל, וואָס זי האָט גע־בראַכט, און געוויזן פאַר גערטרודן דאָס צײַג, וואָס זי האָט זיך געקויפט אַף אַ קלייד און האָט געפרעגט ביי גערטרודן, צי זי זאָל דאָס נייען אַזוי, צי אַזוי. גערטרוד האָט געזאָגט איר מבינות און זיך דערביי מיט באַגייסטערונג צערעדט וועגן דעם קלייד, וואָס זי וועט זיך אײַנגיכן מאַכן.

— נאָך דעם דאַנערשטיק באַקומט זי פון די טשעסטערס פיר און צוואַנ־ציק דאָלאַר פאַר די פיאַנע־לעקציעס, וואָס זי גיט זייער טאָכטער, וועט זי פיר דאָלאַר אויסגעבן אַף נאָטן און פאַר די איבעריקע צוואַנציק וועט זי קויפן דעם טאַטן אַ מתנה און דער מאַמען אַ מתנה און זיך וועט זי קויפן זייד אַף אַ קלייד און אַ באָקס „היילערס״... און וועט דאָס אַרויס־קומען אַ שיינע קלייד! אָט, זאָל נאָר זינאַ וואַרטן וועט זי זען...

— יאָ, אָבער דײַן מאַמע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו צייכנסט זיך פריער אויס דײַנע קליידער — זאָגט זינאַ.

— זיכער! — האָט גערטרוד געענטפערט.

— קאָנסטו דאָך מיר גלייך צייגן ווי דאָס קלייד וועט אויסזען.

— געוויס — האָט איר גערטרוד געענטפערט און האָט זיך אויפ־געהויבן און גענומען פון טיש אַ בלייפעדער מיט אַ העפט און זיך גענומען צייכענען. ווי נאָר עס איז אויסגעקומען צו מאַכן גלייכע ליניעס, זיי־נען ביי איר די ווערטער און דער בלייפעדער געלאָפן לייכט און גיך, ווי נאָר אָבער עס איז געקומען צו אַ געבראָכענער ליניע, זײַנען די ווערטער געגאַנגען לאַנגזאַמער, ווי זיי וואָלטן זיך געמיט אַרויסצולייגן אַרום יע־דען קנייטש און שפּיץ:

— דאָ וועט דאָס זײַן גאַנץ איינפאַך, אַזוי, אַזוי און אַזוי, און דאָ, אַ—ז—ו—י—אַ—אַ—אַ...

זינאַ האָט אַף אַ ווייל פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מאָדערנער קאָמפּליציר־טער מענטש און איר איז שטאַרק, ביז איבערזוכט, געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס גערטרוד ווייסט אַזוי קלאָר, וואָסער אַ קלייד זי וועט אויפ־נייען נאָך איידער זי האָט גאָר דאָס צײַג געקויפט... און אויך דער פאַ־סאָן פון דעם קלייד איז זינאַן געפעלן.

— קינסטלעריש, ווירקלאַך קינסטלעריש! — האָט זיך זינאַ אָנגע־רופן קוקנדיק אָט אַף די אָנגעצייכנטע ליניעס און אָט אַף גערטרודן.

— און עס וועט דיר זייער פּאַסן... און... און ווי ווען איך גיי מיר מיין קלייד אויך אַזוי, האַ?

גערטרוד האָט זיך אומגעקוקט אַף זינאַן און האָט זיך אָפּן צע־לאַכט:

—דו וועסט אין אַזאַ קלייד אויסזען קאָמיש...

זינאַן האָט פון דעם ענטפער אַביסל אַ שלאָג געטאָן די פאַרב אין פּנים. זי האָט דאָס אָבער לייכט אַרונטערגעשלונגען און געפרעגט:

— וואָסער־אַ־דען פּאַסאָן וואָלסטו מיר פאַרגעשלאָגן?

— פאַר דיר — האָט גערטרוד געזאָגט און האָט צוגעטראָגן איר בלייפעדער צו די ליפּן און גענומען מיט די אויגן קוקן פאַר זיך — פאַר דיר?...

די דרויסנדיקע טיר האָט זיך שנעל געעפנט און לינאַ, גערטרודס שוועסטערל, איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרפלאָמטע, מיט די רעדל־גליטשערס אַף די פיס איז זי האַלב־גייענדיק, האַלב־פאָרנדיק צוגעקומען צו גערט־רודס צימער און אויסגעשריען:

— גערטרוד, הוגאָ שטייט אינדרויסן און וואַרט, זאָל ער אַרויפ־קומען? יאָ?

— ניין. זאָג אים, אַז איך וויל אים נים.

— פאַרוואָס?! — שרייט לינאַ אויס.

— דאָס איז נים דיין זאַך. גיי!

לינאַ האָט זיך אַ דריי געטאָן אַף אירע רעדל־גליטשערס, האָט זיך אַף האַלב אָפּגעווענדט פון גערטרודן און האָט אויסגעשריען:

— דו ביסט אַ שלעכטע מיידל און ער איז אַ גוטער „באָי”, וועל איך אים הייסן אַרויפקומען.

— דו זאָלסט דאָס נים טאָן! — האָט איר גערטרוד נאָכגעשריען — הערסט?!

קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

עטלאַכע מינוטן נאָך דער קלײנער לינאס אַרױסלױפן האָט זיך דער־הערט דאָס קלינגען פון דעם טיר־גלעקל.

זינא און גערטרוד זײַנען בײדע געװען זיכער, אַז דאָס איז הוגאָ. גערטרוד האָט זיך אַ שטאָלץ־אָנגעברוגזטע, געלאָזט צום טיר. זינא איז אַרױס אין קאָרידאָר צו זען װי אַזױ גערטרוד װעט אים באַגעגענען. נאָר װען די טיר האָט זיך געעפנט זײַנען בײדע מײדלאַך דערשטױנט געװאָרן. אױפן שװעל פאַר זײ איז געשטאַנען אַ גאַנץ פרעמדער מענטש, אַדער ריכטיקער — אַ מענטשעלע, נידעריק, דאַר, מיט אַ גרױסער אידישער נאָז און שפּיציקן קין, מיט זײער אָסאַך געקרױזטע האָר אױפן קאָפּ. זײַנע האָר און זײַן הױט־קאָליר זײַנען געװען ניט ברױן און ניט װײס... און די אָפּצאָסן פון זײַנע שיך זײַנען געװען נאָך העכער פון מײדלשע...

װי נאָר דער מאַן האָט פאַר זיך דערזען גערטרודן האָבן זיך בײַ אים אױפגעצױגן די אױגן, און אַזױ קוקנדיק גלײַך אױף איר האָט ער מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם גענומען פרעגן:

— דאָ װאױנען מיסטער און מיסעס פײַנמאַן ?

— יאָ — האָט גערטרוד געענטפערט — נאָר דער פּאַפּאַ און מאַ־מאַ זײַנען איצט ניטאָ אינדערהײם.

— „פּאַפּאַ און מאַמאַ ?!” — האָט דער פרעמדער פאַרװאונדערט איבערגעפרעגט — האָט שױן הײסט דאָס פּאַניאַ אַזאַ שײנע טאָכטער!... אַזױ, אַזױ...

— װער זענט איר ? — האָט גערטרוד געפרעגט.

— איך ? — האָט דער פרעמדער איבערגעפרעגט.

— יאָ — האָט גערטרוד באַשטעטיקט.

— איך בין גאַבריעל, דער אָפּעראַ זינגער לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל.

גערטרוד האָט מיט אירע גרױסע אױגן אַ נײַעם קוק געטאָן אױף אָט־דעם קלײנעם מענטשל מיטן קאָמישן פּנים און האָט גלײַך פאַר אים אין

די אוינגן צוגעטראָגן איר האַנט צו איר מויל און אַריינגעלאַכט אין האַנט אַריין.

גאַבריעלן איז אָבער גערטרוד דורך דעם נאָך שטאַרקער געפעלן גע־האָרן און ער האָט נאָר פריי אויסגעשריען:

— דאַנערוועטער!...— און דערביי געמאַכט אַ דערשטוינענדיקע פּויזע... נאָכדעם האָט ער אַריינגעלייגט זיין האַנט אין בוזים־קעשענע און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיש בילד. דאָס בילד איז געווען פון אים אין איינער פון זיינע ראָלן. עס איז כמעט געווען אוממעגלאַך צו דערקענען אַז דאָס איז ער. ער האָט דאָס בילד איבערגעגעבן גערטרודן. גערטרוד זאָל דאָס בילד ווייזן איר מאַמען, זי זאָל דער מוטער ניט זאָגן, אַז גאַבריעל איז דאָ געווען. זי זאָל איר נאָר ווייזן דאָס בילד וועט זי שוין געוויס אַליין דערקענען.

פאַרן אַוועקגיין האָט דער אָפּעראַ זינגער לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל אויך באַמערקט זינאַן און געפרעגט:

— און ווער איז אָט־יענע מיידל?

— אַ פריינדין — האָט גערטרוד שמייכלענדיק געענטפערט.

— אייער פריינדין איז אויך אַ שיין מיידל... — האָט ער געפונען פאַר נויטיק צוצוגעבן.

זינאַן איז פון דעם אַזש אַ קעלט אַריבער איבערן לייב.

ווען גאַבריעל איז אַוועק האָט זיך גערטרוד אָפּגעקערט פון טיר און לאַכנדיק אויסגעשריען צו זינאַן:

— איז ער ניט קאָמיש?!... — און גלייך צוגעגעבן:

— און דאָס איז דאָס דער גאַבריעל, פון וועלכן די מאַמע און זיי אַלע רעדן אַזוי אָפט. אָבער מיין גאָט! ווי קאָן מען אַזוינעם ליב האָבן?... וואָלסטו געקאָנט אַזוינעם ליב האָבן?

זינא האָט זיך איינגאַנצן פאַרלוירן פון דעם בליק וואָס גאַבריעל האָט אַף איר געגעבן. זי האָט געקוקט אַף גערטרודן ווי אַף אַ לאַכנדיק קינד און ניט געענטפערט

גערטרוד האָט ביי איר נאָכאַמאָל געפרעגט:

— וואָלסטו געקאָנט אַזוינעם ליב האָבן? איך מיין אינדערעמת. זאָג.

— הער אויף, גערטרוד, דו ווייסט דאָס נאָך ניט.

גערטרוד איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין און אינמיטן פון איר אויפ־געלייגטן שמייכל און לאַכן זיינען אירע גרויסע אויגן אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן:

— וואָס ווייס איך ניט? דו ענטפערסט פּונקט ווי מיין מאַמע. ווען איך פרעג זי ווי קאָן זי ליב האָבן אַנאַנדער מאַן. זאָגט זי מיר אַט־די אייגענע ווערטער: „דו ווייסט דאָס נאָך ניט". אָבער מיינסטו אַז מען קאָן טאַקע ליב האָבן איין מאַן און נאָך אַנאַנדער מאַן?...

— זיכער — האָט זינאַ געענטפערט.

— וואָס הייסט!... וואָס מיינסטו? טאַ וואָס דען הייסט ביי דיר ליבע? — האָט גערטרוד דערשטוינט געפרעגט.

זינאַ דערמאָנט זיך, אַז די מאַדאַם פיינמאַן האָט זי געבעטן צו עפע־נען גערטרודן די אויגן. זי צעשמייכלט זיך פון דעם, וואָס אָט האָט זיך געמאַכט די געלעגנהייט און זי ענטפערט שמייכלענדיק:

— איך מיין וואָס איך זאָג. — אָט בין איך דאָ ניט לאַנג געגאַנגען מיט מיינעם אַ פריינד, איך האָב אים אָבער ניט געטראָפן. אָבער שוין נאָכדעם גייז אַהיים אַזוי, האָט זיך ניט געוואָלט, בין איך אַריינ־געגאַנגען צו אַן אַנדער פריינד און האָב מיטן אַנדערן פאַרבראַכט כמעט די גאַנצע נאַכט און אַזוי ווי מיטן ערשטן... און — אפשר נאָך בעסער.

— וואָס מיינסטו?... — האָט גערטרוד געפרעגט און האָט פאַ־נאַנדערגעעפנט אירע אויגן מיט שרעק...

זינאַ האָט איר אַף דעם געענטפערט לאַכנדיק:

— גערטרוד, האָט דיך שוין אימיצער אַמאָל אויסגעצויגן אַפן שניי, אינמיטן נאַכט אָט ווי גרויס דו ביסט?...

גערטרוד קוקט זי אָן מיט אַרויסגעפּרעסטע אויגן. זינאַ פאַררויטלט זיך שמייכלנדיק און זאָגט:

— אַ, עס וואָלט געווען אַזוי גוט דיך פּלוצלונג אַ כאַפּ טאָן און אַזוי אומוואַרפן ביינאַכט אַפן גלאַטן שניי צווישן ביימער...

— פאַר וואָס זאָל מען מיך וואַרפן אין שניי? — פרעגט גערטרוד דערשטוינט.

— גאָרניט — ענטפערט זינאַ — גלאַט אַזוי, כדי צו מאַכן פון דיר אַ מענטש אין שניי — איך וואָלט דיך נאָכדעם אויפגעהויבן,

װאָלט אַרומגעשטױבט דעם שנײ פֿון דיר, װאָלט דיר געװיזן װאָסער אַ שײנעם מענטש איך האָב פֿון דיר אױסגעפּרעסט, אַ מענטש מיט פֿאַנאַנדערגעשפּרײטע הענט אין דער נאַכט, צװישן בױמער און שנײ, און אַרום דעם מענטש מײַנע טריט. מיר װאָלטן נאָכדעם אַװעקגעגאַנגען און איבערגעלאָזן צװישן די בױמער אָט־דעם אױסגעשפּרײטן מענטשן פֿון דיר, מיט מײַנע און דײַנע טריט אין דעם שנײ. אַ, װאָלט דאָס געװען גוט!

— דו ביסט זײער פּאַטעטיש... — האָט זיך גערטרוד אָנגערופֿן אָנגעשטױסן, — נאָר מיך װאונדערט װאו קריגסטו דאָס אַלץ אַזױנע מאָדנע אידײען?...

— גערטרוד, דו ביסט נאָך אַלץ אַזױ אומשולדיק, דו ביסט אַ טיפּישע „שול־מײדל".

— נו, איז װאָס? — האָט זיך גערטרוד אָנגערופֿן אַ ביסל אױפֿגעבעסט — אָבער װאָס האָסטו זיך פֿאַרעדט... װאָס האָסטו מיט־אָט דעם אַנדערן געטאָן, װען דו ביסט צו אים געקומען. ביסטו מיט אים באַלד אַרױסגעגאַנגען?

— נײן.

— מיר האָבן פֿאַרבראַכט אין זײַן צימער... — זאָגט זינאַ פּולדײטיק.

גערטרודן איז דאָ באַפֿאַלן אַ שרעקעדיקע נײַגעריקײט. זי איז געװאָרן בלאַסער, אירע גרױסע אױגן זײַנען געבליבן פֿאַרגליװערט שטײן און זי האָט געפֿרעגט:

— װאָס האָט ער דיר געטאָן?...

— װאָס מײנסטו?... — האָט זינאַ צוריק געפֿרעגט לאַכנדיק.

אין גערטרודן פֿאַרשטאַרבט דאָס האַרץ און זי פֿרעגט כמעט אָן אַן אָטעם:

— ער האָט דיך געקושט אױף זײַן שױס?...

זינאַ האָט מיט איר צופֿרידענעם און איבערפֿלאַכלאַכן שמײכל געענטפֿערט:

— יאָ. געװיס!

— און ער האָט דיך אַרומגענומען?...

— זיכער! — און נאָך װי אַזױ!...

גערטרודס נייגעריקייט האָט זיך דערביי אָבער איבער עפּעס מיט־אמאָל איבערגעריסן און זי האָט מיט כעס אויסגעשריען:

— דו ביסט אַ שלעכטע מיידל! און איך ווייס, אַז דו האָסט דאָס אַלץ געלערנט פון מיין מאַמען. יאָ.

זינא האָט זיך צעלאַכט אומנאַטירלאַך, זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען און אַרומגענומען גערטרודן:

— גערטרוד! שעם זיך! דו פאַרשטייסט ניט דיין מאַמען, און דו רעדסט פון איר אַזוי...

— לאָז מיך צורו. איך דאַרף זיך שעמען? ! איר דאַרפט זיךביידע שעמען, נאָר איר ווייסט דאָס ניט. און איר מיינט נאָך, אַז איר ווייסט זייער פיל! — האָט גערטרוד אויסגעשריען מיט אַ בייזקייט פון וועלכער עס זיינען איר אַזש אַרויס טרערן אין די אויגן.

קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

אין אָוונט, ווען די מאַדאַם פיינמאַן איז געקומען אַהיים און איז נע־וואַר געוואָרן, אַז גאַבריעל איז דאָ אין ניו יאָרק און אַז אַט איז ער שוין געווען אין איר הויז און האָט זי ניט געטראָפן, איז זי פון דעם שטאַרק צעטומלט געוואָרן. די בלוטן האָבן זיך איר געגומען בייטן. זי האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. מיסטער פיינמאַן האָט אַף איר געקוקט און געשמייכלט ווי אַ שולדיקער:

— און דו, פּאָול, האָסט שוין דיין שולדיקן שמייכל! זאָג מיר וואָס שמייכלסטו? נו זאָג שוין!

פיינמאַן האָט זיך נאָך אָפענער צעשמייכלט און האָט זיך גלייך מודה געווען:

— דו פאַרשטייסט פאַניטשקע, עס האָט זיך ניט איינגעגעבן.

— וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן? — האָט די מאַדאַם פיינמאַן כמעט אויסגעשריען אַף איר מאַן — נו, זאָג שוין!

— דו פאַרשטייסט, איך האָב נאָך צוריק מיט עטלאַכע טעג דער־האַלטן אַ טעלעגראַמע פון גאַבריעלן, אַז ער פאַרט אַהער. נאָר איך האָב דיר געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז, איז ער אָבער געקומען נאָך פריער ווי איך האָב געמיינט...

— דו האָסט מיר בלויז געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז?...

— אַף מיין וואָרט, פאַניטשקע.

— נו, גוט. איך בין דיר דאָס שוין מוחל. אָבער זאָג מיר וואָס זאָל איך איצטער טאָן?

— זעץ זיך אַוועק. בארואיק זיך. ער וועט מן הסתם באַלד ווידער קומען. אַף מיין וואָרט, פאַניטשקע.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט איבערגעלאָזט איר מאַן אינמיטן און איז גלייך צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און גענומען אָפּרופן באַקאַנטע, איינעם

נאָכן אנדערן און זיך נאָכגעפּרעגט אַף גאַבריעלן. אַלע באַקאַנטע זיינען אָבער בלויז געוואָרן נייגעריק און גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגן:

— גאַבריעל? לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל? געקומען? ווען געקומען?

די מאַדאַם פיינמאַן האָט נאָכדעם הילפלאָז אויפגעהאַנגען דעם „רע־סיווער" און צוגערופן איר מאַן:

— פּאָול, נאַ, נעם רוף שוין דו פאַר מיר אָפּ.

— וועמען?

— וועמען זאָגסטו זאָל מען אָפּרופן?

פיינמאַן האָט זיך שמייכלענדיק אומגעקוקט אַף זיין פרוי, וואָס איז פון אויפרעגונג געוואָרן שענער און יינגער. אירע שוואַרצע אויגן האָבן איצט געברענט שטריינג און שאַרף, מיט יענעם שיין אירן, וואָס האָט אַזוי ווי געצונדן די לופט אַרום זיך.

— ווייסטו, פאַניטשקע — האָט ער זיך אָנגערופן — דו ביסט איצט זייער שיין. און ווען ער וועט דיך איצט דערזען, וועט ער פאַר דיר פּשוט משוגע ווערן.

— נו, אָבער רוף שוין אימיצן אָפּ.

— יאָ, אָבער וועמען זאָל איך אָפּרופן?... שאַ, די מינדלינס האָסטו שוין אָפּגערופן?

— אוי, דו ביסט טאַקע גערעכט, אַף מיין וואָרט. די מינדלינס. איך האָב גאָר פאַרגעסן. — אָבער אַ שאָטן איז איר פון דעם איבער־געלאָפן איבערן פּנים. איר האָט זיך ניט געוואָלט טראַכטן פון דאָקטאָר מינדלין, וועמענס פרוי עס איז איצט געווען די געוועזענע מיס פינק...

גאַבריעל איז טאַקע געווען ביי די מינדלינס. די פרענקלס זיינען שוין אויך געווען דאָרטן. און ווי נאָר זי האָט דערהערט — אַז גאַבריעל איז דאָרטן, האָט זי גלייך צוגענומען דעם טעלעפאָן פון איר מאַנס הענט און באַפוילן, אַז גאַבריעל זאָל גלייך, שוין, די מינוט קומען. גאַבריעל האָט געענטפערט, אַז ער טוט דאָס און די מאַדאַם פיינמאַן איז פון דעם אַזוי שטאַרק צופרידן געוואָרן, אַז זי האָט אַרומגעוואָרפן אירע הענט אַרום איר מאַנס האַלדז און אים געגעבן עטלעכע שטאַרקע קושן.

קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל איז געקומען צו די פיינמאַנס מיט אַ קליינער סוויטע, וואָס איז באַשטאַנען פון די מינדלינס און די פּרענקלס און פון דעם סטודענט באַרי בראַווערמאַן.

באַרי בראַווערמאַן איז געווען פון די ניי־צוגעקומענע צו דער באַוועגונג. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן גלייך ביים אָנקומען פאַרשטאַנען, אַז אַ יונגער מענטש דאַרף גיין אין אוניווערסיטעט און פאַרענדיקן זיין בילדונג. אָט מען דאַרף ווערן אַן אַדוואָקאַט, וועלן די אַרבעטער האָבן אַן איינגענעם אַדוואָקאַט. ער איז אויך געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער צו די פּרענקלס. ער איז אַף האַלב געווען פאַרליבט אין גערטרודן. ער פלעגט אָבער אָפט קוקן אַף ליזאַ פּרענקל און אַף איר טאָכטער זינאַ אַזוי, אַז אי די מאַמע אי די טאָכטער האָבן, יעדע פאַר זיך געמיינט, אַז ער איז פאַרליבט אין איר.

גלייך נאָך זיי זיינען אויך אָנגעקומען קאַלמאַנאָוויטש און בערנשטיין מיט זייערע ווייבער. זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז גאַבריעל איז דאָ מאָקע פון דעם, וואָס פאַניאַ פיינמאַן האָט ביי זיי אַלעמען פריער געפרעגט אַפן טעלעפאָן וועגן אים.

די מאַדאַם פיינמאַן האָט אָפּגעוואַרט גאַבריעלן ביי דער טיר און ביי זיין אָנקומען איז מען זיך געפאַלן אַף די העלדזער און מען האָט זיך היים געקושט. אַ ווײַלע זיינען אַלע אַנדערע געשטאַנען ווי אַ ראָד אַרום גאַבריעלן און דער מאַדאַם פיינמאַן און געקוקט אַף זיי מיט גריסנדיקע אויגן ווי אַף אַ חתן און אַ כלה. נאָכדעם האָבן זיך אַלע איבעריקע מיט פרייד גענומען אַרומנעמען און קושן, ווייל אַזאַ מנהג איז דאָך שוין אין דעם קרייז געווען פון יאָרן, אַז יעדן מאָל וואָס מען באַגעגנט זיך זאָל מען זיך מיט פרייד קושן און ווידער קושן. די איינציקע וואָס האָט שוין באַלד אַ יאָר געבראָכן דעם מנהג, איז געווען גערטרוד.

— זי וויל זיך ניט קושן מיט יעדן איינעם — האָט זי מיטאַמאָל דערקלערט — זי איז ניט קיין „קיסינג באַג״.

אַזאַ רעוואָלוציע האָט דער עולם ניט דערוואַרט. — אָבער גערטרודן האָבן אַלע ליב געהאַט, ווי מענטשן האָבן ליב צו זען אַ שיינע לבנה אין הימל, ווי זיי האָבן ליב צו פילן אַ שיין קלייד אויפן לייב. האָט מען דערי־בער פון איר אַלץ אָנגענומען פאַר גוט און מען האָט זי נאָך דעם אַזוי ווי מערער ליב געקראָגן דערפאַר.

דעם אָוונט איז צוגעקומען נאָך איינער, וואָס האָט זיך ניט געקושט. דאָס איז געווען דער יונגער סטודענט בראַווערמאַן. ער האָט דאָס ניט געטאָן, ווייל ער האָט זיך פשוט געשעמט צו קושן.

לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל האָט זיך געקושט מיט יעדן, אפילו מיט זינאַן. נאָר מיט גערטרודן איז דאָס אים ניט געגאַנגען. זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר לאַנגע האַנט ווייט פון זיך. די ליכטיקע בלאַסקייט פון איר טונקעלן פנים האָט אים אַזוי ווי אַ ברי געטאָן. ער האָט גע־פּרוּווט מאַכן אַ וואָוויל־יונגערישע באַוועגונג און זי אַרומנעמען, אָבער גערטרוד האָט צוגעטראָגן איר פרייע האַנט צום מויל. אירע גרויסע אויגן האָבן אַ שיין געטאָן און זי האָט זיך אויסגעדרייט פון אים און איז אַוועק אין צווייטן צימער.

גאַבריעל אָבער האָט זיך ניט פאַרלאָרן — ווייל ער איז דאָך גאַב־ריעל! — ער האָט לאַנגנדיק נאָכגעקוקט גערטרודן און מיט אַ שפּילנ־דיקער פּאָזע געזאָגט אויף דייטש:

— אַ נאַרישע מיידל, אָבער!... נו ברודער, וואָס מאַכט איר עפּעס? אַך, אַך, אַך, מיינע פריינט! ווי גייט דאָס? ווי? ווי? פּאַרט! ווי? וואָס? און דו, פּאַניאַ, ביסט נאָך אַלץ שיין! נאָך שענער! — און דערביי האָט ער אָנגענומען אירע הענט און געקושט אירע פינגער. און דו, פּאָול, ביסט נאָך אַלץ אַזאַ גוטער נאַר? אַך יאָ, יאָ! נאָר פרענקלען האָט איר גרוי געמאַכט. גרוי, אַך דו יונגע, יונגע, גרוי געוואָרן. פאַרוואָס? אייזל איינער!

פרענקלס גרויקייט איז געווען כמעט ווי אַ הייליקייט פאַר דעם קרייז און כמעט אַלע האָבן זיך געפילט ווי שולדיק פאַר פרענקלס גרוי־קייט, האָבן אויסגעמיטן צו דערמאַנען און רעדן וועגן דעם, און גאַב־ריעלס זיך אָפּשטעלן אויף דעם אַזוי אָפן האָט געקלונגען ווי אַ פאַר־

שוועכונג און ווי קלעפּ אויף אָנגעשפּאָלטענע טעפּ. און ער האָט נאָך ווייטער גערעדט:

— גרוי ווערן דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דומקעפּ, פאַר טויגעניכטסן. דו אַרימער קערל.

— נו, זעץ זיך לעאָן. הער אויף. דערציייל בעסער וואָס פון זיך — האָט זיך צו אים פאַניאַ פיינמאַן אָנגערופן מיט נערוועזיטעט איבער פרענק־לען און מיט אויפגעראַמטקייט פאַר זיך.

— טאַקע, זעץ זיך — האָט זיך פיינמאַן לאַכנדיק און אויך אַרויס־העלפנדיק אָפּגערופן — זעסטו, מיר האָט זיך געוואָלט מאַכן פאַניטשקען אַ סורפּריז מיט דיר. האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. ביסט געקומען אַזוי פּלוצלינג. האָסט געמוזט האָבן אַ זייער גוטע און קורצע ים־רייזע.

— אַ יאָ! דאָס וועטער האָט אַזוי וואונדערבאַר געדינט די גאַנצע צייט. און... אָך דאָנערוועטער!... ווי גיך די זיבעצן־אַכצן יאָר זיינען פאַרביי! דאַכט זיך ערשט געסטערן, ניט וואָר? ! און דו ביסט דאָך נאָך אַלץ דער איינענער גוטער קערל פיינמאַן. און פאַניאַ! — אָך, דאָנער־וועטער, נאָכאַמאָל!!

דאָס געשפּרעך האָט זיך אויף אַ לייננגערער ווײַלע געצויגן מיט שטוי־נענדיקע אויסגעשרייען און באַמערקונגען. די מאַדאַם פיינמאַן האָט זיך אַ לייננגערע צייט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אָט איז זי געזעסן לעבן גאַבריעלן און אָט ווייטער פון אים.

אויף בערנשטיינען פלעגט די הויט ווערן קליין יעדן מאָל, וואָס ער האָט פאַניאַן דערזען לעבן גאַבריעלן. די אויגן פלעגן זיך ביי אים אָנ־שטעלן ביי זיך און מיסטער פיינמאַן פלעגט אויף אים אַלע מאָל כאַפּן אַ שמייכלענדיקן קוק. פרענקל האָט דערווייל גענומען נעמען פון גאַבריעלן אַן אינטערוויו פאַר „דאָס ליכט".

בעטי מינדלין־פינק האָט דאָ צופרידן שמייכלענדיק גענומען קוקן צו אַלעמען און באַגעגענענדיק זיך מיט פאַניאַס אויגן האָט זי שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן:

— דער איינענער, אַ? !

— איז ער טאַקע אַלע מאָל אַזוי געווען? — האָט ליזאַ פרענקל געפרעגט:

— ניין, דאַכט זיך אַז ער איז נאָך איצט אינטערעסאַנטער — האָט די מאַדאַם פּיינמאַן געענטפערט.

— נו, יאָ! דער דערפאָלג האָט אים, ווייזט אויס, אַ היבש ביסל דעם קאָפּ פאַרדרייט — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן.

— מיינסטו אַזוי? — האָט אים פאַניאַ איבערגעפרעגט.

— אַליין זעסטו דען נישט?

— דאָס מאַכט אים אָבער פאַרט שענער — האָט פאַניאַ פּיינמאַן געענטפערט קוקנדיק אויף גאַבריעלן.

זינאַ האָט זיך אַריינגעמישט:

— דערפאָלג — האָט זי געזאָגט — טוט מענטשן אָן אַ קרוין אויפן קאָפּ. דערפאָלג טוט זייער פיל גוטס אויף. ניט אַזוי, מיסטער בראַווערמאַן?

דער סטודענט בראַווערמאַן האָט מיט אויטאָריטעט באַשטעטיקט:

— אָ, יאָ, געוויס. דערפאָלג מאַכט אַ מענטשן פאַר אַ קעניג!

מינדלין, וואָס איז מיטן לויף פון יאָרן געוואָרן אַ שטעכנדיקער, האָט זיך דערויף אָנגערופן מיט אַ לייכטן שמייכל:

— דערפאָלג פאַרהזירט. אָט לאָמיר פרעגן דעם בעל־דבר אַליין, — און מינדלין האָט זיך גלייך אַ ווענד געטאָן צו גאַבריעלן, וואָס איז נאָך געווען פאַרנומען מיט ענטפערן פרענקלען אויף די אינטערוויו־פראַגן:

— סעי גאַבריעל! מיינסטו ניט, אַז דערפאָלג האָט די אייגנשאַפט צו מאַכן אַ חזיר פון אַ גאַנץ וואוילן יונג?

גאַבריעל, ניט ווייסנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, האָט אָפּגעקערט זיין קאָפּ פון פרענקלען און דערויף מיט אַ זעלבסט צופרידענעם שמייכל געענטפערט:

— איבערהויפּט ווען יענער איז נאָך געווען אַ חזיר פון פריער.

— גוט געזאָגט! — האָט מינדלין אויסגעשריען.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. גאַבריעל האָט געמיינט, אַז דאָס לאַכט מען פון זיין שאַרפן ענטפער, און ער האָט דאָס נאָך פאַרבעסערט:

— אָ, איך ווייס דאָס פון מיין אייגענער דערפאַרונג.

דער עולם האָט זיך נאָך מער צעלאַכט.

גאַבריעלן איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן פאַרדעכטיק אָט־דער געלעכ־

טער, אָבער מינדלין, וועלכער האָט ניט געלאַכט האָט ביי אים גלייך גע־פרעגט:

— אדרבה, דערציייל אונז עפּעס פון אָט־דער דערפאַרונג דיינער.

— אָך, מיין פריינט! דאָס זיינען אָט אזעלכע פּעק — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופן און פאַנאַנדערגענומען זיינע הענט אַף צו דערווייזן די גרוים פון די פּעק.

דער סטודענט בראַווערמאַן האָט זיך דערפילט ניט באַקוועם. עפּעס אַליין עלטערע מענטשן... און ער האָט זיך אינדערשטיל געווענדט צו זינאַן:

— פאַרוואָס זעט מען אייך ניט?

— אַז מען טרעפט אייך קיינמאָל ניט אינדערהיים... — ענט־פערט זינא.

— אין דערהיים ווען? איר זענט געווען ביי מיר?!

— המ־ם! — ענטפערט זינא

— אַ שאָד, אַ שאָד, — זאָגט בראַווערמאַן — און וואו איז ערגעץ די מים פיינמאַן?...

זינא האָט דערויף אַ שמייכל געטאָן:

— טאַקע. קאָמיש... קומט וועלן מיר זען וואו זי איז דאָרטן ערגעץ.

און זיי האָבן זיך ביידע אויפגעהויבן, האָבן זיך אַנטשולדיקט און זיינען אַרויס פון צימער.

קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

גערטרודס צימער איז געווען פול מיט א ווייסער און אַנזועיר־דיקער ליכטיקייט. גערטרוד איז געזעסן אף א שטול מיט א בוך אין האנט און געלעזן. ווען זינא מיט בראַווערמאַנען זיינען אריין צו איר האָט זי אַזוי זיצנדיק בלויז אויפגעהויבן די אויגן פון בוך... אירע אויגן האָבן אין דער מינוט אויסגעזען גרעסער און האָבן געקוקט, ווי זיי וואָלטן מעשות געוועבט.

— שעם זיך, גערטרוד! — האָט זיך זינא שמייכלנדיק אָנגערופן.

— ווי אַזוי לאָזטו דאָס אַלעמען איבער, ווען עס איז דאָ אַזאַ נאַסט אין הויז?

— יאָ, — האָט זיך גערטרוד אָנגערופן מיט אַן איינגעהאַלטענער אויפרעגונג — אָבער ווי אַזוי קאָנסטו קושן אַ פּרעמדן, און נאָך אַזאַ שמוציקן?!

גערטרוד האָט זיך דערביי אויפגעהויבן פון שטול, ווי דער כעס וואָלט זי מיטאַמאָל אויפגעהויבן. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך פון האנט און איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער.

זינא האָט זיך צעשמייכלט און איז, ווי איר געוואוינהייט, שמייכ־לענדיק רויט געוואָרן.

בראַווערמאַן איז צעטומלט געוואָרן פון דעם, וואָס פאַר אים אין די אויגן האָט גערטרוד אַזוינע ווערטער גערעדט, און נאָך מער פון דעם, וואָס גערטרוד האָט זיך אַ הויב געטאָן פון שטול און איז געבליבן שטיין אינ־מיטן צימער אַ ליכטיק־בלאַסע, אין ווייסן קלייד, מיט אויגן טונקעלע, וואָס האָבן געגלאַנצט פון כעס. דער געשטריקטער גאַרטל וואָס האָט ארומגענומען איר קלייד און איז מיט צוויי קוטאַסן איינער אונטערן אַנדערן אַפּגעהיט אַראָפּגעהאַנגען איבער איר לינקער פוס ביז צו דעם בויג פון איר לינקער קני, האָט זי צוויי מאָל שלאַנקער געמאַכט.

— נו, מיסטער בראַווערמאַן — האָט זיך זינא אָנגערופֿן נאָך זייענדיק רויט און שמייכלענדיק — וואָלט איר געגלויבט, אַז ביי איצטיקער צייט זאָל זיך נאָך אין סאַמע ניו יאָרק געפֿינען אַזאַ מיידל?

— נו געוויס... דאָס הייסט... וואָס אייגנטלאַך מיינט איר מיט דעם, מיס פרענקל? — האָט זיך באַרי בראַווערמאַן אָנגערופֿן זיך פּלאָנטערנדיק מיט די ווערטער, כאָטש די שטימע איז ביי אים געווען אָנגעשטעלט אַזוי, אַז עס זאָל קלינגען געוואַגט. באַרי האָט איבערהויפּט געהאַט אַ געוואַגטן קלאַנג אין קול.

— איך — האָט באַרי געזאָגט — האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיס פיינמאַן איז אייגנאַרטיק, אָריגינעל. אָבער דאָס איז דאָך גוט.

— גוט?! — האָט זיך זינא אָנגערופֿן — איר אַ סאָציאַליסט, אַ רעוואָלוציאָנער, זאָל האַלטן קאָנווענציאָנאַליטעט פאַר גוט!? גאָט מיינער! וואָס טוט זיך דאָ?!

— זעט איר, מיס פרענקל, דאָס האָב איך גאָרניט געזאָגט. קאָנווענציאָנאַליטעט איז אָפּגעשטאַנענקייט. און מיר ראַדיקאַלע מענטשן קעמפֿן פאַר פּראָגרעס. אָפּגעשטאַנענקייט פאַרשקלאַפֿט און מיר ווילן פּראָגרעס און פרייהייט. ניט קיין קאָנווענציאָנאַליטעט. אָ, ניין! אָבער ווען איך האָב געזאָגט, אַז מיס פיינמאַן איז אָריגינעל און אַז דאָס איז גוט, האָב איך דען דערמיט געזאָגט עטוואָס קעגן סאָציאַליזם? סאָציאַליזם איז דאָך ניט קעגן אָריגינאַליטעט. דאָס האָבן דאָך נאָר אומוויסנדיקע קעגנער אויסגעטראַכט. סאָציאַליזם וויל פרייהייט פאַר יעדן אינדיווידואום. יעדער איינער זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען ווי זיין האַרץ גלוסט. יעדער איינער אָן אויסנאַם.

זינא שטימט ניט איין:

— יעדער איינער זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען ווי זיין האַרץ גלוסט?

— פרעגט זינא איבער. — נו און ווי ווען איינעם ווילט זיך, אָט ווי געהערט, צו בלייבן קאָנסערוואַטיוו. און אויסער דעם האָט ער נאָך טענות צו די פּראָגרעסיווע מענטשן פאַר זייערע פּראָגרעסיווע האַנדלונגען?

— דאָס איז ניט ריכטיק — גיט בראַווערמאַן צו — מענטשן דאַרפֿן זיין פּראָגרעסיוו און דאַרפֿן ניט שטערן די פרייהייט פון אַנדערע מענטשן.

— אפילו װען מען זעט װי אײנער טוט אַ זאַך, װאָס מען דאַרף ניט?... — האָט גערטרוד געפֿרעגט און איז, אַלײן ניט קלאָר װיסנדיק פֿאַרװאָס, געבליבן שטײן פֿאַר בראַװערמאַנען, װי פֿאַר אַ ריכטער.

— װאָס הײסט? — האָט בראַװערמאַן געפֿרעגט.

גערטרוד האָט, קוקנדיק אױף בראַװעמאַנען, געפֿרעגט גלײַך און פּראָסט:

— מײנט איר צו זאָגן, אַז עס איז גוט װען אַ יונגע מײדל קושט זיך מיט יעדן מאַן?...

דער סטודענט איז פֿון דעם ענטפֿער געװאָרן רױט ביז אַריבער די אױערן.

— נײן. ניט דאָס. — זאָגט בראַװערמאַן. — נאָר איר פֿאַרשטײט, מיס פֿײַנמאַן... די זאַך איז אַזױ... איר פֿאַרשטײט... מיר אַלע װײסן, אַז עס איז געװען אַ צײַט װען די מאָראַל פֿון די מענטשן איז געװען אַ גאַנץ אַנדערע, װײַל די סאָציאַלע אומשטענדן זײַנען געװען גאַנץ אַנדערע. װי נאָר די סאָציאַלע אומשטענדן האָבן זיך גענומען בײַטן, האָט זיך אױך די מאָראַל געביטן, װײַל די סאָציאַלע, די עקאָנאָמישע ענדערונגען. ענדערן אױך דעם מענטשנס מאָראַלע באַגריפֿן. װײַל מאָראַל איז בלױז אַ פֿאַרהעלטניסמעסיקע זאַך. נעמט די פֿאַרהיסטאָרישע, אָדער אירגענד װעלכע היסטאָרישע עפּאָכע. נעמט...

אין דער מינוט האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט גאַבריעלס שטימע. די שטימע האָט זיך מאַיעסטעטיש אַ טראָג געטאָן איבער די צימערן מיט אַ דונערדיקער רונדקײט און שטאַרקײט. בײַ אַלעמען האָט זיך דער אָטעם אָפּגעהאַקט. די מײַלער, די אױגן און די אױערן האָבן זיך װי אָנגעשטעלט. אַ װײַלע זײַנען אַלע געבליבן װי געפּלעפֿטע. גערטרוד האָט די ערשטע ניט אױסגעהאַלטן:

— װאָס! ? אַט־דער קלײניטשקער קאָמישער אידל! ?...

און זי האָט זיך צעשמײכלט:

— פֿון װאַנען נעמט ער דאָס? ! — און גערטרוד האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון איר אָרט. אינאײנעם מיט גערטרודן האָבן זיך אױך אַ ריס געטאָן דער סטודענט און זינאַ און זײ זײַנען אַלע אַרײַן אין דעם פֿאָדער־צימער.

קאַפּיטל נײַנאונדרײַסיק

דער קליינטשיקער גאַבריעל מיט דעם גרויסן קאָפּ האָר האָט זיך אַליין אַקאָמפּאַנירט אַף דער פּיאַנע. און אַלע האָבן געקוקט אַף גאַב־ריעלן אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע ניט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אַזאַ קליינער קערפּערל קאָן הילכן מיט אַזאַ גרויסער און ברייטער שטימע.

גאַבריעל האָט אָנגעהויבן זינגען צופֿעליק.

ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגערעדט פֿון זײַנע דערפֿאָלגן און דערבײַ פֿון מאָל־צו־מאָל אָנגעוויזן אַף די רינגען פֿון זײַנע פֿינגער: אָט דעם ווערטפֿולן רינג האָט ער דאָס טאָקע דעמאָלט פֿון אַ פֿאַרערערן, אַ זייער הויכגעשטעלטער פּערזאָן, געקראָגן. און דעם רינג האָט מען אים אונ־טערגעטראָגן בײַ אָט אַזאַ און אַזאַ געלעגנהייט. און אָט־דעם אײַזערנעם רינג, דעם האָט ער געקראָגן פֿון אַ רוסישער פֿירסטין. אָט־דער אײַזערנער רינג איז מיר טײַערער פֿון אַלע. אָך, אָט־דער אײַזערנער רינג! דאָנער־וועטער! און דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים ליב פֿאַנאַנדערגעשמייכלט. די וואַסערדיקע גרויע אויגן האָבן בײַ אים באַלד אויפֿגעגלאַנצט מיט פֿרײ־דיקע טרערן. ער האָט צוגעטראָגן דעם רינג צו די ליפּן און האָט אים גע־קושט. נאָכדעם האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט און האָט גענומען דער־ציילן, ווי אַזוי ער איז איבערהויפּט געקומען קיין רוסלאַנד. עס פֿאַר־שטייט זיך, אַז ניט אַלס איד, נאָר אַלס דײַטש. און ווי אַזוי צווישן זײַנע פֿאַרערער און פֿאַרערערינס האָט זיך געפֿונען אָט־די פֿירסטין. זי האָט קיין איינע פֿון די אָפּערן און קאָנצערטן, וואו ער האָט געזונגען, ניט אויס־געלאָזן און צווישן די בלומען וואָס ער האָט געקראָגן האָבן זיך שטענדיק אירע בלומען געפֿונען. און... אַך יאַ! אַך יאַ! דאָס איז געווען אַ גרויס־אַרטיקער באַל. לויטער רוסישער אַדל. מענער אין מונדירן, אין שווערדן, אין עפּאָלעטן פֿון ערשטן ראַנג. און ער, גאַבריעל, איז דורך דער פֿירסטין אײַנגעלאָדן געוואָרן צו זינגען אַף דעם באַל. ער האָט דאָן דעם גאַנצן

זאָל גענומען מיט שטורם, און די גרעפּין האָט דאַן פּאָר אַלעמען אין די אויגן אים צוגעטראָגן אַט־דעם אייזערנעם רינג. אַך דאָנערוועטער! געזונגען האָב איך דאַן טאַקע ווי אַ גאָט. — — — דאָס ערשטע האָב איך פּאַר זיי פאָרגעזונגען לעוועס וויג־ליד. דאָס ליד איז דאָך אַזוינס, וואָס, אויב אין הויז זיינען נאָך דאָ געננג פרויען, דאַן איז דער ביישפּאָל אַ זיכערער.

— „לעוועס וויג־ליד!" — האָבן זיך כמעט אַלע אין הויז געוואונדערט — וואָס איז דאָס פאַר אַ ליד?

— וואָס? ווירקלאַך, אַז קיינער פון אייך ווייסט ניט פון דעם ליד?
— האָט זיך גאַבריעל געוואונדערט. און ער האָט זיך מיט אַ גרויסמוטיקן און זעלבסט־צופרידענעם שמייכל אויפגעהויבן פון שטול און איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנע, געשטעלט עטלאַכע אַקאָרדן און גענומען זינגען:

שלאָף האָלדער קנאַבע זיס און מילד,
דו דיינעם פאָטערס עבן בילד.
דאָס ביסטו צוואָר, דיין פאָטער שפּריכט
דו האָבעסט זיינע נאָזע ניכט.
נור עבן יעצאָ וואָר ער היר
און זאַה דיר אינס געזיכט
און שפּראַך: — פיל האָט ער צוואָר פאָן מיר
דאָך מיינע נאָזע האָט ער ניכט.
מיך דינגט עס זעלבסט. — זי איז צו קליין.
דאָך מוז עס זיינע נאָזע זיין.
דען ווען ס'ניכט זיינע נאָזע ווער.
וואָ העטסטו דען די נאָזע הער?
שלאָף קנאַבע. וואָס דיין פאָטער שפּריכט,
שפּריכט ער וואָל נור אום שערץ. —
האָב אימער זיינע נאָזע ניכט
אונד האָבע נור זיין הערץ.

— — — — — — — — — — — — — — — —

גאבריעלס שטימע האט זיך איגאייגעם מיט דער מאמע־ליד געהויבן מיט לייכט שווימענדיקע עפעקטן. די לאנגע האר פון זיין קאפ זיינען מאלעריש געפאלן צו די באלעבטע באקן. דאס דארע ברוינע פנים מיטן גרויסן שפיציקן נאז איז געווארן כמעט שיין. און די טענער האבן זיך אזוי ווי געפארבט מיט א ליכטיקן שמייכל פון דעם, וואס מיט זייע־רע ברייטע מענערישע קלאנגען זינגען זיי איצט א מאמע־ליד.

דאס ליד איז פאר אלעמען געווען ניי און עס איז אלעמען געפעלן געווארן. מער ערשטוינט פון אלע אנדערע איז געווען גערטרוד. און זי האט אויסגעדריקט איר שטוינען אף א גאנץ באזונדערן אופן:

שטיל און לאנג האט זי מיט אירע גרויס־צעעפנטע אויגן געקוקט נים אף גאבריעלן, נאר אף אלעמען...

— איז ער נים וואונדערבאר! — האט זינא זיך געווענדעט צו גערטרודן.

גערטרודס צופרידן־שיינענדיקע אויגן האבן אלץ געקוקט פאר זיך. און דאס פארזיכיקע קוקן האט שוין גערינט אויך פאר א צושטימונג.

מיסטער פיינמאן האט גאנץ צופרידן ארויסגעלאזן זיין ציגאר־רויך פון מויל און גוטמוטיק געזאגט צו זיין פרוי:

— ער איז דאך טאקע גאר ווייט אוועק!

און פרענקל, וואס פלעגט אין געזעלשאפט זיך שטענדיק באמיען זיין פריינטלאכער צו זיין ווייב, האט זיך אנגערופן:

— אט זעסטו, אבי דו רעדסט שטענדיק פון יאדלאווקער, פון שלע־זאק.

— ער איז וואונדערלאך — האט זיך ליזא א צעפרידענע אנגערופן און זיך יונגטלאך א הויב געטאן פון בענקל און צוגעגאנגען צו גאבריעלן, אויסגעשטרעקט צו אים איר האנט, זאגנדיק:

— איך בין באמת גליקלאך אייך צו גראטולירן. איך טו דאס פון גאנצן הארצן. איך האב אזוי פיל געהערט און געטראכט פון אייך די אלע יארן. עס איז דאך נאך פיל מער, ווי איך האב געטראכט. עס איז גוט. עס איז וואונדערלאך.

גאבריעל האט מיט זיין דורכדרינגענדיקן גרויען בליק דורכגענומען אט־דאס בראזווע, אויפגעראמטע, רויכערנדיקע ווייבל, וואס האט מיט א גאנץ וואוילן זשעסט געהאלטן איר סיגארעטל אין דער צווייטער האנט,

האט לײנגער פארהאלטן איר ווייכע האנט אין זיין האנט. אין דער מינוט האט אין איר אלץ אויסגעזען אזוי גיריק, אירע רויטע ברעמען זײנען לעבן די אויגן־דעקלאך געווען כמעט ווייס און האבן אזוי ווי ווייסער געמאכט די גאנצע הויט פון איר לייב. ער האט דערפילט, ווי א צי טאן זי צו זיך און זי אוועקזעצן הארט לעבן זיך.

— וואס. איר האט טאקע ליב אייער מאן? — האט ער ביי איר גאר פשוט געפרעגט.

די רויטע מענעריש־ווייבערשע ליזא האט פארבים[?] א ליפל, האט זיך מיטאמאל דערפילט אינגאנצן ווייב, איז רויט געווארן און האט גלייך דערויף זיך אנגערופן שמייכלענדיק:

— ער האט דאס מיר טאקע נאר־וואס געזאגט, אז איך דארף ניט רעדן פון שלעזאק און יאדלאווקער, ווען איך הער אייך.

— זענט איר דאך, הייסט דאס, גאר א קלוגע!... — האט זיך גאבריעל אפגערופן.

— נאר איר זענט ניט קיין שיינער — האט ליזא, לאכנדיק גע־ענטפערט.

— גוט — האט גאבריעל אויסגעשריען.

דער ענטפער איז גאבריעלן גאר געפעלן געווארן און ער האט זיך צעלאכט און האט לאכנדיק, ארויפגעלעגט זיין האנט אף איר ארים, העכער פון עלנבויגן. און זי האט צו אים אן אויפגראמטע אלץ ווייטער לאכנדיק גערעדט:

— מיר האבן דא אלע אזוי פיל מאל גערעדט פון אייך, געביינקט נאך אייך. אפילו מיין מאן אליין. — און איך האב מיך אייך פאר־געשטעלט אזא הויכן, א גרויסן, א דיאנים. — האט זי אביסל לאכנדיק געזאגט.

— דאנערוועטער, איר זענט קלוג! — האט ער צו איר אויסגע־שריען — און זיין חשק זי אוועקזעצן הארט לעבן זיך איז ביי אים גע־ווארן נאך שטארקער.

דער מאדאם פיינמאנס פנים איז נאך געווען פארשפינלט מיט איבערראשונג און האט אלץ געזען ווי דורך א שלייער.

די מאדאם מינדלין־פינק האט קלוג געקוקט צו גאבריעלן און ליזאן. ליזא האט מיט א קלוגן שמייכל געווייכערט איר סיגארעטל. דאס סי־

גאָרעטל האָט זיך אַנדערש ווי אַלע מאָל גערויכערט ביי ליזאַן און האָט אַזוי ווי געריייצט און אויפגעוועקט די מאַדאַם פיינמאַן. און אַז די מאַדאַם פיינמאַן האָט זיך געכאַפּט האָט זי זיך אומגעקוקט, האָט אַביסל נערוועז אַ שמייכל געטאָן צו דער מאַדאַם מינדלין און האָט זיך פון נערוועזיטעט אַ הויב געטאָן פון שטול, האָט שלאַנק און גראַציעז געמאַכט אַ באַוועגונג אַזוי, ווי עס אַרט איר גאָרניט.

מיסטער פיינמאַן האָט זיך דאָ באַגעגנט מיט מיסטער בערנשטיינס אויגן. בערנשטיין, האָט זיך אָבער גלייך געווענדט צו מיסטער מינדלין מיט דער פראַגע:

— ווי גייט עס, דאָקטאָר?

— אָ, עס גייט זייער גוט! — האָט מינדלין געענטפערט מיט אַ צו־אָפענעם שמייכל...

אין דער מינוט איז די קליינע לינאַ אַריינגעלאָפן אַ פאַרפלאַמטע און זיך גענומען קושן מיט אַלעמען. די מאַדאַם פיינמאַן האָט אָנגעכאַפּט לינאַן פאַר אַ הענטל און זי גלייך צוגעפירט צו גאַבריעלן:

— לעאָן, דאָס איז מיין אינגסטע טאָכטער — האָט זי געזאָגט.

גאַבריעל איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פון דער קליינער פאַרפלאַמטער מיידעלע, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזט ליזאַס אָרעם פון זיין האַנט, האָט אָנגעכאַפּט לינאַן, זי אַרויפגעזעצט אַף זיינע קניען, זי אַרומגענומען און גענומען קושן, אַזוי, אַז דאָס קינד האָט זיך מיט אַלע כוחות גענומען רייסן פון זיינע הענט. אַלע האָבן געלאַכט פון דעם, ווי אַזוי גאַבריעל האָט געהאַלטן לינאַן אין זיינע הענט און זי געקושט אַף די ליפּן, אַף די באַקן אַף איר האַלז, און פון דעם ווי אַזוי זי האָט זיך ניט געלאָזן און זיך געריסן פון זיינע הענט. דאָס געלעכטער פון אַלעמען האָט אויך גערט־רודם ליפּן צונויפגעלייגט אין אַ שמייכל, נאָר זי איז שרעקלאַך בלאַס געוואָרן, זיך ניט געקאָנט באַהערשן און גלייך אָנגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן, האָט געוואָלט צולויפן און אַרויסרייסן לינאַן פון גאַבריעלס הענט, און אַזוי ווי איר מאַמע האָט זיך פריער אַ הויב געטאָן פון שטול פון נערוועזיטעט, אַזוי האָט זי זיך איצט אַ הויב געטאָן, געמאַכט אַ טריט און איז איבערגעגאַנגען צו דער סאָפע, אַף וועלכער עס זיינען געזעסן ליזאַ און די מיסעס קאַלאַמאַנאָוויטש. ליזאַ האָט פאַר איר געמאַכט פּלאַץ צווישן זיך און קאַלמאַנאָוויטשעס פרוי.

— אויב איר וועט אוועקוואַרפן דאָס סיגאַרעטל, וועל איך זיך זעצן לעבן אייך — האָט גערטרוד געזאָגט צוקומענדיק צו ליזאַן.

אַלע זיינען געווען געוואוינט נאָכצוגעבן גערטרודס קאַפּריזן, האָט דערפאַר ליזא לאַכנדיק בלויז נאָך איין צי געטאָן און האָט שמייכלענדיק אַוועקגעלייגט דאָס סיגאַרעטל. גערטרוד האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַ גלײַ־כווערנדיקע אומרו האָט מיט שרעק אַרויסגעפינקלט פון אירע גרויסע אויגן. עפּעס איז זי ווי ניט איינזיצנדיק געזעסן. די מיסעס קאַלמאַנאָ־וויטש, וועלכע איז געזעסן פון דער צווייטער זייט, האָט שטיל אַרויפ־געלייגט איר האַנט אַרום גערטרודס טאַליע, האָט זיך אָבער לינאַ באַלד אַרויסגעריסן פון גאַבריעלס הענט און איז ווי אַ ווילדע גלייך צוגעלאָפן צו קאַלמאַנאָוויטשעס פרוי און מיט כעס און טרערן אין די אויגן אויס־געשריען:

— לאָזט איר ניט זיצן לעבן זיך. אייער זון, הוגאָ, איז דאָ היינט געווען צוויי מאָל און זי לאָזט אים אפילו ניט אַרויף צו זיך! זי נעמט נאָר זיינע בלומען...

אַלע האָבן זיך פון לינאַס פּלוצלינגן אויסגעשריי צעלאַכט. איבער־הויפּט פון דעם כעס אירן, נאָר גערטרוד איז פון דעם גלייך בלייך און אויפגערעגט געוואָרן, ווי אַ גרויסער פייער וואָלט זיך פון דעם אין איר בלוט צעשפּילט. זי האָט דערפילט אַט ווי די קליידער וואָלטן אויף איר מיטאַמאָל פאַרברענט געוואָרן און זי שטייט איצט אַזוי פאַר אַלע־מען און ברענט און פרירט אַ נאַקעטע.

לינאַ איז גלייך נאָכדעם אַרויסגעלאָפן. גערטרוד האָט זיך אויפ־געהויבן נאָך איר מיט אַן אויפגערייצטן שמייכל אויף די דיקע ליפּן און איז אַרויס און איז אַוועק צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי געפונען לינאַן וויינענדיק, ווי נאָר לינאַ האָט דערזען גערטרודן, איז זי צו איר צוגעפאַלן מיט אָנגעשטעלטע פויסטן און האָט מיט פאַרגרעסערטן כליפּען גענו־מען שרייען:

— ער איז אַ שמוציקער, אַן עקלהאַפטער איד! פאַרוואָס האָסטו אים געלאָזט ער זאָל מיך אַזוי פיל קושן? ! ער איז אַ פאַרפוילטער, אַ שמוציקער איד! אַ שיני!

קאַפּיטל פֿערציק

גאַבריעלן האָט מען נאָכדעם אין געלעכטער דערצײלט, אַז קאַלמאַ־נאָװיטשעס „באָי״ איז דאָס „פֿאַרליבט״ אין גערטרודן, און אַז זי איז דאָס מיט אים ברוגז נאָך פֿון לעצטן זומער, װײַל ער האָט זי אַרומגע־נומען.

— דאָנערװעטער! — האָט גאַבריעל דערױף אױסגעשריען — װי בירנערלאַך איר האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט אײַער װעלטל! דו, פֿאַניאַ, האָסט שױן אַ טאָכטער װאָס שפּילט ליבעס, און דו, קאַלמאַנאָװיטש, האָסט איר פֿאַר דעם צװעק שױן צוגעשטעלט אַ זון. עס איז אַ לעבעדיקע װעלט בײַ אײַך! און אַלײן װילט איר נאָך אױך ניט רעזיגנירן. אָך, יאָ, יאָ, און װאָס פֿאַר אַ קערל איז אָט־דער יונג דײַנער? האָט ער אירגנד װעלכע באַגאַבטקײט?

—אָ, יאָ! — ענפֿערט קאַלמאַנאָװיטש לאַכנדיק.

— װאָס איז דען זײַן באַגאַבטקײט? — דאָס מײדל, זאָגט מען, איז דאָך אַ טאַלאַנטירטע פּיאַניסטין.

— און ער איז אַ טאַלאַנטירטער בלאָפֿער — ענטפֿערט קאַלמאַנאָ־װיטש.

— אָך, אַזױ, אַזױ... — צעלאַכט זיך גאַבריעל — ביסטו דאָך אַ גוטער טאַטע.

— נו, און װאָס איז דאָ פֿון אָט־דער אַניוטקאַ געװאָרן? — אָט־די, מיט דעם קינד, פֿאַר װעלכער עס פֿלעגט זיך שמעלצן אָט־דער מיט די אױסגעבױגענע פֿיס, דער צירקוס רײַטער...

קאַלמאַנאָװיטשעס פֿרױ איז פֿון דעם גלײַך שטילער, בלאַסער און כמעט דאַרער געװאָרן. קאַלמאַנאָװיטש איז אָבער גלײַך מיט גרױס פֿרײד אַרױס:

— אָ, אַניוטקאַ אונזערע?... װאָס, דו װײסט גאָר ניט. זי האָט דאָך זיך מקריב געװען פֿאַר אונזער שליאַפּניקאָװן. אָט איך בין דאָרט

נאָר וואָס געווען מיט מיין מאַשין. אויב דו ווילסט נאָר נעם איך דיך מיט, ווען איך וועל פאָרן אהין דאָס צווייטע מאָל. איך פאָר אהין צו כמעט אַלע וואָך. עס איז כדאי זיי פאָרן אַנקוקן. זיי זיינען ביידע... ער, ברור דער, זי איז אַזאַ ליבטיקע, און ער... ער גייט איין. ביינקסט אַלע ווייזט אויס, ווערט אויפגעגעסן. און ס'אַרא גאַסט דו וועסט דאָס דאָרטן זיין. כ'אַרא גאַסט פאַר אַניוטקאַן און טאַקע פאַר שליאַפּניקאָוון אויך. כדאי אהין צו פאָרן. קום, איך נעם דיך מיט אין מיין מאַשין...

— און ער האָט שוין אַ מאַשין, איינמאָל אַ מאַשין! הא, קאַלמאַ־נאָוויטש? — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן.

— נו, וואָס לאַכסטו — זאָגט קאַלמאַנאָוויטש — עס פאַרט זיך טאַקע גאַנץ אַנדערש.

— וואָס מאַכן זיי טאַקע דאָרטן? — האָט זיך פאַניאַ פיינמאַן אָנ־גערופן.

—אַזוי זיינען זיי אַלרייט, פאַניאַ, — ענטפערט קאַלמאַנאָוויטש.

— שליאַפּניקאָוו — זאָגט גאַבריעל — דאָס איז דאָך אַט־דער דיקער אַרכיטעקט, דער רוס מיט דער פּאָעזיע... דער האָט זיך דאָך פאַר־מאָסטן קענען דער ציוויליזאַציע און אין קאָפּ איז דאָך ביי אים אַלע געַ־ווען... אַך יאָ, אַך יאָ, אַט־דער אָרמער קערל. איז מיט אים איז דאָס די אַניוטקאַ?...

אין דער מינוט איז גערטרוד צוריק אַריינגעקומען און האָט פאַרנו־מען איר אָרט לעבן ליזאַן און דער שטילער מאַדאַם קאַלמאַנאָוויטש. ליזאַ האָט דאָ גלייך אַרומגעלייגט איר האַנט אַרום גערטרודס דינער טאַ־ליע, זי צוגעבויגן צו זיך און אַ קוש געטאָן. אַף גאַבריעלן האָט פון דעם אַזש די הויט אַ ברען געטאָן און ער האָט אויסגעשריען:

— אַך, דאָנערוועטער! יאָ... — און ער איז געבליבן שטיין אַף אַ ווײַלע און האָט זיך גלייך דערוויף געווענדט צו ליזאַן: — וואָס האָבן זיי דען פריער געזאָגט פון דעם יאַדלאָווקער? דער האַלט זיך דאָך אַף דער בינע אַזוי עקיק און אַזוי שפּיציק. דער קאָן דאָך קיין איין רונדע באַוועגונג ניט מאַכן. נו, יאָ, עס איז וואָר, זיין שטימע איז עבט לויריש, באַזונדער, ווען עס קומט צו פּיאַנע, דאַן ציט ער מיט דאָס גאַנ־צע פּובליקום. דאָס איז שוין דערפאַר וואָס ער איז אַ איד. ווייל אין דעם ווײַנען איז אַ אידישער זינגער שאַן אומאיבערטראָפן.

דער יונגער סטודענט בראָוערמאַן האָט אין דעם גלײַך דערזען אַ פּאָסיקע געלעגנהײט עפּעס צו זאָגן און ער האָט גלײַך אָנגעהױבן:

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן װאָס איך נעם דאָס װאָרט. אָבער מיך װאונדערט זײער, װאָס אַזאַ מאַן װי הער גאַבריעל זאָל האָבן אַזאַ ניט ראַדיקאַלע מײנונג. הער גאַבריעל איז דאָך באַרימט אַלס ראַדיקאַל. איז װי קומט דאָס צו אים אַזאַ שאָװיניסטישער געדאַנק? איך זאָג דאָס דערפֿאַר — האָט בראָװערמאַן זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן, װײַל ער האָט דערזען, אַז אַלע קוקן אױף אים — איך זאָג עס דערפֿאַר, װײַל דער שאָװיניזם האָט זיך די לעצטע צײַט גענומען אַרײַנעסן אין אונזערע בײ־נער װי אַ געפֿערלאַכע קרענק. אָט בין איך די טעג געװען בײַ אַ לעק־ציע פֿון אײנעם אַ דאָקטאָר באַראַכאָװ. דער שאָװיניזם און די דעמאַ־גאָגיע פֿון דעם דאָקטאָר האָט מיך פּשוט אַרױסגעבראַכט פֿון זיך... אידן, טענהט ער, זײַנען אַ פֿאָלק מיט באַזונדערע אײגנשאַפֿטן. ער װיל ניט אַנדערש. פּונקט װי מען װאָלט שנײַדן אונזער פֿלײש, װאָלט זיך פֿון דעם ניט קײן בלוט, נאָר האָניק געגאָסן. און איצט קומט מיר װידער אױס צו הערן פֿון אַזאַ מענטשן װי הער גאַבריעל, אַז אידן זײַנען אַ פֿאָלק מיט באַזונדערע אײגנשאַפֿטן.

— הער סטודענט! — האָט זיך גאַבריעל אָנגערופֿן — איך האָב דאָס ניט געזאָגט. װאָרים אױב איך בין אַ נאַציאָנאַליסט, בין איך פֿריער פֿון אַלץ אַ דײַטש. איך בין אַ דײַטש! די דײַטשע מוזיק, די דײַטשע קולטור, די דײַטשע שפּראַך, דאָס איז מײַן פֿאָלק, מײַן גאָט און מײַן גלױבן. און די װײַנענדיקע אידן, די האָבן קײן לאַנד, קײן שפּראַך און זײַנען קײן פֿאָלק. דאָס זײַנען אַ באַנדע הענדלער, אַ זאַגענאַנטע אידן־באַנדע, מיט אַן אומדערטרעגלאַכער הענדלערישער מאָראַל... אַך יאָ. הער סטודענט, זײַ האָבן זיך אין מיר געגאַרט. איך בין קײן איד, אַ נײן!

— אָבער װאָס רעדסטו גאַבריעל? װאָס הײסט אַלע אידן זײַנען הענדלער? אָט, למשל, דו, איך און טאַקע אונזער יונגער פֿרײַנט בראָ־װערמאַן? — פֿרעגט פֿרענקל.

— אָבער, װאָס רעדסטו דאָרטן, — מיר זײַנען דאָך שױן לאַנג קײן אידן ניט.

— שױן גאָר אינגאַנצן קײן אידן ניט? — עי, ברודער גאַבריעל,

ברודער גאַבריעל, — האָט קאַלמאַנאָוויטש צופרידן לאַכנדיק אויסגע־שריען.

גאַבריעל אָבער האָט זיך נאָך ווייזט אויס נים געקילט דאָס האַרץ:

— נאָך גוט וואָס מען מאַכט אָפּ זיי פּאָגראָמען פון־צייט־צו־צייט — האָט ער צוגעגעבן, ווי זיך דערמאָנענדיק — מען פּאַרטיליקט זיי צו ביסלאַך. מען וואָלט דאָס נאָך געדאַרפט מאַכן אביסל אָפטער און פלינקער...

— ער איז פונדעסטוועגן פאַרט אַן אינטערעסאַנטער מענטש, אָט־דער באַראַבאַוו — האָט זיך ליזא אָנגערופן מיט אַ גרויסמוטיקן שמייכל און מיט אויפגעגלאַנצטע אויגן.

— מיט וואָס דען? — האָט גאַבריעל אומגעדולדיק געפרעגט, אָנ־קוקנדיק ליזאַס רויטן, קורצגעשוירענעם ווייבעריש־מענלאַכן קאָפּ.

— אָט, שטעלט זיך פאָר — האָט זי דרייסט קוקנדיק אָף אים געזאָגט — נאָך דער עפּידעמיע פון די „עם־עולמניקעס", וואָס האָבן דווקא געוואָלט מאַכן פּויערים פון דעם ביסל אידן אין דער וועלט, קומט זיך אַ מאַן צופאָרן, נעמט זיך צו זיין יעדער לעקציע צונויף אַ גרויסן עולם און דערקלערט זיי אַלעמאַל פון דאָסניי, אַז די העכסטע מאָראַל פון דער וועלט איז די אידישע; אַז דאָס וואונדערלאַכסטע פאָלק אין דער וועלט איז דאָס אידישע. אַז די גויים זיינען נאָך נים דערוואַקסן צו קאָנען פאַרשטיין און אויפנעמען די אידייע פון אידנטום. עס קומט עפּעס בכלל ביי אים אויס, אַז אידן זיינען די פריִיע לייבן פון דער געשיכטע, און די גוים — חזירים און בלאָטע. — האָט ליזא פאַרענדיקט מיט אַ שמייכעלע.

בערנשטיין האָט זיך אָנגערופן:

— און איך זאָג, אַז עס איז אַ פאַרברעכן, וואָס איר, ליזא, זענט פּהין געקומען אַן פאַרפוילטע אייער און טאָקע, איר — בראָוערמאַן, אויך. אין אייערע יאָרן האָבן מיר גאַנץ אַנדערש געהאַנדלט, הא, פרענקל? — האָט ער פאַרענדיקט זיך ווענדענדיק צו פרענקלען.

— אָף מיין וואָרט, — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן.

— איך מיין, מיסטער פרענקל, אַז איר וואָלט טאָקע געדאַרפט יעגן דעם עפּעס אָנשרייבן אין „דאָס ליכט" — האָט בראָוערמאַן אריינ־

גערוואָרפן — איך האָב דאָס אייך נאָך דערמאָלט, גלייך נאָך דער לעקציע, געזאָגט.

פרענקלס דערפאַרונג, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט מיט גוים, ווען ער איז בסוד אַוועק פאַרמעווען, זיינע נאָכדעמדיקע דערפאַרונגען און געשלעגן מיט די בית־המדרש־אידן — דאָס אַלץ האָט זיך פאַר אַ מינוט אויפגעהויבן און אַ וויג געטאָן פאַר זיינע אויגן און שטיל און ווייטיקדיק אויפגעוואָרימט דאָס האַרץ. און ער האָט זיך מיט אַ מאָדנער אויפגעוואָרימטקייט אין זיין קול אָנגערופן:

— אפשר, בראַווערמאַן, וואָלט איר טאַקע וועגן דעם עפּעס אָנגעשריבן? עס איז אַן ענין, וועגן וועלכן עס לוינט זיך צו פאַרטראַכטן גאַנץ ערנסט. שרייבט און איך וועל מיט פאַרגעניגען דרוקן.

— אַלע בייזע, וויסטע חלומות צו זיין קאָפּ — האָט פּלוצלינג אויסגעשריען די טיף־דעקאָלטירטע און פעטע בעלאַ בערנשטיין — האָסטו געהערט אַזוינס? אַ נייער דאָקטאָר! וואָס זאָגסטו ניט צו דעם? די גוים געפעלן אים שוין ניט. מען וואָלט דאָס געדאַרפט דערציילן מיין טאַניען. זי וואָלט אים אויסגעדראַפּעט די אויגן.

בעלאַ בערנשטיין האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט דעם, וואָס איר טאָכטער טאַניאַ איז פאַרקנסט פאַר דעם קריסט דזשאָן מעקנעל. און דאָ גאָר אַזוינע רייד וועגן די קריסטן.

גאַבריעל האָט זיך אויף איר אומגעקוקט...

בערנשטיין האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין ווייבס לשון, זיך אומגעקוקט אויף פאַניאַ פיינמאַן און פון איר צו זיין ווייב.

— וואָס האָסטו זיך צעשריען? — האָט ער איר געזאָגט מיט אַ שמייכל — האָסט מורא טאָמער וועט דזשאָן חלילה וועלן ווערן אַ איד? צי דו פאַרגינסט אים ניט דעם יחוס?

זינאַ וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל, ווי אַן איינגענורעטע קעצל געקוקט אויף די אַרומיקע און איבערהויפּט אויף גאַבריעלן, האָט זיך אינמיטן דעם שמועס וועגן בראַכאַווס לעקציע, אַלץ קלאָרער דערמאָנט אַן בערמאַנען, און אַזוי ביז זי האָט זיך אינמיטן דערינען צעלאַכט.

גאַבריעל האָט דאָס דערזען און ביי איר געפרעגט:

— און פון וואָס לאַכן זי דען, מיס פרענקל?

זינא האָט זיך פאַררױטלט. אירע אױגן האָבן אױפגעשײַנט מיט גרױס צופרידנקײט פון דעם, װאָס דער גרױסער גאַסט לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל האָט זיך צו איר געװענדט מיט אַזױ פיל פרײַנטלאַכקײט און זי האָט זיך אָנגערופן:

— מאָדנע!... איך האָב זיך גראָד דאָ ניט לאַנג געטראָפן מיט אַ זײער מאָדנעם מענטשן, און איצט האָב איך אים אַזױ װי דערזען פאַר זיך און האָב זיך צעלאַכט.

אָפּזאָגנדיק די עטלאַכע װערטער איז זינא געבליבן װי אין אַ פאַר־לעגנהײט. די מאַדאַם פײַנמאַן איז איר גלײַך געקומען צו הילף.

— אדרבא, זינא, דערצײל דאָס אונז, אפשר װעלן מיר אױך לאַכן.

—שטעלט זיך פאָר — האָט זינא אָנגעהױבן — אַז אַ מענטש נעמט מיר דערקלערן, אַז דער גאַנצער אומגליק פון די מענטשן באַשטײט אין דעם, װאָס זײ האָבן הײַזער! די מענטשן, זאָגט ער, דאַרפן ניט האָבן קײן הײַזער. זײ דאַרפן װאױנען פרײַ איבער דער ברײטער, פרײַ־ער װעלט. און נאָר דעמאָלט װעלן זײ זײַן גליקלאַך. ער האָט געזען, זאָגט ער, אַ באָרװעסן מאַנאַך אַזאַ...

פײַנמאַן האָט דאָ צעעפנט ברײט זײַנע אױגן. זיך ניט געגלױבט, אַז עס איז מעגלאַך: — אָט זאָגט אימיצער זאַכן, י״אָס ער, פײַנמאַן, האָט נאָך אַמאָל, אין דער ביבלישער ברודערשאַפט, געטראַכט. נאָר איך האָב ניט געזאָגט און אָט־דער אימיצער זאָגט...

— דאָס איז אינטערעסאַנט, — האָט פײַנמאַן אַרױסגערעדט און זיך פאַרשעמט.

גאַבריעל האָט אָנגעשטעלט זײַנע אױגן מיטן שפּיציקן נאָז אױף זינאַן און בײַ איר געפרעגט:

— זאָגט מיר נאָר, מײַן יונגע פרײַלן, װאו זענט איר געװען מיט דעם יונגנמאַן, װען ער האָט אײַך דערקלערט זײַנע אידײען װעגן מענטש־לאַכן גליק?

— בײַ אים אין צימער — האָט זי אַלץ אַ גליקלאַכע פון דעם װאָס ער װענדט זיך צו איר, ניט טראַכטנדיק געענטפערט.

— האָט דער יונגע נאָך־װאָס אַנדערש געטאָן מיט אײַך פאַר זײַן און אײַער גליק? — האָט גאַבריעל ניט אָפּטרעטנדיק געפרעגט.

זינא איז נאָך מער רויט געוואָרן און אַזוי ווי אומבאַשטימט אַרויס־גערעדט:

— מאָדנע...

פרענקל און ליזא זיינען ביידע אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער טאַכטערס פאַרלעגנהייט און האָבן, פונדעסטוועגן, געשמייכלט.

— לעאָן, וואָס ווילסטו דאָ האָבן? ! — האָט זיך די מאַדאַם פיינמאַן אַריינגעמישט.

— מיר שיינט, אַז דער יונגע מוז שוין זיין איינער פון יענע מאַראַל־אייזלען, איינער פון יענע פאַרדאַמטע וועלט־פאַרזאָרגער, וואָס מען וואָלט געדאַרפט אוועקלייגן אינמיטן גאַס און שמייסן אַף דעם הוילן לייב. און אַט־דער דאָקטאָר באָראָכאָוו... גאָט פאַרדאַמט. דאָס קלינגט דאָך אַלץ, ווי אַ ניי געוויקס פון אייער אמאַליקער ביבלישער ברודער־שאַפט. און אַט־די, ווי רופט איר זיי דאָרט, אַט־די „עם־עולמניקעס". דאָס קלינגט דאָך אויך, ווי אַ ווידערגעוואוקס פון אַט־דער ביבלישער אייזלשקייט אייערער און איר רעגט זיך נאָך דאָ באַשיינפּערלאַך אויף פון אייער אייזלשקייט, ניט וואָר?

דער עולם האָט זיך פון גאַבריעלס לעצטע רייד דערפילט, ווי גע־שמיסן אַף אַ וואונדיקן אָרט און האָט פונדעסטוועגן גראָד געשמייכלט פון דעם.

— נו, די ביבלישע ברודערשאַפט איז געווען אַ גאַנץ אַנדער' זאַך — האָט זיך בערנשטיין אָנגערופן — דאָס איז ערשטנס געווען ניט בלויז ערד־אַרבעט, נאָר בכלל אַ באַוועגונג פאַר פּרוכטבאַרער באַשעפ־טיקונג.

— און דערצו איז דאָס ניט געווען קיין באַוועגונג בלויז פאַר אידן, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט — האָט זיך קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן — און דערצו טאַקע די ביבל. מיר האָבן דאָך טאַקע געלערנט די ביבל.

— געדיינקסט אַט־די ביבל מיט די טרוקענע ביינער אין דעם טאָל? אַ שרעק פלעגט דורכגיין איבערן לייב — האָט זיך די אויס־געגלייכטע ליא קאַלמאַנאָוויטש אָנגערופן. דער עולם האָט זיך איבער־געקוקט און איר חברטע, בעלא בערנשטיין, האָט אונטערגעכאַפּט:

— יאָ, יאָ, ליא, געדיינקסט אַ פינצטערע נאַכט און אַזוי פיל טרו־קענע ביינער. און אַט שטעלן זיך די ביינער צונויף, שטעלן זיך אויף

און באַציען זיך מיט לעבן, מיט הויט און מיט לייב, און דער נביא...

— אָבער לאָזן זיי שוין די פּראָפּעטן צום טייוול — האָט זיך גאַבריעל אומגעדולדיק אָנגערופן — ווער דאַרף דאָ די פּראָפּעטן.

זי איז געבליבן שטיל און גאַבריעל האָט זיך נאָך דעם שמייכלענדיק גלייך אויפגעהויבן פון זיין שטול, איז צוגעגאַנגען צו זינאַן, האָט מיט זיין האַנט לייכט אָנגענומען איר גוידער און פרעגנדיק, געזאָגט:

— נו, שטעלט זיך פאַר — אַ מאַן זעצט זיך אַוועק אין זיין צימער מיט אַזאַ יונגער און בלוטיקער מיידל און רעדט מיט איר וועגן וועלט-שמערץ? דער מוז דאָך אַיין גאַנץ פּאַרדאַמטער אייזל זיין. ניט וואָר?

זינאַ איז געבליבן רויט און ציטערדיק, אירע אויגן האָבן געשיינט, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אַלע האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויך געשמייכלט. נאָר נערוועזער און צערייצטער, און האָבן פון איר די אויגן ניט אַראָפּגענומען.

דער קליינער גאַבריעל האָט אָפּגעלאָזט זינאַן און זיך געווענדט צו גערטרודן:

— און וואָס זאָגט איר דערויף, מיס פיינמאַן? — דערביי האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט אויך געוואָלט אָנרירן גערטרודן ביים קין.

פרענקל האָט דאָ מיטאַמאָל דערזען גערטרודן אַזאַ אויפגערעגט-בלאַסע און מיט אַזוינע שרעקלאַך גרויסע צעשראָקענע אויגן, און ער האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקן פאַר גאַבריעלס באַוועגונג און האָט כמעט ווי אַ̈יסגעשריען מיט שרעק:

— גאַבריעל, וואָס ווילסטו?!...

גאַבריעל איז פון דעם געבליבן אָפּהענטיק. ער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַנידערגעזעצט.

נאָר אָט-די מאָדנע איינגעשפּאַרטקייט פון אָט-דער בלאַסער מיידל האָט אים אַ שלאָג געטאָן ווי אַ פייער אין פּנים. און ווען ליזאַ האָט גלייך נאָכדעם ווידער מיט אַ גוטן שמייכל אַרומגענומען גערטרודן, האָט זי צוגעבויגן צו זיך און אַ קוש געטאָן, האָט גאַבריעל דערפילט, אַז די גאַנצע הויט אַפן לייב האָט אים אַ ברען געטאָן.

מינדלין האָט דערביי די גאַנצע צייט געקוקט אַף אַלעמען און גע־מראַכט: „אָט דער גאַבריעל איז דאָס, ווייזט אויס, אַראָפּגעקומען צו לערנען בלק מיטן עולם... גאַבריעל, לעאָנאַרדאָ מ. גאַבריעל!" — האָט ער געטראַכט און געשמייכלט. — „ער וויל שוין איצט ניט נאָר זיי אַליין, ער וויל אויך די קינדער זייערע. היט זיך, חברה! מיך האָט מיין ווייב אָפּגעהיט. זי האָט זיך באַוואָרנט, אַז איך זאָל קיין קינדער ניט האָבן" — און ער טראַכט מיט ביטערקייט פון זיך אַליין, — „מיר איז גוט".

— נו און וואָס זאָגסטו? — האָט זיך מינדלין געווענדט מיט אַ שמייכל צו פיינמאַנען. — דו האָסט, דאַכט זיך, פריער עפּעס געוואָלט זאָגן.

— כ'ווייס... גאָרניט. וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט פיינמאַן דער־רויף גוטמוטיק געענטפערט, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך, אַז ער האָט טאַקע גאָרניט וואָס צו זאָגן. נאָר אָנשטעלנדיק זיינע אויגן אַף דער כינעזישער וואַזע, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים, און אַרויסלאָזנדיק פון כוויל דעם פריש־אָנגעצויגענעם רויך פון זיין גראָבן ציגאַר, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער ווייסט יאָ וואָס צו זאָגן:

„געסט האָבן גענומען קומען. גאַבריעל איז געקומען. עפּעס אַ באַרוועסער מאַנאַך, איז געקומען. די הייזער וויל ער צעברעכן... געסט, געסט... געקומען... און מיט זיי זיינען געקומען אמתן אַזוינע.... פאַניא איז שיין און אויפגערעגט, מיין שטאָלצע גערטרוד איז בלאַס. די קליי־נע לינאַ איז אַנטלאָפן און ווייזט זיך ניט מער... פאַניאַ און גערטרוד קוקן איצט אויס ווי נאָר־וואָס געקומענע פון ערגעץ אַ ווייטן לאַנד, ווי נאָר־וואָס אַרויסגעקומענע פון כינעזישע וואַזן. פון ערגעץ ווייטע ווייטן וואַזן געבראַכט. געסט. די פאַרכישופטע וואַזן דאָ ביי אים אין הויז אַוועק־געשטעלט און פון די וואַזן זיינען דאָס די אַלע געסט אַרויס. יעדער גאַסט ברייננגט מיט זיך אַ באַזונדער ליכט. יעדער איז אַ גאַסט. מיט זיך און מיט זיין ליכט אַ גאַסט. יעדער מענטש שפּרייט פון אַרום זיך אַ באַזונדער ליכט אַזאַ. און אַנדערש איז דאָס ליכט פון יעדן מענטשן, ווי אַנדערש איז דער טאָן, וואָס קומט אַרויס פון יעדן קלאַוויש אַף דער פּיאַנע. און מענטשן זיינען פאַראַן, וואָס קאָנען אָפּזאָגן זייערע געדאַנקען און איינפאַלן קלאָר און פשוט, און עס קומט ביי זיי אַרויס גוט, און מענטשן זיינען פאַראַנען, וואָס קאָנען ניט. דאָס ליכט וואָס

טויכט אויף פון אָרום יעדן מענטשן איז זײַן ניט־באַהאַלטענער אמת. פאָטאָגראַפירן וואָלט מען געקאָנט אָט־דאָס ליכט פון יעדן מענטשן און אים דאָס נאָכדעם ווײַזן, — זע מענטש דײַן אמת, דײַן ליכט...״

יאָ ער האָט וואָס צו זאָגן דער גוטער פײַנמאַן, נאָר זאָגן זאָגט ער ניט, ער טראַכט בלויז. אפשר ווײַל ער שעמט זיך און אפשר דערפאַר וואָס ניט ער טראַכט די טראַכטונגען נאָר דאָס זײַנען טראַכטונגען וואָס טראַכטן זיך אַליין...

„יאָ אַלע אין הויז זײַנען געסט... געסט זײַנען געקומען. געסט״.

קאַפּיטל איינאונפֿערציק

פֿאַראַנען מענטשן וואָס קאָנען זיצן מיט זיך אַליין און טראַכטן טיף און ערנסט און דאָך ווייסן זיי אַליין ניט קלאָר פֿון וואָס זיי טראַכטן. און אַט־דאָס אומבאַוואוסטע טראַכטן באַשטימט פֿונדעסטוועגן פֿאַר זיי זייערע האַנדלונגען און לייגט זיין שטעמפּל אַף זייערע באַוועגונגען און אַפֿילו אויך אַף דעם קלאַנג פֿון זייערע שטימען.

איינע פֿון אַט־די מענטשן איז אויך געווען פֿיינמאַנס טאָכטער, די גרויס־אויגיקע גערטרוד. און אין דעם אָוונט, ווען גאַבריעל און אַלע אַנדערע געסט זיינען שוין אַוועק פֿון זייער הויז, איז זי נאָך לאַנג געזעסן אַליין אין איר צימער און געטראַכט, ניט קלאָר ווייסנדיק פֿון וואָס. און ערשט ווען אין הויז איז שוין געווען גאַנץ שטיל, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און זיך גענומען אויסטאָן. די קליינע לינאַ האָט זיך דורכגעוואָרפֿן און גענומען קוקן אָט אַף גערטרודן און אָט אַף הונאָס בלומען.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, לינאַ? — האָט ביי איר גערטרוד געפֿרעגט.

— גאָרניט. וואָס, דו האָסט זיך שוין געוואַשן?...

— וואָס איז דען? — האָט ביי איר גערטרוד געפֿרעגט, ניט פֿאַרשטייענדיק אין וואָס עס גייט דאָ לינאַן.

— גאָרניט. גלאַט אַזוי — האָט לינאַ געענטפֿערט.

גערטרוד האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און איז אַרויס. ווען גערטרוד איז אַריינגעקומען צוריק אַן איינגעוואַשענע, האָט זי געטראָפֿן די וואַזע מיט הונאָס בלומען אַף דער ערד ביי דער צוקאָפּן זייט פֿון איר בעט.

— פֿאַרוואָס האָסטו דאָ אַוועקגעשטעלט די בלומען? — האָט זי געפֿרעגט ביי לינאַן.

לינאַ האָט זיך געמאַכט שלאָפֿנדיק און ניט געענטפֿערט.

— הונאָ האָט דאָס דיר געהייסן אַזוי טאָן? — האָט גערטרוד ווייטער געפרעגט.

לינאַ האָט געהאַלטן פאַרמאַכט אירע אויגן און ניט געוואָלט ענט־פערן.

גערטרוד איז געבליבן שטיין, געטראַכט אַ ווײַלע, דערזען פאַר זיך דאָס פענצטער. אין פענצטער איז דאָ הימל און שטערן און אַ שטיק פון דעם אַנטקעגנדיקן דאַך. און אָט איז דער שטערן!... איר שטערן! און זי איז אין אַ ווייסן נאַכט־העמד און זי איז אַזוי הויך. העכער פון אַלעמען... און בלומען שטייען לעבן איר בעט. און זי האָט פליגלען, גרויסע, ווייסע פליגלען, וואָס צעעפענען זיך אַזוי ווי בלעטער פון אַ ווייסער רויז, ווי ווייסע זעגלען אַף אַ שיף. און אַלע מענטשן, וואָס זי קאָן, רעדן פון אמתן, פון אַסאַך אמתן. און זי ווייסט ניט וועלכער אמת איז דער אמתער. און ערגעץ האָט זי אַמאָל אין אַן אָוונט געזען איינעם וואָס האָט אונטער דעם שיין פון אַ פאַקל גערעדט צו אַסאַך מענטשן און געזאָגט: „ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת", ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ!" — און זי האָט נאָכדעם אַליין גע־רעדט צו דעם מענטשן און זי האָט מיט איר האַנט געהאַלטן זיין האַנט. זיין האַנט האָט אַ גראָבע הויט און האָט מאָזאָליעס פּונקט ווי די הענט פון דעם פאַרם־יונג פון וועלכן זי טראַכט אָפט. בלויז איינמאָל האָט זי זיין האַנט געהאַלטן און זי געדיינקט זי אַזוי לאַנג — אַזאַ האַרטע האַנט, אַ גרויסע. זי ווייסט אפילו ניט ווי עם הייסט דער מאַן פון אָט־דער האַנט. נאָר זי געדיינקט קלאָר זיין פּנים און די צעפּאַטלטע האָר פון זיין קאָפּ. — — —

„ווי אַ ווייסער פויגל וועט זיך דער אמת פאַר אייך אויפהויבן און מיט ווייט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען וועט ער שוועבן איבער אייערע קעפּ. ווי אַ ווייסער פויגל איז דער אמת".